STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06337

# FUN VOLOZIN BIZ YERUSHOLAYIM

Meir Bar-Ilan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# כתבי הרב מאיר ברלין

הרב מאיר ברלין

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

עפּיזאָדען

ערשטער באַנד

ניו יאָרק, תרצ״ג
1933

Copyright, 1933, by
RABBI MEYER BERLIN
New York, N. Y.

אָריאָם פרעס, אינק.
42 וועסט 18טע סט.,
ניו יאָרק, נ. י.

לזכר אמי מורתי

אם לתורה, רבתי בדעה וכבירה במעשים

**הרבנית (חי') בתי' מרים ברלין**

ז"ל הכ"מ

אשר האירה בתבונה, צדקתה ופעולתה
מוולוזין ועד ירושלים עה"ק.

לוקחה ממני, משפחתנו ומרבבות מעריציה
בירושלים עה"ק ביום כ"ד שבט שנה זו
היתרצ"ג.

# אינהאַלט

## ערשטער באַנד


הקדשה — 5
פון די אַרויסגעבער — 9
אַ פּאָר ווערטער — 11

א. די גרויסע שרפה — 13
ב. אַן אַלטע מסירה — 18
ג. וואָלאָזינער ישיבה — 22
ד. נאָכ'ן חורבן — 28
ה. דער „בית הרב" — 33
ו. די נייע ישיבה — 41
ז. דער ישיבה'שער לעבען אויסערליך — 46
ח. דער ישיבה'שער לעבען אינערליך — 53
ט. די רביצין — 61
י. אונרוהיגע צייטען — 67
יא. דער ראש־ישיבה — 77
יב. דער וועלט־מענש — 86
יג. אין שטוב און אין חדר — 93
יד. אַרום דער ישיבה — 103
טו. דער אָנהויב פון סוף — 112
טז. אינווייניגסטע שוועריגקייטען — 118
יז. וואַקלענדיגע טעג — 124
יח. ארץ ישראל און וואָלאָזין — 131
יט. דער אונטערגאַנג — 138
כ. די ערשטע טעג נאָכ'ן חורבן — 145
כא. אין גלות — 151
כב. אויפ'ן וועג אין ארץ ישראל — 158
כג. צוגענומען די שליסלען — 167
כד. די גרויסע וועלט — 173
כה. פון דערווייטענס און נאָהענט — 181
כו. פאַרשידענע טיפּען רבנים און גאונים — 188
כז. האָפענונגען און ערוואַרטונגען — 196
כח. אין טעלזער ישיבה — 203
כט. אנערקענטער אויטאָריטעט — 211
ל. דער איבערמענש — 217
לא. דער מוסטער מענש — 224
לב. חכמה און פקחות — 232

## צווייטער באַנד


לג. דער בליק אין דער צוקונפט — — — — — — — — — — — — 243
לד. דער מיטשעטער עלוי — — — — — — — — — — — — 252
לה. געגען ציוניזם, פאַר ארץ ישראל — — — — — — — — — — 260
לו. מחלוקת וועגען מוסר — — — — — — — — — — — — 267
לז. דער „ערוך השלחן“ — — — — — — — — — — — — 274
לח. דער מוסטער רב — — — — — — — — — — — — 282
לט. קולא'ס און חומרות — — — — — — — — — — — — 290
מ. צווישען גבירים — — — — — — — — — — — — 299
מא. דער גרויסער שוויגער — — — — — — — — — — — — 307
מב. רבנישער אויטאָריטעט — — — — — — — — — — — — 314
מג. „וואו דער גיהנום ברענט“ — — — — — — — — — — — — 321
מד. נייע פראָבלעמען — — — — — — — — — — — — 330
מה. למעלה מן המקום — — — — — — — — — — — — 337
מו. פאָגראָם שרעקען — — — — — — — — — — — — 345
מז. מאָדערנע לומדים און אייגענאַרטיגע לומדות — — 352
מח. הערצל'ס טויט — — — — — — — — — — — — 362
מט. דער זיבעצנטער קאָנגרעס — — — — — — — — — — — — 368
נ. די ערשטע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד — — — — — — — 375
נא. „ירושלים דליטא“ — — — — — — — — — — — — 381
נב. כלל־אַרבייט — — — — — — — — — — — — 387
נג. לידא'ר ישיבה — — — — — — — — — — — — 393
נד. א אידישער גביר — — — — — — — — — — — — 399
נה. דייטשע אָרטאָדאָקסי — — — — — — — — — — — — 407
נו. לאָנדאָנער יודענטום — — — — — — — — — — — — 415
נז. די מזרחי קאָנפערענץ אין בערלין — — — — — — — — 423
נח. די ערשטע קאָנפערענץ פון אגודת ישראל — — — — — — 431
נט. צוויי קאָנטראַסטען — — — — — — — — — — — — 438
ס. דורך גאַליציען — — — — — — — — — — — — 445
סא. יאַסי און בודאַפעסט — — — — — — — — — — — — 452

אינדעקס פון נעמען און שטעט — — — — — — — — — — 461


## בילדער


דער טאַטע ז"ל רבי נפתלי צבי יהודה ברלין
די מאַמע ז"ל הרבנית בתיה מרים ברלין
רבי אליהו חיים מייזעל
רבי שמואל מאָהילעווער
רבי חיים סאָלאָווייציק
רבי אלעזר גאָרדאָן
רבי יחיאל מיכל הלוי עפשטיין
רבי רפאל שאַפּיראָ
רבי חיים ברלין
רבי יצחק יעקב ריינעס.

# פון די ארויסגעבער

## שאל נא לדור ראשון וכונן לחקר אבותם (איוב, ח׳)

דער „ו ע ד  ל ה ד פ ס ת  כ ת ב י  ה ר ב  ר׳  מ א י ר  ב ר ל י ן", וועלכער איז צוזאמענגעשטעלט פון די חשוב׳סטע רבנים, באריהמטע ליטעראטען און פראמינענטע בעלי בתים, באגריסט און ווינשט גליק אונזער גרויסען פיהרער  ה ר ב  ר׳  מ א י ר  ב ר ל י ן, צו דער ערשיינונג פון די ערשטע צוויי בענדער פון זיינע הונדערטע מאמרים און באלעהרענדע שריפטען אין חכמת ותורת ישראל, וועלכע ער האט געשריבען, א קליינעם טייל פון זיי אין אידיש, אבער דער הויפט און גרעסטער טייל אין העברעאיש.

דער אויבען-דערמאנטער ועד באגריסט אויך די טויזענדער פאר־עהרער פון דעם גרויסען תלמיד חכם, דער זוהן פון דעם גרויסען גאון ר׳ נ פ ת ל י  צ ב י  י ה ו ד ה  ב ר ל י ן  זצ"ל. וויל דער ועד, וועלכער האט גענומען אויף זיך די פארגעניגענדע ארבייט פון פובליצירען די שריפטען פון הרב רמ"ב אין זיכער, אז ער האט דערמיט ערפילט דעם פארלאנג פון טויזענדער און צענדליגע טויזענדער אידען אין דער גאנ־צער וועלט, וועמעס וואונש עס איז, אז יעדערווארט וועלכער איז גע־זאגט און געשריבען פון דעם אדם גדול זאל ניט פארגעסען ווערען.

וויל יעדער פון אונז אנערקענט די גרויסקייט פון דעם מחבר פון די שריפטען און ליבט און אכטעט איהם, ווי עס פארדינט א מענש פון הויכער ווירדע, וועלכער פארקערפערט אין זיך דעם שלשלת היוחסין פון דורות.

וויל הרב בערלין איז ניט נאר דער גרויסער רעדנער, פון וועמעס הארץ און מויל עס פליסט הייליגער פייער פון קדושה און השתפכות הנפש צו תורה און ארץ ישראל, נאר ער איז אויך באגאבט און פאפולער אלס גרויסער שרייבער. אין זיינע שריפטען געפינט מען טיפע רעיונות בנוגע דעם אידיש־רעליגיעזען און מאדערנעם לעבען. הויכע אידעאלען, טעאריען און בליציג־גאונישע אנאליזירונגען וועגען אידישע צייט־פראגען, און זיינע געדאנקען זיינען אימער באפוצט מיט א זאנפטיגע שפראך, הן אין אידיש און ספעציעל אין זיין ליבלינג־שפראך העברעאיש.

אין דעם נאמען פון „ועד ההדפסה" וויל איך באקאנט מאכען, אז די צוויי חלקים זיינען נאר א התחלה פון נאך פילע טיילען וועלכע זיינען געשריבען אין העברעאיש און אנטהאלטען הויכע וויסענשאפטליכע ענינים.

די אורזאכען ווארום דער ועד האט געפונען פאר נויטיג אנצופאנגען מיט ארויסגעבען די צוויי ביכער געשריבען אין אידיש, זיינען פאלגענדע:

ע ר ש ט ע נ ס, ווייל די ארטיקלען פון די צוויי ביכער, וועלכע זיינען באטיטעלט מיט דעם נאָמען „פון וואָלאָזשין ביז ירושלים" זיינען געלעזען געוואָרען מיט גרויס בייפאַל אין דער צייט ווען זיי זיינען געדרוקט געוואָרען אין „מאָרגען זשורנאַל", און דער פאַרלאַנג פון די טויזענדע לעזער פון די ארטיקלען איז געווען דאָס מען זאָל זיי ארויסגעבען אין א בוך־פאָרם, און דאריבער האָט דער ועד באנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט, כדי מעגליך צו מאַכען די ארויסגעבונג פון אַלע איבעריגע וויכטיגע העברעאישע שריפטען.

צ ו ו י י ט ע נ ס, ווייל די באשרייבונג און כאראקטעריזירונג פון די גאונים און גרויסע פערזענליכקייטען וועלכע הרב ר' מאיר ברלין מאַהלט אין דיזע ביכער, אונטערשיידען זיך פון אַנדערע באשרייבונגען פון דעם סאָרט דערמיט, וואָס זיי זיינען ניט צונויפגעשטעלט מפי השמועה נאָר זיינען געשריבען פון די פעדער פון א מענשען, וועלכער טראָגט אין זיך א טייל פון זייערע נשמות און האָט איינגעזויגען זייער חכמה און מדות טובות.

ד ר י ט ע נ ס, ווייל די צוויי קלינגענדע נעמען „וואָלאָזשין און ירושלים" זיינען די כחות וועלכע האָבען געגעבען דעם אידישען פאָלק דעם ג ר ו י ס ע ן ע ס ק ן א ו ן מ ז ר ח י פ י ה ר ע ר ה ר ב ר' מ א י ר ב ר ל י ן. „ו ו א ָ ל א ָ ז י ן" איז די וויגעלע, וועלכע האָט אויסגעוויגט און ערצויגען דעם פאַרפאַסער אין קדושה און תורה, און האָט איהם געגעבען גייסט און קדושה פאַר די ארבייט פאַר ארץ ישראל און ירושלים, און דאריבער געפינען מיר פאַר נויטיג, אז דער ערשטער ארויסגאַנג פון ר' מאיר ברלין'ס ביכער זאָל טראָגען און באַ־צייכענען די צוויי נעמען, וועלכע זאָגען עדות פון וואַנען אונזער פריינד, און עסקן שטאַמט און אויף וואָס ער גיט אָפּ זיין כח און טיפען מח.

זייענדיג זיכער אין די שטיצע, וועלכע דער אידישער פובליקום וועט איהם געבען אום דורכצופיהרען אונזער אונטערנעמונג פון ארויסגעבען דעם מחבר'ס אַלע כתבים, באדאנקען מיר זיי אין פאָראויס און מיר ווינשען אין זייער נאָמען און אין נאָמען פון אַלע חברי הועד, אונזער באַליבטען פיהרער, ה ר ב ר' מ א י ר ב ר ל י ן, פילע יאָהרען פון גליק און עסקנות אויף דעם געביט פון אַלעם וואָס איז טייער און היילינ ביי אונז אידען.

ונזכה כולנו לראות בגאולת ישראל.

בברכת ציון,

**ועד להדפסת כתבי הרב ר' מאיר ברלין**

**הרב יעקב לעווענזאָן, יושב־ראש.**

צעהן

# עטליכע ווערטער

ווען די צוויי און זעכציג קאַפּיטלען „פון וואָלאָזין ביז ירושלים" זיינען געדרוקט געוועזען אין דעם „אידישען מאָרגען זשורנאַל" אין ניו יאָרק, איז געזאָגט געוואָרען פאָלגענדעס „אלס הקדמה":

„די סעריע עפּיזאָדען באצוועקען ניט צו געבען ביאָגראַפישע נאָטיצען אָדער שטעלען וועמען עס איז אין פאָדער־גרונד פון די ערצעהלונגען און באַשרייבונגען. עס איז נאָר דער וואונש צו איבערגעבען צעהנדליגע און הונדערטע צופעלע און איינפעלע, פּאַסירונגען און איבערלעבונגען, גרעסערע און קלענערע, וועלכע דארפען אינטערעסירען די לעזער. זיי דאַרפען זיין אינטערעסאַנט סיי צו די יעניגע וועלכע האָבען אַליין מיטגעלעבט די עפּאָכע און דורכגעלעבט אַ טייל פון די עפּיזאָדן, און סיי צו די לעזער וועלכע האָבען נאָר געהערט פון דערוויטענס אָדער געלייענט אַלגעמיינע שטריכען פון יענער צייט, די איינצעלהייטען איז זיי אָבער אונבאַקאַנט.

„עס איז פאָראויס צו באמערקען: די עפּיזאָדען זיינען ניט שטענדיג איבערגעגעבען כראָנאָלאָגיש. זיי האָבען גיכער אַן אינערליכען סדר, וועלכער בארוהט נאַטירליך אויף אַ געוויסער סוביעקטיוויטעט. די פאקטען אָבער אַן און פאר זיך, ווערען דערצעהלט מיט דער גרעסטער מאָס אָביעקטיוויטעט, ווי ווייט עס איז נאָר מעגליך.

„און נאָך אַ באַמערקונג: לעבעדיגע פערזאָנען ווערען ניט דערמאָנט מיט זייערע נעמען".

ביים איבערגעבען איצט צום דרוק אלס בוך דיזעלבע ארטיקלען, מיט איין קאַפּיטעל — דעם ניינטען — מעהר, אלס א טייל פון מעהרערע ביכער: מאמרים און כתבים אין העברעאיש און ארטיקלען און אָפּהאַנדלונגען אין אידיש, דורך די פארמיטלונג פון א חשוב'ען קאָמיטעט אונטער'ן פאָרזיץ און מיט די מיטהילף פון מיינע חשוב'ע פריינד און לאַנג־יעהריגע מיטארבייטער הרב יעקב לעווינסאָן און מר אברהם כהן, איז נויטיג צוצוגעבען נאָך א פּאָר ווערטער.

דער בייפאַל פון די ארטיקלען „פון וואָלאָזין ביז ירושלים" אין פארשידענע קרייזען, סתם־לעזער אזוי גוט ווי באקאנטע שריפטשטעלער, רבנים אזוי גוט ווי וועלטליך געלערנטע, זאָגאר ביי פערזאָנען וועלכע זיינען ווייט, אינערליך און אויסערליך, פון דעם אינהאלט פון די אר־

טיקלען און באשרייבונגען — באוויזט אז עס איז אויסגעפילט געוואָרען אַ געוויסער בלויז אין אונזער ביאָגראַפישער און מאָנאָגראַפישער ליטעראַטור.

עס זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען פיר די לעצטע צעהנדליגע יאָהרען פיל היסטאָרישעס מאַטעריאַל פערבונדען מיט געוויסע פערזאָנען אָבער אַלץ אָדער פון ח ס י ד י ש ע ן קרייז אָדער פונ׳ם מ ש כ י ל י ש ע ן און מאָדערנעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן לעבען. וואָס אנבעטרעפט די מ ת נ ג ד י ש ־ ר ב נ י ש ע וועלט, וועלכע האָט צו טאָן מיט דעם לעבען פון גדולי התורה, ראשי־ישיבה און רבנים עסקנים איז כמעט ווי גאָרניט דערצעהלט געווארען און געשריבען געוואָרען. אפילו וועגען די וואָלאָזינער ישיבה, די גרעסטע ישיבה און דער שטאַרקסטער אידישער קולטור צענטער אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט, איז, בערך צו די וויכטיגקייט און איינפלוס, זעהר ווייניג געדרוקט געוואָרען.

מיט דעם בוך „פון וואָלאָזין ביז ירושלים" — וועלכער איז נאָר אַ חלק פון דעם וואָס עס איז דאָ מאַטעריאַל און ערוואַרטונג צו שרייבען — איז נאָך ווייניג געהאָלפען געוואָרען אין דעם דערמאָנטען פראָבלעם, אָבער, אפשר וועט דאָס דינען אַלס אַ גוטער אָנהויב.

מ. ב.

נ. ב. די אָרטאָגראַפיע „ו ו אָ ל אָ ז י ן" איז ווי עס איז אָנגענומען צו שרייבען אין אידיש. אין גטין און כתובות פלעגט מען שרייבען „וולאָזין".

## א.

# די גרויסע שרפה

די שטעדטעל ו ו א ל א ז י ן און די י ש י ב ה אין וואלאזין זיינען געווען צוויי וועלטען. ניט די בעלי בתים פון שטאדט האבען זיך געמישט אין ישיבה־אנגעלעגענהייטען, און נאטירליך האבען די ישיבה־לייט ניט אינטערסירט זיך מיט שטאדטישע ענינים. די איינוואוינער פון וואלאזין זיינען געשטאנען, בנוגע צו דער ישיבה, אין א געוויסע מדרגה נידריגער פון די איינוואוינער אין אלע אנדערע שטעדט און שטעדטלאך אפילו אין דערזעלבער סביבה. אין דער צייט ווען איבעראל זיינען געפאהרען משולחים זאמלען געלד פאר דער ישיבה און אויך אין די קלענסטע שטעדטלעך און דערפער וואו אידען זיינען געזעסען, פלעגט קומען איין מאל א יאהר „דער וואלאזינער משולח” נעמען די יעהרליכע נדבות, און די אידען זיינען שטאלץ געווען אויף דעם וואס זיי העלפען דעם גרעסטען תורה־אנשטאלט אין דער וועלט, האבען די וואלאזינער אידען דעם פאר־געניגען ניט געהאט.

אין וואלאזין גופא האט מען קיינמאל ביי קיין בעל־הבית גענומען עטוואס פאר דער ישיבה אדער פאר די ישיבה־לייט. אויב דאס איז מיט א כונה פון די ערשטע גרינדער פון דער ישיבה באשאפען געווארען אדער עס האט זיך פון זיך אליין אויסגעבילדעט — דער פאקט איז אבער, אז די שטאדט האט הנאה געהאט פון דער ישיבה, דורך די הונדערטע ישיבה־לייט, וועלכע האבען געצאהלט פאר וואוינונג־אכסניות און פאר זייער עסען. און די ישיבה האט פון דער שטאדט קיין הנאה געהאט. „טעג” האט מען ניט געגעסען, אויך ניט קיין „שבתים”, אלע איז געווען פאר באצאהלונג.

נאר ביי אויסערגעוועהנליכע פעלע זיינען געווארען די שטעדטעלשע בעלי הבתים און ישיבה־לייט גלייכגעשטעלט, אלע האבען צוזאמען גע־ארבייט און געטראגען די לאסט. איינע פון די וויכטיגסטע מאמענטען ווען מען איז געווארען גליך, איז געווען דער פאל פון א שרפה. שרפות זיינען דאן בכלל געווען א נארמאלע ערשיינונג. יעדען זומער האט מען אזוי ווי ערווארטעט צו וויסען וועלכע שטעדטעל האט אפגעברענט האלב אדער גאנץ. דאס אפברענען פון א שטעדטעל איז געווען אזוי נאַ־טירליך ווי דער טויט פון אן אלטען קראנקען מענשען. די הייזער אין

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

די שטעדטלאך זיינען געווען הילצערנע, די דעכער — אָדער פון האָלץ, אָדער פון שטרוי, און אַלץ איז געוואָרען אויסגעטריקענט ביז גאָר. דער קלענסטער פונק וועלכער איז ארויפגעפאַלען אויף א דאַך, האָט אָנגעצונדען דעם דאַך מיט די ווענט צוזאַמען. און ווי נאָר איין הויז האָט געברענט, זיינען אַלע הייזער ארום געווען אין געפאַהר. וואַסער איז געווען ווייניג, אינסטרומענטען כמעט ווי גאָר ניט, און ביי דעם קלענסטען ווינט האָט דער פייער פאַרניכטעט אויף רעכטס און לינקס, ביז עס איז ניט געווען מעהר וואָס עס זאָל ברענען.

וואָלאָזין איז אויך ניט געווען קיין אויסנאָם. און יעדען זומער האָט מען געלעבט אין שרעק פון א שרפה. אין בעל־בתישע הייזער זיינען געווען ספּעציעלע קאַסטענס אויף רעדלאך וואו מען זאָל קענען ארייגווארפען דאָס ביסעל באַלעבאַטישקייט און ארויספיהרען זיי אויסען שטאָדט וואו עס זיינען מעהר ניטאָ קיין הייזער. די „גרויסע שרפה" איז געקומען דעם זומער תרמ"ו. דאָס הייסט אזא שרפה וועלכע האָט געמאַכט א מין נייע עפּאָכע אין דעם לעבען פון דער וואָלאָזינער ישיבה — וואָס האָט געמיינט אין יענער צייט, אין דעם גאַנצען אידישען קולטור־לעבען — און ניט נאָר אין דער שטעדטעל אליין. די שרפה האָט אויסגעבראָכען פרייטאָג פאַר האַלבען טאָג, ווען די ישיבה־לייט זיינען נאָך געווען אין דער ישיבה און האָבען געלערנט.

דער פרייטאָגדיגער טאָג האָט געטראָגען א גאַנץ באַזונדערען כאַראַקטער ביי די ישיבה־לייט. ביז האַלב איינס דעם זייגער איז מען געזעסען און געלערנט ווי יעדען טאָג. האַלב איינס האָט מען געזאָגט דעם „שיעור". פרייטאָג איז געווען דער שיעור רא"ש, און די וועלכע האָבען דעם שיעור ניט געהערט זיינען אוועקגעגאַנגען, און די ישיבה־לייט וועלכע זיינען געבליבען ביים שיעור, זיינען נאָכ'ן שיעור און נאָך „מנחה גדולה" אויך אוועקגעגאַנגען אין די „סטאַנציעס" מכין זיין זיך לכבוד שבת. קיין טאָג האָט מען ניט געקענט טרעפען אזוי פיל ישיבה־לייט אין גאַס ווי פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג. איינער איז געגאַנגען עטוואָס קויפען, דער צווייטער איז געגאַנגען אין פּאָסט באַזאָרגען זיינע בריף, און אַנדערע האָבען אויסגענוצט די צייט צו באַזוכען זייערע באַקאַנטע. שבת איז געווען אין דער וואָלאָזינער ישיבה א טאָג פון קדושה. מען האָט געלערנט ניט ווייניגער ווי יעדען טאָג, מיט דער אויסנאַהמע פון דאַווענען און עסען וואָס האָט געדויערט שבת געוועהנליך לענגער. פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג איז געווען דער טאָג פון מנוחה. צווישען דעם וואָך לערנען און דעם קבלת שבת האָט מען פאַר איינינע שעה אָפּ־

## די גרויסע שרפה

געראַוועט, געמאַכט אַ שטיקעל חשבון הנפש וואָס האָט מען אין פאַרלויף פון דער פאַרגאַנגענער וואָך „אויפגעטאָן" אין לערנען, און מען האָט זיך מכין געווען צו דעם שעהנעם, הייליגען טאָג שבת, וועלכען מען האָט גע־קענט אָם בעסטען פיהלען אין דער ישיבה אין וואָלאָזין.

איז אָבער יענער שבת פון דער „גרויסער שרפה" פאַרשטערט גע־וואָרען. עס האָט זיך דערהערט קלינגען פון קלויסטער, וואָס עס האָט געמיינט אין אַ געוועהנליכען טאָג ווען עס איז ניט קיין „חגא" — אַ קריסטליך־רעליגיעזער יום־טוב — אַן אָנזאָג אויף אַ שרפה, און דער געשריי „עס ברענט" איז דורכגעלאָפען פון גאַס אין דער ישיבה אריין. עס ווערט נאַטירליך באַלד צוגעמאַכט אַלע גמרות, און די הונדערטע ישיבה־לייט לויפען ראַטעווען, לעשען דעם פייער. ביי אַזאַ פאַל הערט אויף דער געפיהל פון אונטערשיד צווישען שטעדטעלשע ענינים און ישיבה־אַנגעלעגענהייטען. די גאַנצע יוגענדליכע כחות פון די הונדערטע „בחורים" און „יונגע לייט" — ד. ה. די יעניגע וועלכע זיינען שוין פאַר־הייראַט — ווערען אַריינגעוואָרפען אין רעטונגסאַרבייט. דאָס ווערט געטאָן ניט אום ז י ך צו שיצען נאָר צו ראַטעווען די שטעדטעלשע אידען פון אונטערגאַנג. דען די ישיבה־לייט פאַר זיך אַליין האָבען געהאַט זעהר ווייניג וואָס מורא צו האָבען פון דער שרפה, דער גאַנצער אייגענס פון יעדען ישיבה־בחור באַשטעהט פון זיין „קעסטעל" וואו עס ליגט דאָס ביסעל וועש און אַן אַנצוג וועלכען ער האָט געבראַכט פון דער היים, מיט עטליכע ספרים וועלכע ער האָט געקויפט זייענדיג אין וואָלאָזין. און דאָס אַלעס קען מען נאַטירליך אַרויסטראָגען, און דאַן איז מען געשיצט פון פייער. אָבער דער געפיהל פון רחמנות און ברידערליכקייט איז שטאַרק גענוג, אַז די אַלע וועלכע זיינען ערשט געווען אין גאַנצען אַריינ־געטאָן אין רוחניות, אין „דל"ת אמות של הלכה", און האָבען, דאַכט זיך, מיט דער שטאָדט וואו זיי זיינען קיין שייכות ניט — וואַרפען אַרונטער פון זיך זייער „אצילות", אויסגעטאָן די אויבערשטע קליידער, פאַרקאַ־שערט די אַרבעל, ווער עס לויפט צום ברונעם שלעפען וואַסער, ווער עס כאַפּט אַ פערד און שפּאַנט איין אום דאָס וואַסער שנעלער צו ברייננען, ווער עס קריגט עמערס דאָס וואַסער צו גיסען, און ווער עס קריגט אַ האַק און צוברעכט די דעכער פון די אַרומיגע הייזער אום דאָס פייער צו לאָקאַ־ליזירען. אַ מחנה פון צוויי דריי הונדערט „פייער־לעשער" ווי די ישיבה־לייט איז אַ געוויסע שמירה פאַר אַזאַ שטעדטעל ווי וואָלאָזין. און ניט איין שרפה האָבען זיי שוין אויסגעלאָשען, ניט צולאָזענדיג דעם פייער צו ווייט אַוועקצוגעהן.

פופּצעהן

# פון וואלאזין ביז ירושלים

ביי דער שרפה זיינען אבער די אומשטענדען זעהר שווערע, די היץ איז שוין זייט אייניגע וואכען, די טריקעניש איז שטארק, דער ווינט בלאזט, אין יעדען הויז ברענט דער גרויסער אויווען, עס איז דאך ערב שבת, און דער פייער ווערט גרעסער און שטארקער. דער טומעל איז נאך משונה׳דיגער ווי געווענליך, ווייל צו דעם גרויסען געשריי „עס ברענט", „מיין שטוב איז אין סכנה", „ראטעוועט", „וואסער, וואסער" — שרייט מען פון אלע זייטען: „אוי, מיין קינד"; „וואו איז מיין שלמה׳לע?"; „האט איהר ניט געזעהן מיין יצחק׳לען?" און מאמעס מיט טאטעס פארגעסען אן זייערע הייזער, אן די ביסעל סחורה אין זייערע קראמען און מען לויפט, ווי משוגע׳נע מיט אויסגעשטרעקטע הענד, זוכען די קינדער. עס איז חדר־צייט. אלע קינדער זיינען אין די „חדרים" ביי פארשידענע מלמדים. די נאך קלענערע קינדער זיינען אוועקגעגאנגען שפילען ווער צו א חבר, ווער אין „סאד" (א מין שטאדט־גארטען), ווער לעבען טייך, און דער געשריי און געפילדער שפאלט דעם הימעל... און דא זיינען ווידער די ישיבה־לייט ביי דער ארבייט, מען לויפט ברייגען די קינדער פון די חדרים, מען זוכט אויף די עלטערען, מען כאפט אויף קינדער פון גאס און מען טראגט זיי וואוהין זיי ווייזען אן.

ביי דער ארבייט איז אבער דא איין „אבער־קאמאנדיר". דאס איז ר ב י ח י י ם ס א ל א ו ו י י צ י ק. זייענדיג שוין דאן גרויס אלס דער צווייטער ראש־ישיבה און באריהמט אין דער וועלט, איז ער נאך פריש און יונג גענוג צו לויפען פון איין גאס אין דער צווייטער זוכען די פארבלאנדזשעטע קינדער און ער געפינט זיי. ער טראגט אויף זיינע פלייצעס פון איין זייט איין קינד, פון דער אנדער זייט א צווייטען, אויף די הענד א דריטען, און נאך איהם לויפט נאך א פירטער, און ער „פארטיילט זיי" וואו זיי געהערען, צו זייערע טאטעס און מאמעס. און ווען ער ווערט פארטיג מיט איין „טראנספארט" לויפט ער ווידער זוכען, אפשר איז נאך א קינד וואו עס איז געבליבען.

אויסער דעם פייער־לעשען און די קינדער־רעטונג איז דא נאך אן ארבייט וועלכע מוז געהאלפען ווערען ביי א שרפה אין וואלאזין. דאס איז, צו שיצען פון פייער די כתבים און ספרים פון די ראשי ישיבות. ווען דער געשריי „עס ברענט" ברעכט אוים, לויפען א טייל ישיבה־לייט באלד איז אונזער הויז אום איינצופאקען די ספרים, העלפען ברייגען אין זיכערהייט דאס „האב און גוטס", אבער מעהר פון אלעם איז ארויסצוטראגען אין זיכערהייט „דעם רבינ׳ס קעסטעל" — דאס איז א קעסטעל, וואו עס ליגען דעם טאטענ׳ס כתבים. די ישיבה־לייט ווייסען וואו דאס

# די גרויסע שרפה

קעסטעל שטעהט און ווי זי זעהט אויס, זיי ווייסען אויך אז אויב עס זיינען דא, צופעליגערווייזע, וועלכע עס איז כתבים אויפ'ן טיש, דארף מען זיי אלע צוזאמען אריינלייגען אין קעסטעל און איבערגעבען דאס אין זיכערע הענד מען זאל דאס פריהער פאר אלע אנדערע זאכען ארויסטראגען אויפ'ן פעלד וואו דער פייער, ווי גרויס ער זאל ניט זיין, קען ניט צוקומען.

אויפ'ן פעלד איז די זיכערסטע שמירה פאר זאכען און אויך פאר מענשען, ווען מען זעהט אז וועגען הילף און רעטונג קען קיין רייד מעהר ניט זיין. דער פייער איז צו גרויס און דער ווינט איז צו שטארק, עס ברענען הייזער נאך הייזער, גאסען נאך גאסען, און מען קען ניט מעהר אפשטעלען, מען מוז ווארטען ביז דער פייער וועט פון זיך אליין אויס-געהן, אדער דער ווינט וועט אויפהערען, אדער עס וועלען מעהר קיין הייזער ניט זיין וואס עס זאל ברענען. און אלע געהען אויפ'ן פעלד.

דאס פעלד איז אויף א בארג פון וואנען מען זעהט גאנץ גענוי ווי דער פייער פארניכטעט און פארברענט גרויסע און קליינע הייזער, בתי מדרשים און געשעפטען. אויפ'ן פעלד געפינען זיך אלע, קליין און גרויס, אלט און יונג. אויך דער טאטע ז"ל, ארומגערינגעלט פון די בני בית, חשוב'ע יונגע לייט און עלטערע בעלי בתים. אויך די ספרי תורה פון דער ישיבה און אלע בתי מדרשים געפינען זיך דארט. ארום און ארום איז דא כמעט די גאנצע שטעדטעל. מען וויינט און מען יאמערט. דער-זעהט מען פון ווייטענס א געוויסע הויז האט אנגעפאנגען ברענען, ווערט א יאמער פון דעם בעל הבית מיט זיין פאמיליע. דער קענט מען אז א רייהע קראמען האבען זיך אנגעצונדען, ברעכט אויס א געשריי: „אונזער פרנסה ווערט פארברענט". פלוצים דערזעהט מען אז דער דאך פון דער ישיבה האט זיך אנגעצונדען, ברעכט אויס פון אלעמען צוזאמען א הימעלגעשריי: „אוי, דער בית המקדש ברענט". עס בלייבט ניט קיין מענש, געלערנט אדער איינפאך, ביי וועמען די אויגען בלייבען טרוקען. ווער אין זיך, און ווער מיט א קול, אבער אלעס וויינט, אלע שרייען: „אוי וועה, דער בית המקדש ברענט". „די הייליגע ישיבה אין פלאמען". קינדער, וועלכע האבען געבעטען עסען, ערוואקסענע וועלכע האבען ערשט געקלאגט אויף זייערע אייגענע הייזער און געשעפטען וועלכע זיינען חרוב געווארען, האבען אלע פארגעסען וואס זיי האבען ערשט געטראכט און געוואלט, עס הערשט א י י ן יאמער, א י י ן קלאג „דער בית המקדש ברענט", „די ישיבה איז אין פייער"...

ב.

# אַן אַלטע מסירה

„דעם רבינ׳ס קעסטעל״ — דאָס תורה־קעסטעל וואו עס זיינען גע־לעגען דעם טאַטענ׳ס כתבים און וועלכע ישיבה־לייט זיינען געלאָפען ראַטעווען ביי יעדען אומגליקספּאַל פון פייער, איז ניט נאָר געווען חשוב צוליב איהר אינהאַלט. דאָס קעסטעל אַליין האָט געהאַט אַ חשיבות, אַן עראינערונג פון אַן אויסערגעוויינליכער פּאַסירונג. דאָס קעסטעל האָט געהאַט אויף זיך אַ שטעמפּעל פון דער רעגירונג, וואָס עס מיינט אַז צוליב אַ חשד טאָר מען עס ניט עפענען אָהן דעם רשות פון דעם רעגירונגס־פּאַרטרעטער. מען האָט דעם שטעמפּעל געלעגט אויף דעם קעסטעל צוליב אַ „מעשה שהיה״. די מעשה איז געווען מיט איניגע יאָהר פריהער, אַלס די גרויסע שרפה אין וואָלאָזין.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, ווען דער טאַטע ז״ל איז געזעסען ביים טיש, די בני בית ביי זייער באַשעפטיגונג, איז אָנגעקומען אַ „קאָמיסיע״ צו מאַכען אַ חקירה ודרישה וועגען זעהר אַן ערנסטען ענין. דער איס־פּראַווניק — קרייז־שעף — האָט ערהאַלטען אַ בריף פון וואָלאָזין אין וועלכען עס איז איהם אָנפאַרטרויט געוואָרען, אַז אין דעם און דעם טאָג וועט אָפּגעשיקט ווערען אַ בריף פון דעם ראש ישיבה אויפ׳ן נאָמען פון אַ געוויסער פּערזאָן אין לאָנדאָן, און דער בריף ענטהאַלט אַ רעגי־רונגס־פאַרברעכען, און עס איז כדאי אַז די מלוכה זאָל האַלטען אָפען די אויגען... מען האָט אין דעם באַשטימטען טאָג דורכגעזעהן די בריף וועלכע זיינען אָפּגעשיקט געוואָרען אין אויסלאַנד, און מען האָט ווירקליך געפונען אַ בריף אַדרעסירט צו אַ געוויסען דיין אין לאָנדאָן, ר ב י י ע ק ב ר י י נ אָ ו ו י ץ, מיט דעם טאַטענס אונטערשריפט. אין דעם בריף שטעהט אַ קבלה אויף אַ געוויסע סומע פּאַלשע רוסישע געלד וועלכע זיינען ריכטיג אָנגעקומען און גוט פאַרקויפט געוואָרען, און דאַביי אַ באַשטעלונג אויף נאָך אַזעלכע פּאַפּיר־געלד.

ווען דער בריף איז איבערגענומען געוואָרען און איז געקומען צו די הענד פון די העכערע באַאמטע, האָבען זיי אָראָפּגעבראַכט זייערע מענשען חוקר ודורש זיין. די קאָמיסיע איז צוגעפאָהרען גלייך צו אונזער הויז, אַרומגערינגעלט זי, כדי די „פאַרברעכער״ זאָלען ניט אַנטלויפען, און מען איז אַריין אין הויז מיט דעם בריף אין האַנד. מען האָט נאַטירליך

אָנטצעהן

# אַן אַלטע מסירה

דעם טעקסט פון דעם בריף פאַרשטעלט. מען האָט נאָר געציינט דעם טאַטען ז״ל די חתימה, און מען האָט איהם געפרעגט אויב די חתימה איז זיינע. דער מסור, וועלכער האָט דאָס אַלץ פאַרבאַרייטעט, איז וואַרשיינליך געווען אַ קינסטלער נאָכצומאַכען אונטערשריפטען אַזוי אַז עס איז ניט געווען צו אונטערשיידען. דער טאַטע ז״ל האָט געענטפערט, אַז די חתימה איז זיינע. מען האָט איהם דאַן געוויזען דעם אינהאַלט פון בריף און ער האָט געזאָגט: „די חתימה איז מיינע, אָבער דעם בריף האָב איך ניט געשריבען".

נאַטירליך איז די זאַך געווען צו ערנסט, אַז די רעגירונגס־פאַרשטעהער זאָלען די זאַך פאַרשווייגען. זיי האָבען געאָרדענט אַן ארעסט און באַפוילען אַז דער טאַטע ז״ל זאָל זאָפאָרט פאָהרען נאָך אַ ש מ י נ ע. דאָס איז די שטאָדט וואו עס זיינען געזעסען די העכערע רעגירונגס־באַאַמטע פון דעם קרייז צו וועלכען וואָלאָזין האָט געהערט. דער טומעל און די שרעק וועלכע עס האָט ארומגעכאַפּט די ישיבה און די שטאָדט איז געווען זעהר גרויס, ניט צוליב דער מסירה פון פאַלשע געלד, דאָס איז געווען צו נאַריש אפילו אין די גוי׳אישע אויגען, נאָר צוליב דעם וואָס זוכענדיג ביי אונז אין הויז אַלערליי פּאַפּירען און מיטנעמענדיג זיי אין אַשמינע צום סליעדאַוואַטעל — דיסטריקט אַטוירני, — זיינען דאָרט געווען בריף און ביכער וועגען געלד־זאַמלונגען פאַר דער ישיבה. און דאָס איז געווען שטאַרק פאַרבאָטען אין רוסלאַנד, בפרט ווען די ישיבה בכלל איז געווען ניט באַרעכטיגט און איהר עקזיסטענץ איז געווען ניט לעגאַל. זי האָט עקזיסטירט, נאַטירליך, מיט דעם וויסען פון אַלע באַאַמטע, גרויסע און קליינע, אָבער אָפיציעל האָט קיינער ניט געוואוסט און ניט געטאָרט וויסען.

עס איז געווען אַ גרויס געפאַהר אַז נאָך דעם ווי די מסירה איז דאָ, און מען וועט אַלע בריף מיט אַלע ביכער דורכזעהן, וועט די רעגירונג מבטל זיין דעם חשד פון פאַלש־מינצעריי, זי וועט אָבער מיט אַלע שטרענגקייט פאַרפאָלגען די ישיבה און איבערהויפּט די געלד־זאַמלונגען. מען האָט געקענט דאַפּיר באַשטראָפען ניט נאָר דעם ראש ישיבה, נאָר אויך אַלע אַנדערע וועלכע האָבען אַ שייכות מיט דער ישיבה, איבערהויפּט די משולחים.

דער טומעל און די שרעק האָט אָבער ניט געקענט ברענגען צו אירגענד וועלכען שריט. פאָרלויפיג האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פאַלשע געלד, און דער טאַטע ז״ל האָט געמוזט פאָהרען, לויט פאָרשריפט, אין אַשמינע. די פאָליציי און אויך די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבען אָבער ניט געהאַט קיין העזה צו מאַכען דעם טאַטענס ארעסט אַלס אַ

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

פּאַקט. זיי האָבען איהם ערלויבט צו פאָהרען אבסאָלוט פרייוויליג מיט זיינעם אַ באַגלייטער אָהן אירגענד וועלכע שמירה. הינטער דעם וואָגען, אַ געוויסע שטרעקע, זיינען געפאָהרען די באַאַמטע, עס זאָל זאָגאַר ניט אויסזעהן ווי אַ פּגיעה בכבוד.

אָנקומענדיג אין אָשמינע אין דער פריה איז מען גלייך אוועק צום איספּראַווניק. דער לעצטער איז נאָך ניט געווען אין זיין קאַנצעלאַריע, אין דער טאַטע ז"ל ניט געזעסען ליידיג, נאָר האָט געהאַלטען דעם משניות און געלערנט. ווען דער איספּראַווניק איז אריינגעקומען און האָט דער־זעהן דעם „פאַרברעכער" האָט ער איהם זאָפאָרט מיט כבוד אריינגענומען צו זיך אין צימער, געגעבען אַ שטול צום זיצען, און נאָך אַ קורצען געשפּרעך, ערקלערט אַז ער מוז די זאַך ווייטער שיקען אין ו ו י ל נ א, די גובערניע־שטאָדט וואו וואָלאָזין האָט אָנגעהערט. ער האָט ניט געמאַכט קיינע שוועריגקייטען בנוגע די פּערזענליכקייט פון טאַטען ז"ל, נאָר דאָס קעסטעל־תורה מיט אַלע כתבים וועלכע זיינען דאָרט געווען, איז פאַר־חתמ'עט געוואָרען און אָפּגעשיקט צום גובערנאַטאָר אין ווילנא.

פון דער מסירה איז, זעלבסט־פאַרשטענדליך, גאָרניט געוואָרען. קיין בריף וועגען פאַלשע געלד איז ניט געווען, נאָר וועגען די געלד־זאַמלונגען און אַנדערע ישיבה־ענינים איז אויך געווען די שרעק אומזיסט. דאָס קעסטעל מיט אַלעם וואָס דאָרט איז געווען איז איבערגעגעבען געוואָרען דורכצוקומען דעם „געלעהרטען אידען" — אוטשאָני יעווריי — וועלכער איז געשטאַנען צו הילף דעם ווילנער גובערנאַטאָר, אַ געוויסער לעהרער פונ'ם דאַמאַלסדיגען לעהרער־סעמינאַר, י ו נ ה ג ע ר ש ט י י ן. דער גערשטיין איז, ווי עס שיינט, ניט געווען קיין שונא פון וואָלאָזינער ישיבה ווי אַנדערע משכילים פון זיין אָרט, אין יענער צייט, און ער האָט גע־האָלפען אין דער קריטישער אַנגעלעגענהייט, ניט נאָר דער ישיבה נאָר אויך דעם טאַטען פּערזענליך. דען אויסער די מורא וועגען דער ישיבה איז געווען אַ געפאַהר, אַז די פאַרשידענע כתבים און תשובות וועלכע זיינען געווען אין קעסטעל, וועלען אָפּגעשיקט ווערען צו ווייטערדיגע אונטערזוכונג, אפשר גאָר אין פּעטערבורג, און דאָס וואָלט מיינען, לויט די דאַמאַלסדיגע פּראַקטיק, אַ פאַרלוסט אויף אייביג.

גערשטיין האָט דאָס אַלעס פאַרשטאַנען, האָט ער די אַלע תורה־ענינים צוריק אָפּגעשיקט מיט דער באַמערקונג אַז אין זיי איז ניטאָ קיין פאַרברעכען. אַלע געלד־בריף וועגען משולחים און ישיבה־זאַמלונגען האָט ער פאַרברענט, מיט דעם אויסרייד אַז זיי זיינען פאַמיליע־בריף, וועלכע האָבען קיין ווערט ניט אפילו צוריקצושיקען, נאָר זיבעצעהן תשובות

# אַן אַלטע מסירה

פון טאַטען ז"ל צו רבי יעקב ריינאָוויץ אין לאָנדאָן — צו דעם וועלכען דער מסור האָט נאָכגעמאַכט דעם מסירה־בריף — זיינען פאַרהאַלטען געוואָרען און אָפּגעשיקט געוואָרען ווייטער כלומרשט נאָכצוזוכען וואָס דאָרט שטעהט. די זיבעצעהן תשובות זיינען קיינמאָל ניט געקומען צוריק און זיינען פאַרלאָרען געגאַנגען ביז היינטיגען טאָג. די גאַנצע מסירה האָט הינטער זיך ניט נאָכגעלאָזען קיינע קאָנזעקווענצען, אויסער דעם רעגירונגס־שטעמפּעל אויף דעם קעסטעל־תורה, וועלכער איז געבליבען אַ מין זכר לחורבן...

איינע פון די סבות וואָס די מסירה איז שפּורלאָז פאַרשוואונדען, איז אויך דער פאַל וואָס דער מסור האָט מיט זיין גאַנצע קונסט דאָך די חתימה ניט גענוי נאָכגעמאַכט. דער טאַטע ז"ל פלעגט אין זיין חתימה שרייבען איין „י" צווישען „צבי יהודא". דער „י" האָט געדינט אַלס סוף פון צבי און אין דערזעלבער צייט אַלס אָנהויב פון יהודא. דער נאָכמאַכער האָט דאָס אָבער פאַרזעהן און האָט אריינגעשטעלט אַן איבריגען „י". דאָס איז אָבערפלעכליך ניט געווען צו דערקענען, ביי טיפערע אונטערזוכונגען האָט מען דאָס אויסגעפונען.

ווער איז דער מסור? — דאָס איז געבליבען אַ געהיימנים. עס זיינען געווען פאַרשידענע השערות. מאַנכע האָבען דאָס צוגעשריבען צו איינעם אַ ישיבה־מאַן וועלכער איז געקומען יום כפור צום דאַווענען זעהר שפּעט, די האָר זיינען געווען געוואַשען און געקאַמט, האָט דער טאַטע ז"ל איהם געמאַכט אַ שטאַרקען פאָרוואורף, האָט ער זיך נוקם געווען. אַנדערע פלעגען דערצעהלען אַז דאָס האָט געטאָן איינער וועלכער איז דערנאָך געוואָרען אַ באַריהמטער ציימונגס־שרייבער אין פּאַריז. אַנדערע ווידער האָבען אָנגעוויזען אויף אַ געוויסען רב'ס אַ זוהן, וועלכער איז אין וואָלאָזין געווען פון די „יוצאים לתרבות רעה". מען האָט דערצעהלט זאָגאַר אַז אַ געוויסע צייט נאָך דער מסירה האָט דער מסור געשריבען אַ בריף צום טאַטען ז"ל און געבעטען מחילה, ווי אויך געפרעגט מיט וואָס קען מען תשובה טאָן נאָך אַזאַ גרויסע עבירה. אויב עס איז אמת אַז דאָס האָט געטאָן דער בן הרב, האָט ער זאָגאַר געדרוקט אַ הספד אויפ'ן טאַטען ז"ל מיט פיל פאַרעהרונג און באַגייסטערונג.

הרבה ילדות עושה...

ג.

# וואָלאָזינער ישיבה

דורכדעם וואָס די וואָלאָזינער ישיבה איז געשטאַנען פיל העכער אין איהר גייסט פון אַלע אַנדערע ישיבות, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין איהר צייט, זיינען אויך די אויסערליכע פאָרמען פון דעם דאָרטיגען לעבען געווען גאַנץ אַנדערש ווי אין אַנדערע ישיבות, אפילו גרויסע. שוין דער נאָמען אַליין איז געווען אין וואָלאָזין אַנדערש. עס האָט ניט עקזיסטירט דער „ישיבה־בחור", נאָר מען האָט גערופען „ישיבה־מאַן" און בלשון רבים האָט מען געזאָגט „ישיבה־לייט". אויב דאָס וואָרט „ישיבה־בחור" איז געווען אַ באַגריף פון אָרימקייט און רחמנות, איז דער נאָמען „ישיבה־מאַן" געווען אַן אויסדרוק פון זעלבסטשטענדיגקייט און שטאָלץ. דער אָרימסטער בחור וועלכער איז געקומען אין וואָלאָזין נידערגעשלאָגען און אונטערדריקט פון זיין לאַגע אין זיין אָרימער היים, אָדער פון זיין אָרימזעליגען לעבען, ערגעץ וואו אין אַ שטעדטעלשען בית המדרש, ווי באַלד ער איז געקומען אין וואָלאָזין, האָט ער אויפגעהויבען זיין קאָפּ און האָט געפיהלט זיין ווערט.

גלייך אַריינקומענדיג אין שטעדטעל האָט דער בעל עגלה וועלכער האָט איהם געבראַכט פון באַהן, אַ שטרעקע פון מעהרערע רוסישע מייל, פאַרפיהרט אין אַן אכסניה וועלכע איז געווען דער וואָלאָזינער האָטעל, אויך פאַר די גרעסטע און רייכסטע סוחרים וועלכע זיינען געקומען גע־שעפטליך אָדער צוליב וועלכע עס איז סיבה. עס איז ניט געווען קיינע ספּעציעלע אכסניות פאַר דעם ישיבה־מאַן אָדער פאַר דעם געוועהנליכען רייזענדען. אויך די מקחים זיינען וואַרשיינליך ניט געווען קיין אַנדערע. דער אָנגעקומענער בחור האָט גלייך געפיהלט אַז מען טוט מיט איהם ניט קיין טובה און ער איז קיינעם ניט צו־לאַסט. ער איז זיין אייגענער בעל־הבית און מען פאַרהאַלט זיך צו איהם ווי צו יעדען אורח, מיט דעם צוגאַב וואָס דער בעל אכסניה — אַ שם דבר מיט זיינע וויצען און חכמות — „ו ו ע ל ו ו ע ל  ז ע ל י ג ס" און זיינע בני בית, האָבען זיך פאַרהאַלטען צום גאַסט, דעם ישיבה־מאַן, מיט אַ געוויסען כבוד התורה.

דער אָנגעקומענער ישיבה־מאַן איז געוועהנליך ניט געבליבען לאַנג אין דער אכסניה, ער האָט זיך געזוכט איינצואָרדנען אין אַ שטענדיגער

# וואָלאָזינער ישיבה

„סטאַנציע”, דאָס הייסט, נעמען אַ צימער מיט נאָך איינעם אָדער נאָך צוויי, און אַמאָל אַפילו זאַלבע־פערט, וואָס עס מיינט, פיר אין איין צימער. יעדערער לויט וויפיל ער האָט געקענט און געוואָלט צאָהלען. עס איז אויך געווען אַן אונטערשיד פון „אַ קאַמער” ביז „אַ שטיבעל”. אַ „קאַמער” איז געווען אַ צימער אין דער הויז וואו דער בעל הבית האָט געוואוינט, און מען האָט געמוזט דורכגעהן דעם בעל־הבית' וואָהנונג, און דאדורך איז מען אָפט געשטערט געוואָרען פון „שטוביגע ענינים”; אַ „שטיבעל” איז געווען אַ באַזונדער געבויטע הייזעל לעבען דער הויז און דאָרט איז דער ישיבה־מאַן געווען גאַנץ אונגעשטערט. אין די „שטיבלאַך” האָבען געוואוינט די רייכע „בחורים” אָדער די „יונגע לייט”.

די „יונגע לייט” אָדער בלשון יחיד דער „יונגער מאַן”, דאָס הייסט, דער וועלכער האָט שוין חתונה געהאַט און איז געקומען אין דער ישיבה פאַר אייניגע יאָהר פאָרצובערייטען זיך פאַר רבנות, האָבען זיך געקענט מעהר ערלויבען ווי די אונפאַרהייראַטע, די „בחורים”. דער „יונגער מאַן” איז על פי רוב געקומען בעסער באַזאָרגט פון דער היים, ער האָט נאָך געהאַט זיין נדן, די ווייב איז געווען ביים שווער און ער האָט אויך געקראָגען שטיצע אויפ'ן חשבון פון די „קעסט”. אויך די ישיבה האָט די „יונגע לייט” געגעבען, על פי רוב, מעהר שטיצע ווי די בחורים. אַפילו אויסערליך האָט מען זיך פאַרהאַלטען צו „יונגע לייט” מיט מעהר רעספעקט. די ראשי ישיבות און דער משגיח פלעגען געוועהנליך צו אַ בחור זאָגען „דו” און צו אַ יונגענמאַן „איהר”.

דער „משגיח” אין יענע צייטען, **רבי שלמה דוד דימקין**, אַ גרויסער למדן, איבערהויפּט באַריהמט געווען מיט זיין בקיאות, דאַביי איז ער געווען אַ שטיקעל משכיל, האָט פיל געלעזען און זיך אינטערעסירט מיט וועלט־פראַגען, איז אויך באַזעסען הומאָר. ווען עס פלעגט קומען אַ ישיבה־מאַן אויף וועלכען מען האָט געקענט צווייפלען אויב ער איז שוין פאַרהייראַט אָדער ניט, פלעגט דער משגיח איהם פרעגען:

— ביזט **דו אַ בחור**, אָדער זייט **איהר אַ יונגערמאַן**?

דען עס זיינען אויך געווען אַ צאָהל פון עלטערע בחורים, וועלכע האָבען שוין געקענט נאָך זייערע יאָהרען געהערען צו די „יונגע לייט”. זיי האָבען אַם מייסטענס געהערט צו די בעסערע און גרעסערע לומדים אין דער ישיבה און האָבען זיך ניט געאיילט חתונה האָבען. עס האָט אַמאָל פּאַסירט אַז אַן „עלטערער” בחור האָט געוואָלט פאַרלייקענען זיינע יאָהרען און אויף דעם משגיח'ס פראַגע ווי אַלט ער איז, האָט ער גע־

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

ענטפערט: צוויי־און־צוואַנציג יאָהר. דער משגיח האָט דערקענט אַז ער זאָגט ניט דעם גאַנצן אמת, האָט ער איהם באַלד געזאָגט:

— אָ, איך אין ד י י נ ע יאָהרען בין שוין אודאי געווען זיבען־און־צוואַנציג...

די זעלבסטשטענדיגקייט פון די ישיבה־לייט איז אויך געווען אין גייסטיגען זין. דער געוועהנליכער אַרט פון פאַרהערען און באַשטימען ווער עס קען מעהר און ווער ווייניגער, איז אין וואָלאָזין ניט געווען. אויסער די גאַנץ יונגע בחורים וועלכע דער משגיח פלעגט זיי פרעגען געוויסע ענינים, איז דער גרעסטער טייל פון די ישיבה־לייט געווען פריי פון דעם. ווען מען איז געקומען, האָט מען זיך געמאָלדען צום ראש ישיבה מיט אַ בריף פון אַ באַקאַנטען רב, וועלכער האָט דעם אָנגע־קומענעם פאַרגעשטעלט. פון דעם בריף האָט מען שוין געקענט דער־קענען ווי גרויס דער למדן איז. יעדער רב האָט פאַרשטאַנען אָנצו־דייטען אין זיין בריף אויף די פעהיגקייטען און די ידיעות פון דעם בחור אָדער דעם יונגען־מאַן. אָבער געוועהנליך האָט יעדער נייער ישיבה־מאַן געהאַלטען פאַר זיין חוב, שוין אין די ערשטע טעג פון זיין אָנקומען, קומען צום טאַטען ז"ל אָדער צו ר ב י ח י י ם ס אָ ל אָ־ ו ו י י צ י ק, און אַמאָל צו ביידען, „רעדען און לערנען". פון דעם „רעדען" האָט מען שוין געוואוסט ווי גרויס אָדער ווי קליין איז דער באַ־טרעפענדער אין לומדות. ווי געזאָגט, זיינען אָפיציעל קיינע מיינונגען ניט ארויסגעגעבען געוואָרען, און קלאַסען זיינען ניט געווען, עס האָט געהייסען אייגענטליך, אַז אַלע ישיבה־לייט זיינען גלייך. פון דעסטוועגען האָט די גאַנצע ישיבה געוואוסט „ווער איז ווער". עס איז געווען אָפּגעשאַצט יעדע־רער נאָך זיינע כשרונות און נאָך זיינע בקיאות. עס איז געווען מדרגות: „אַ גוטער בחור", „אַ וואוילער", „אַ בקי", א. ז. וו. דער טיטעל „עילוי" איז געווען אַ זעלטענהייט. מען האָט זיך אַמאָל באַגעגענט מיט'ן נאָמען „חצי עילוי", און דאָס איז אויך געווען אַ גרויסע זאַך.

אַזוי ווי עס איז ניט געווען קיין צוואַנג פון פאַרהערען און עקזאַ־מענס, אַזוי איז אויך ניט געווען קיין צוואַנג פון הערען דעם ש י ע ו ר. אין דערזעלבער צייט איז אָבער דער שיעור אָן־און־פאַר־זיך געווען אַ פיל פעסטערע אינסטיטוציע ווי אין אַנדערע ישיבות. עס איז געווען אַמאָל ווען מען האָט געזאָגט צוויי שיעורים אַ טאָג. אין אַלע אַנדערע ישיבות ווערט געזאָגט אַ שיעור נאָר אויף געוויסע ענינים וועלכע זיינען אינטערעסאַנט פון למדישען שטאַנדפונקט, און דאַביי ווערען די שיעורים געזאָגט נאָר אויף באַשטימטע מסכתות, און די צייט פון די שיעורים

ענדערט זיך נאָך פארשידענע אומשטענדען. אין וואָלאָזין איז געווען דער שיעור א מין „קרבן תמיד". יעדען טאָג — אויסער שבת און יום טוב און תשעה באָב — פונקט האלב איינס דעם זייגער האָט מען געזאָגט דעם שיעור. די ערשטע דריי טעג פון דער וואָך האָט געזאָגט דער צווייטער ראש ישיבה, די צווייטע דריי טעג פון דער וואָך — דער ערשטער ראש ישיבה. געזאָגט האָט מען דעם שיעור כסדר, פון ברכות ביז ענדע נדה. פינף מאָל א וואָך דף על דף, יעדען טאָג דעם בלאַט גמרא, און פרייטאָג איז געזאָגט געוואָרען רא"ש פון די פינף בלאַט גמרא פון דער וואָך. נאַטירליך האָט זיך יעדער ראש ישיבה אָפּגעשטעלט נאָר אויף א געוויסען ענין אין דעם באטרעפענדען בלאַט גמרא, אָבער אָנגעהויבען האָט מען שטענדיג וואו דער פריהערדיגער האָט געלאָזען און אויך גע־ ענדיגט וואו דער צווייטער דאַרף אָנהויבען. מבטל געווען דעם שיעור האָט מען קיינמאָל ניט. עס האָט פּאַסירט פעלע ווען אין הויז פון ראש ישיבה איז געווען א געפעהרליכער קראַנקער, אין דער צייט פון שיעור זיינען געזעסען דאָקטוירים וועלכע האָבען באדאַרפט ארויסגעבען זייער אורטייל איבער דעם גאַנג פון דער קראַנקהייט, און די געמיטער זיינען געווען שטאַרק אָנגעשטרענגט, איז געקומען די צייט פון שיעור, איז דער ראש ישיבה אריינגעגאַנגען אין דער ישיבה, געזאָגט דעם שיעור, נאַטירליך דאָס מאָל אָהן חידושי תורה, אָבער אָפּגעזאָגט דעם בלאַט גמרא און אַוועקגעגאַנגען שנעל הערען וואָס די דאָקטוירים זאָגען. דעם שיעור ניט מבטל געווען.

דער טאַטע ז"ל האָט געהאַט א ברודער אין פינסק, רבי א ב ר ה ם מ א י ר ב ר ל י ן, פון וועמען ער האָט א לאַנגע צייט ניט געהערט און ער האָט זיך זעהר באאונרוהיגט, ווייל ער האָט געוואוסט אז דער ברודער איז קראַנק. איז געקומען צופאָהרען איינער פון פינסק, אריינ־ געגאַנגען צו אונז אין הויז אין דער צייט ווען דער טאַטע ז"ל איז געווען פאַרבאַרייטעט געהן צום שיעור. דער טאַטע ז"ל פרעגט דעם אורח, נאָכ'ן „שלום" געבען: „אפשר ווייסט איהר וואָס מאַכט מיין ברודער?" דער אורח ענטפערט ניט קיין קלאָרע תשובה. דער טאַטע ז"ל לאָזט איהם אַוועקגעהן און אליין איז ער אַוועקגעגאַנגען זאָגען דעם שיעור. נאָכ'ן שיעור האָט דער טאַטע ז"ל געשיקט רופען דעם אורח און איהם אויסגעפרעגט גענוי וועגען זיין ברודער, און האָט אויסגעפונען אז ער איז געשטאָרבען. דאַן האָט ער נאַטירליך זיך געזעצט „שבעה".

ווי געזאָגט, טראָץ דעם וואָס דער שיעור איז געווען אזוי וויכטיג אַלס א טייל פון דעם ישיבה־לעבען, איז אָבער יעדער איינציגער ישיבה־

מאַן געווען פריי, אויב ער וויל הערען דעם שיעור אָדער ניט. אַנדערע האָבען געהערט א י י ן ראש ישיבה, ניט דעם צווייטען, מאַנכע האָבען געהערט נאָר רא"ש, אַנדערע ווידער זיינען געקומען צום שיעור נאָר ביי געוויסע סוגיות וועלכע האָבען זיי באַזונדערס אינטערעסירט. איינמאָל ווען מען האָט געענדיגט זאָגען דעם שיעור אין „נזיקין" און מען האָט געדאַרפט אָנהויבען „קדשים" האָבען פיל ישיבה־לייט אויסגעדריקט זייער מיינונג אַז דער גרעסטער טייל פון דער ישיבה איז ניט באַקאַנט מיט די קדשים־ענינים און עס וועט זיי שווער זיין צו הערען די שיעורים, האָבען די ראשי ישיבה באַשלאָסען נאָכצוגעבען די פאָדערונג, דאַביי אָבער דעם סדר פון דער ישיבה ניט שטערען. דאָס הייסט, עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו זאָגען צוויי שיעורים אַ טאָג. אין דער געוויינליכער צייט האָט מען אָנגעהויבען ווידער ברכות, און פאַרנאַכט האָט מען פאָרטגעזעצט דעם שיעור אין קדשים. ווער עס ווייס וואָס עס האָט געמיינט אַ וואָלאָזינער שיעור, וויפיל כחות יעדער ראש ישיבה האָט אַריינגעלייגט אין „מאַכען דעם שיעור", ד. ה. אין פאַרבאַרייטען איהם — דער קען אָפּשאַצען די גרויסקייט פון די באַטרעפענדע ראשי ישיבות פאַסענדיג אַזאַ באַשלוס. עס איז איבעריג צו זאָגען אַז די שיעורים אין קדשים זיינען געשטאַנען אויף דער זעלבער הויך אין טיפקייט ווי די געוועהנליכע שיעורים.

די זעלבסטשטענדיגקייט און די ווירדיגקייט פון די ישיבה־לייט אין וואָלאָזין איז אויך געווען צו דערקענען אין דעם מאַטעריעלען לעבען. די גרעסטע טייל פון די ישיבה־לייט האָבען געקראָגען שטיצע פון דער ישיבה. דאָס האָט געהייסען „וואָכער", ווייל די סומען זיינען באַשטימט געוואָרען אויפ'ן וואָך, פון זעכציג קאָפּיקעס ביז אַ רובעל און פינף־און־צוואַנציג קאָפּיקעס פאַר אַ „בחור" און פון אַ רובעל ביז צוויי רובעל אַ וואָך פאַר אַ „יונגען מאַן". דאָס פאַרטיילען די געלד, ווי עס האָט געהייסען די „חלוקה", איז געווען איינמאָל אין צוויי וואָכען. די „חלוקה" איז ניט געמאַכט געוואָרען מעכאַניש. טראָץ דעם וואָס אָנהויב „זמן" האָט מען באַשטימט וויפיל יעדער ישיבה־מאַן דאַרף קריגען, איז צוויי מאָל אַ חודש, יעדע איבער וואָך מוצאי שבת, אויסגעאַרבייט געוואָרען „דער חלוקה־צעטעל". עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די ראשי ישיבה, דער משגיח, איינער פון די „מנהלים" — ל י פּ אַ  ד ע ר  מ נ ה ל, אַ איד אַ תלמיד חכם און אַ גרויסער ירא שמים — און ה י ר ש ע ל  י ש ע י '  ד ע ר  ש מ ש — אַ שם דבר אין יענער צייט, אַן איינפאַכער מענש אָבער זעהר אַ קלוגער מיט אַ שאַרפען בליק און אַ געזונטען

## וואָלאָזינער ישיבה

מענשען־פארשטאנד — פלעגט שטעהן ביי דער זייט. די רשימה איז אויסגעמאכט געוואָרען נאָך דער אָרדנונג פון די „סטאנציעס", דאָס הייסט: ביי דעם און דעם בעל הבית געפינען זיך די און די ישיבה־לייט וועלכער יעדער קריגט כך וכך, איז דער סך הכל אז דער בעל הבית פון דער „סטאנציע" דארף באקומען אזוי פיל און אזוי פיל. ווען מען האָט אויסגעמאכט דעם „חלוקה צעטעל", האָט מען געהערט געוויסע באמערקונגען. די ראשי ישיבה האָבען אויפמערקזאם געמאכט אז דער און דער ישיבה־מאן איז א גרויסער למדן, מען דארף איהם געבען מעהר, דער „משגיח" האָט באמערקט אז יענער בחור איז א גרויסער מתמיד דארף ער מעהר שטיצע א. ז. וו. ווען עס איז געקומען די „חלוקה" צו פארטיילען, איז דאָס געטאָן געוואָרען בדרך כבוד, דער ישיבה־מאן איז ניט געשטערט געוואָרען פון לערנען, זיין בעל הבית אָדער, בעסער געזאָגט זיין בעל־הבית'טע, האָט שוין פאר איהם אָפגענומען דאָס וואָס ער האָט באדארפט קריגען. עס איז אזוי אויסגעקומען אז דער „בחור" אָדער דער „יונגער מאן" האָט ניט געהאט צו ליידען פון דעם וואָס מאנכע פיהלען ווען זיי באקומען פון יעמאנדען שטיצע. עס איז ניט געווען עולם חשוך בעדו...

אומגעקערט דער ישיבה־מאן איז געווען אָפט דער נותן און ניט דער מקבל. ער האָט זיך באטייליגט אין פארשידענע צדקות, ישיבה־אינסטיטוציאָנען. „תומכי תורה", צו שטיצען ווען עס איז אין א נויטפאל און „גמילות חסדים", אויסצובאָרגען ווען עס פעהלט אויס אויף דעם מאָמענט. ס'איז זאָגאר געווען צייטען ווען קלענערע באַאמטע פון דער ישיבה פלעגען אמאָל קריגען שכר טרחה פון ישיבה־לייט אין דער פאָרם פון חודש געלד פאר פארשידענע באדינונגען, ווי בריף אָפנעמען א. ד. גל.

איינער פון די ישיבה־אָנגעשטעלטע איז געווען חשוד אז ער נעמט אמאָל א טרונק בראנפען. האָט ער באגעגענט א ישיבה־מאן און האָט איהם געפרעגט פארוואָס האָט ער איהם שוין לאנג ניט געגעבען קיין חודש געלד? האָט דער ישיבה־מאן איהם געענטפערט:

— ווי עס ווייזט אויס, האָט איהר שוין געהאט צוויי כוסות, איהר זייט תובע בפה...

האָט דער בעאמטער איהם באלד געענטפערט:

— איך האָב שוין געטרונקען דריי כוסות, איך בין תובע אפילו חמור בשוק...

ד.

# נאָכן חורבן

„ו ו א ָ ל א ָ ז י ן" אלס באגריף האָט געמיינט די ישיבה, ניט די שטעדטעל. שטעדט און שטעדטלאך זיינען געווען גרעסערע און קלענערע, מעהר וויכטיגע פון עקאָנאָמישען שטאנדפונקט און ווענינער וויכטיגע. אויך ווען וואָלאָזין איז אָפּגעברענט געוואָרען האָט מען פון אלע שטעדטלאך ארום געשיקט שנעלע הילף, ווי עס איז געווען דער מנהג ביי יעדע אידישע שטעדטעל וועלכע האָט געליטען פון א שרפה. דער רעש אין דער גרויסער וועלט איז אָבער געוואָרען, ווען וואָלאָזין האָט אָפּגעברענט, וויל דאָס האָט געמיינט אז די ישיבה ווערט חלילה חרוב. דער געשריי וועלכער האָט זיך געהערט פון די וואָלאָזינער איינוואָהנער, ווען זיי האָבען געזעהן די ישיבה ברענענדיג, אז „דער בית המקדש ברענט", איז געווען דער ווירקליכער אָפּקלאנג פון דער גאנצער אידישער וועלט. מען האָט געהאט דעם איינדרוק אז די ישיבה וועלכע האָט שוין ביז דאן עקזיס־טירט מעהר אלס אכציג יאָהר, הערט אויף מעהר צו זיין.

די אָבער וועלכע זיינען געשטאנען נעהנטער צו דער ישיבה און געווען פאראנטוואָרטליך פאר איהר, האָבען אנדערש געטראכט. מען האָט ניט צוגעלאָזען אויף איין מאָמענט דעם געדאנקען אז די ישיבה זאָל אויפהערען פון איהר עקזיסטענץ אפילו אויף א וויילע. אזוי שנעל ווי עס האָט אויפגעהערט בושעווען דער שרעקליכער פייער וועלכער האָט חרוב געמאכט אין פינף־זעקס שעה דריי פערטעל פון די שטעדטעלשע הייזער, ווי נאָר מען האָט געזעהן אז דער פייער הערט אויף און האלט ביים אָפּשטעלען זיך, האָט די ישיבה, ד. ה. די ראשי ישיבה מיט די ישיבה־לייט, מיט די ספרי תורות, מיט די ספרים, ארונטערגעגאנגען פון פעלד וואו זיי זיינען געזעסען און געמאכט זייער „הויפּט קוואַרטיר" אין איינעם פון די ערשטע הייזער וועלכע זיינען געווען נאָהענט צום פייער און דאָך געבליבען גאנץ. דאָס איז געווען די הויז פון איינעם פון „בית הרב", וועלכער האָט ניט געהאט אָפיציעל קיין שייכות צו דער ישיבה, אָבער זייענדיג א זוהן און אן אייניקעל פון געוועזענע ראשי ישיבות איז ער געווען גייסטיג זעהר ענג פארבונדען מיט דער ישיבה, דאָס איז ר ב י ח י י ם ה ל ל פ ר י ד. דאָרט, ביי רבי חיים הלל'ן און זיין פרוי ש ר ה ב י י ל ע, א באריהמטע קלוגע אידענע,

## נאָכ'ן חורבן

וועלכע איז אויך געווען אַן אייניקעל פון ר ב י א י צ ע ל ע ו ו אָ־ל אָ ז י נ ע ר, איז מען אריינגעקומען פרייטאָג פארנאַכט דירעקט פון פעלד. די גרויסע הויז מיט אַלע איהרע צימערען זיינען פול געוואָרען מיט מענשען און ספרים און כלי־בית און אויך מיט טרעהרען. אַלע האָבען געפיהלט דעם גרויסען אונטערשיד פון דעם זעלבען טאָג אין־דער־פריה ביז פארנאַכט. ערשט מיט איינינע שעה צוריק איז יעדערער געווען אויף זיין פלאַץ, יעדע פאַמיליע אין איהר הויז, דער גלאַנץ פון דער ישיבה און דער קלאַנג פון איהר תורה האָט אַלעמען באַצויבערט, און פלוצים איז אַלץ צושטערט און פארברענט און מען לעבט אין אַ מין תוהו ובוהו.

דער געוויין און די טרערען האָבען אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. עס איז געקומען די צייט ווען מען דאַרף בענשען ליכט, עס קומט דער הייליגער שבת, איז דאָך מנוחה, מען טאָר ניט וויינען און מען טאָר ניט קרעכצען. עס מאַכט ניט אויס וואָס אויך דאָס ליכט־צינדען איז ניט ווי מען איז געוואוינט. די זילבערנע שעהנע לייכטער זיינען פאַר־ברענט, די הערליכע ריינע צימערען זיינען חרוב און מען דאַרף בענשען די ליכט אין בולבענע לייכטער. צעהנדליגע ליכט אין איין צימער — עס איז אָבער שבת אויף דער וועלט! שבת היא מלזעוק! די מענער האָבען זיך אָנגעטאָן שבת'דיג, ווי ווייט מען האָט געקענט געפינען קליידער איבערצובייטען, די פרויען האָבען אָנגעטאָן אַנדערע יאַקלאַך און דער שבת האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען. אמת, עס איז ענג; אמת, עס איז ניטאָ וואו צו שלאָפען; אמת, מען ווייס ניט אויב מען וועט האָבען וואָס צו עסען — אָבער שבת קודש טאָר מען ניט רעדען דערפון און מען טאָר ניט זאָרגען. מען האָט אין זיך איינגעשטילט אַלע גע־פיהלען. מען האָט אונטערדריקט יעדען קרעכץ. עס האָט נאָר געמאַכט דעם איינדרוק אַז מען איז אין גלות, אָבער ניט אַז מען איז חרוב. עס איז שווער, עס שטעהען פאַר אונאַנגענעמע צייטען, דאַפיר איז דאָס גלות, מען איז ארויסגעטריבען פון דער היים און מען דאַרף זוכען אויפ־בויען צוריק. אָבער קיין חורבן איז דאָס ניט, מען טאָר ניט לאָזען חרוב ווערען!

דער שבת איז פארביי, צום גלות־געפיהל האָט מען זיך צוגעוואוינט ביסלאַכוויז. פיל געדאַוועגט, ווענינ געגעסען, און דורכגעמאַכט ווי עס איז די נאַכט און דעם טאָג, עס נעהנטערט זיך דער „בין השמשות" און די וואָכעדיגע געפיהלען הויבען זיך אָן ארויסצורוקען פון אונטער די שבת'דיגע קליידער ביי יעדען איינעם באַזונדער און ביי אַלעמען צוזאַמען.

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

די ישיבה־לייט הויבען אָן קלערען וואָס זיי דאַרפען טאָן: זאָלען זיי אוועק־פאָהרען אהיים, א שאָד די צייט, עס איז אין מיטען „זמן". זאָלען זיי פאָהרען אין אנדערע ישיבות — ווער ווייס אויב מען וועט זיי דאָרט צונעמען און געבען מיטלען צום לעבען. און אויב יאָ, ווי קען מען די וואָלאָזינער ישיבה פאַרבייטען אויף אַן אנדער ישיבה?

די געדאַנקען קומען ניט צום סוף, און דער באַפעהל געהט ארויס פון די ראשי ישיבה: קיינער זאָל ניט אוועקפאָהרען, קיינער זאָל ניט פאַרלאָזען דעם פּלאַץ, מען זאָל מאָרגען פריה נעמען זיך ווידער צום לערנען — די ישיבה וועט ניט אונטערבראָכען, די וואָלאָזינער ישיבה עקזיסטירט אָהן א הפסק!

מאָרגען פריה, זונטאָג, איז דער איינציגער בית המדרש וועלכער איז געבליבען פון דער שרפה אין דעם נידעריגען טייל שטאָדט וועלכער הייסט „הערבבצו" און איז פון דעם פייער ניט באריהרט געוואָרען, פול געוואָרען. אַלע ישיבה־לייט האָבען זיך געאיילט, בעפאָר זיי האָבען געפונען אַן אָרט וואו צו שלאָפען און צו עסען, קומען אין בית המדרש, מקדש זיין דעם אָרט אַלס די צייטווייליגע ישיבה ביז די אמת'ע ישיבה וועט אויפגעבויט ווערען. און וויבאַלד די ראשי ישיבה האָבען גע־זאָגט אַז עס טאָר קיין הפסק ניט זיין אין דעם ישיבה'שען לעבען האָט מען געוואוסט אַז עס וועט לאַנג ניט דויערען, עס וועט זיין א נייע ישיבה, וועלכע וועט נאָך אפשר איבערשטייגען די פריהערדיגע. אין דערזעלבער וואָך איז דער פּלאַץ וואו די פריהערדיגע ישיבה איז געשטאַנען אָפּגע־ראַמט געוואָרען פון דעם וואָס עס איז געבליבען פון די ווענט און מען האָט געמאַכט הכנות אָנהויבען בויען א נייע ישיבה. מען האָט אויך געהאַלטען פון דעם כלל: „גדול הבית האחרון מן הראשון", און עס זיינען געמאַכט געוואָרען פּלענער אַז די נייע ישיבה זאָל זיין ניט נאָר באַקוועם נאָר אויך אימפּאָזאַנט. דאַצו האָט מיטגעהאָלפען זעהר פיל דער אָרט וואו די ישיבה איז געווען געבויט. א שעהנער גרויסער פּלאַץ העכער ווי די גאַנצע אומגעבונג, ניט נאָר אין שטאָדט נאָר אויך לאַנג בעפאָר מען קומט אריין אין שטעדטעל האָט זיך דער פּלאַץ פון דער ישיבה ארויסגעזעהן.

און בעפאָר נאָך די שטעדטעלשע בעלי בתים האָבען זיך צוגעקליבען זייערע הייזער און געשעפטען צוריק אויפשטעלען, איז די ישיבה־געביידע געווען דער איינציגער בנין וועלכער האָט געגעבען ארבייט, געבראַכט פרנסה און געשאַפען א רוישענדען לעבען אין דער טרויעריגער סביבה. עס האָבען אָנגעהויבען קומען באַזוכער פון נאָהענט און ווייט. אין דער

# נאָכ'ן חורבן

גרויסער אידישער וועלט האָט מען, ווי עס שיינט, מורא געהאַט טאָמער וועט דער גרויסער תורה־אנשטאַלט אזוי גיך ניט אויפגעבויט ווערען, טאָמער וועט דער תורה־שטראַהל וועלכער האָט צעהנדליגע יאָהרען גע־שיינט אויף דער אידישער וועלט פון דעם אָרט, אויף אַ געוויסע צייט פאַרדונקעלט ווערען. יעדען טאָג פלעגען קומען געסט; די גרעסטע רבנים און די חשוב'סטע בעלי בתים פון די קליינע, אזוי גוט ווי די גרויסע, אידישע שטעדט זיינען אין די ערשטע עטליכע וואָכען נאָך דער שרפה געווען פון די ערשטע באזוכער. די געסט האָבען אויך מיטגע־ליטען אזוי גוט ווי די ראשי ישיבה מיט די ישיבה־לייט. עס זיינען געווען זעהר ווייניג צימערען וואו די שטענדיגע איינוואוינער און די געבליבען ישיבה־לייט איינצוקוואַטירען, און וואו זאָל מען נאָך נעמען שלאָף־פלעצער פאַר געהויבענע געסט?

ווער קלערט אָבער וועגען שלאָפען אָדער וועגען עסען? איז דען ניט גרויס גענוג די הנאה ווען מען זעהט ווי הונדערטער יונגע לייט זיצען טאָג ווי נאַכט און לערנען, אין שווערע אומשטענדען, אָבער מיט דער גרעסטער שמחה, מיט דער שטאַרקסטער באגייסטערונג? מען האָט געפיהלט אַז דאָ איז דער נערוו פון אידען און אידישקייט, דאָ ווערט געשאַפען דער שטאַרקסטער פעסטונג געגען וועלכען אַלע פאַרניכטענדע קוילען ווערען צושמעטערט. די שטימונג איז נאָך שטאַרקער געווען דאַדורך וואָס עס האָט זיך געפיהלט ישיבה־גייסט ניט נאָר אין דעם אָרט וואו מען לערנט, נאָר אין דער גאַנצער שטעדטעל, א ו נ ט ע ן לערנט מען, אין דעם קליינעם „הערצבצודיגען" בית המדרש, קאָפּ אויף קאָפּ, קיינער קלאָגט אָבער ניט אויף אונבאקוועמליכקייט, און א ו י ב ע ן ווערט געבויט דער גרויסער בנין, דער היכל התורה. עס ווערט געשאַפען דאָס הויז פאַר די צוקונפט.

און אויך די אַרבייטער וועלכע זיינען געווען באשעפטיגט ביי דעם נייעם בנין האָבען געפיהלט אַז עס איז ניט סתם אַ הויז געבויט, עס איז דאָך עפּעס די וואָלאָזינער ישיבה! יעדע שורה ציגעל וועלכע איז צוגעקומען האָט אין יעדען אַרבייטער אָנגעפילט אַ געוויסע מאָס שטאָלץ און גליק. דאָס האָט מען געזעהן און געהערט ווען עס זיינען געקומען אַלערליי באזוכער אפילו ניט־אידען, באַאמטע, „פּריצים" און פאַרשידענע מענשען וועלכע האָבען געוואוסט וואָס עס געהט פאָר, און די אַרבייטער האָבען זיי געגעבען ערקלערונגען. זיינען אַמאָל די ווערטער ארויסגעקומען ניט גאַנץ געשיקט און ניט גאַנץ קאָרעקט, אָבער די כוונה איז געווען קלאָר: „מיר בויען ניט סתם אַזוי, מיר בויען די ישיבה!"

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

איינער פון די ארבייטער האָט געקענט פאַר זיין „ערקלערונג" ווערען א קאנדידאט אוועקגעשיקט צו ווערען אין סיביר. עס זיינען געקומען אָנקוקען די געביידע „הויכע נאטשאַלסטוואָ", די גרויסע באַאמטע, דער איספּראַווניק מיט זיין סוויטע. האָבען זיי זיך נאָכגעפרעגט ביי דעם מויערער אויף דעם פּלאַן פון דעם בנין. דער פּלאַן איז באשטאַנען פון דער ישיבה אליין, א גאַנץ גרויסער פּלאַץ און נעבען דעם איז געווען א קליינער צימער, אין דעם צימער האָט דער „משגיח" אַמאָל פאַרהערט די קלענערע בחורים. הויפּטזעכליך איז אָבער דאָס צימער געווען באַ־שטימט פאַר די פרויען פון די ראשי ישיבה אין זייער אומגעבונג, צום דאַוונען. ווען דער איספּראַווניק האָט געפרעגט דעם מויערער וואָס איז דער צוועק פון דעם קליינעם צימער, האָט ער געענטפערט מיט שטאָלץ:

— דאָ דאַוונען די פרויען פון דער „צאַרסקע פאַמיליע".

דער איספּראַווניק האָט דערהערט דאָס וואָרט „צאַרסקע פאַמיליע" איז ער שיער ניט אומגעפאַלען פון שרעק. וואָס הייסט דאָס עפּעס רופען סתם בשר ודם מיט דעם „גרויסען" נאָמען „צאַרסקע פאַמיליע"? מיינט דאָס עפּעס ליצנות פון דעם צאַר אליין, אָדער אפשר שמעקט דאָס גאָר מיט א רעוואָלוציע, וואו מען וויל שאַפען א נייע „צאַרסקע פאַ־מיליע"? מען האָט געגעבען א באַפעהל און מען האָט דעם אומשול־דיגען מויערער אַרעסטירט און עס האָט געזאָלט ווערען א „דיעלאָ" געגען דעם אידען פאַר מאַיעסטעט באלײדיגונג.

עס האָט געקאָסט ניט ווייניג מיה און נאָך עפּעס דערצו אויך... צו „פאַרשמירען" דעם עסק. דען ווי האָט מען געקענט ערקלערען די „גוים" אז אין וואָלאָזין איז דאָס א זכיה פאַר'ן קיסר ווען מען רופט דעם „בית הרב", די משפחה פון די ראשי ישיבה, מיט'ן נאָמען „צאַרסקע פאַמיליע"? דאָס איז געווען אַן אַלטעגליכער געברויך, ווייל העכער ווי דער „בית הרב" איז אין די אויגען פון וואָלאָזינער אידען ניט געווען זייט דורות.

ח.

# דער „בית הרב"

די וואָלאָזינער „דינאַסטיע" האָט זיך אָנגעהויבן מיט ר ב י ח י י ם ו ו אָ ל אָ ז י נ ע ר. ניט אומזיסט איז דער וואָלאָזינער „בית הרב", אָדער ווי מען האָט עס וואולגאַר גערופן „צאַרסקע פאַמיליע", געשטאַנען העכער ווי אירגענד וועלכע אַנדערע אידישע משפחה. עס איז ניט נאָר ווייל צווישען רבי חיים וואָלאָזינער'ס קינדער און אייניקלאַך זיינען געווען גרויסע קעפּ, שאַרפע מחות, באַריהמטע לומדים. ניט דאָס אַליין. עס איז געווען אין דער גאַנצער משפחה, אפילו ניט אין דער דירעקטער ליניע, עטוואָס גרויסעס, „דינאַסטישעס". יעדעס מיטגליד פון „בית הרב" איז געווען אַנדערש ווי זיין גלייכען אַנדערש־וואו. עס איז שווער צו באַהויפּטען, אַז אין דעם גאַנצען „בית הרב" זיינען ניט געווען קיין איינפאַכע מענשען אָהן פיל תורה און אָהן פיל חכמה, אָבער די „איינפאַכע" זיינען אויך געווען ניט גאָר פשוט. אין יעדען איינ־ציגען קינד און אייניקעל פון די ערשטע דורות פון וואָלאָזינער משפחה איז געווען אַ פונק פון פ י ה ר ע ר ש אַ פ ט, ווער עס האָט ג ע־פ י ה ר ט די ישיבה, די אידישע וועלט, ווער עס האָט ג ע פ י ה ר ט מחלוקת... פאַמיליע אינטריגען, ווי עס געהערט צו אַ דינאַסטיע...

און ווי געוועהנליך ביי אַזעלכע פעלע, איז די ענטשטעהונגען פון דעם „בית הרב" געווען אַרומגערינגעלט מיט לעגענדען. מען האָט דערצעהלט אין וואָלאָזין אַזאַ מעשה: רבי חיים וואָלאָזינער'ס פאָטער איז געווען אַ זוהן פון אַ שענקער, וועלכער האָט פאַרקויפט בראַנפען אין שטעדטעל. ער האָט חתונה געהאַט פון אַ קליין שטעדטעל פ י ע ס ק, לעבען הוראָדנאַ, אויך מיט אַ שענקער'ס אַ טאָכטער. דאָס פאָר־פאָלק האָבען אָבער ניט גוט געלעבט און זיי זיינען זיך פאַרנאַנדערגעפאָהרען. דער מאַן אין וואָלאָזין ביי זיינע עלטערן, און די יונגע ווייבעל אין פיעסק, ביי איהרע עלטערן. ווי דער מנהג איז געווען אין יענע צייטען, האָט מען די שענקען גענומען אין פאַכט ביי דעם „פריץ" פון שטעדטעל. אוןביידע שטעדטלאַך, וואָלאָזין און פיעסק, האָבען דאַן געהערט צו איין פריץ, צום גראַף ט י ש ק ע ו ו י ץ. אַזוי ווי דער גראַף פלעגט קומען באַזוכען זיינע שטעדטלאַך און באַזוכען זיינע שענקען, האָט ער געזעהן, אַז אַ יונגערמאַן געהט אום באַזאָרגט, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט ביי

זיינע עלטערן וואָס איז די סבה און מען האָט איהם דערצעהלט, אז דער יונגער מאַן האָט אַ ווייב אין פּיעסק, און זיי האָבען זיך ניט איינגעלעבט. אויסהערענדיג די געשיכטע האָט דער גראַף „גע'פסק'ענט" אז די ווייבעל מוז קומען אין וואָלאָזין צו איהר מאַן, און זייענדיג דער „בעל הבית" אויף פּיעסק און אויף איהר שענקער, האָט ער געהייסען מקיים פּסק זיין, און מען האָט איהם געמוזט פאָלגען. און די פּאַר־פאָלק האָבען זוכה געווען צו די באַריהמטע פינף קינדער גאונים, פון וועלכע רבי חיים וואָלאָזינער און זיין ברודער ר ב י ז ע ל מ ע ל ע —ביידע דעם ווילנער גאון'ס תלמידים — זיינען געווען די גרעסטע. און רבי חיים איז געווען דער גרינדער פון דער ישיבה און פון איהם הויבט זיך אָן דער „בית הרב".

וועגען רבי חיים'ן אַליין זיינען אויך אומגעגאַנגען פאַרשידענע ספּורים. און טראָץ דעם וואָס די צייט איז ניט אזוי ווייט — דער שרייבער פון די שורות האָט געקענט צוויי אידען, וועלכע האָבען געקענט רבי חיים'ען, איינעם פון זיי האָט רבי חיים געבענשט אונטער דער חופּה — זיינען דאָך אַ טייל מעשיות ארומגעוועבט מיט לעגענדעס. איינס איז קלאָר, אז רבי חיים איז געווען ניט נאָר פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט, נאָר אויך אַן אויסערגעוועהנליכער חכם און אַ פיהרער מיט אַ ברייטען בליק און זעהר ווייטען קוק. די גרינדונג פון דער ישיבה אין זיין צייט, ווען אין יעדער שטאָדט און אין יעדע שטעדטעל האָט מען געלערענט תורה, איבעראַל זיינען געווען רבנים, גאונים „תופסי ישיבה", און פון דעסטוועגען האָט ער, רבי חיים, געפונען פאַר נויטיג צו גרינדען אַ צענטער פאַר תורה לערנען, און דאָס איז געטאָן געוואָרען מיט אַ קלאָרען פּלאַן, ווי עס איז צו זעהן פון דעם באַריהמטען היסטאָרישען בריף, וועלכען רבי חיים האָט פאַרשיקט ביים אָנפאַנג פון דעם יסוד פון דער ישיבה — דאָס אַליין באווייזט וועלכען חוש רבי חיים האָט געהאַט פאָראויסזעהענדיג די צייטען וועלכע וועלען קומען.

אינטערעסאַנט און טיילווייז מערקווירדיג איז רבי חיים'ס ביאָגראַפיע. ער איז אייגענטליך קיין רב ניט געווען, אין געוועהנליכען זינען. מען דערצעהלט זאָגאַר, אז יונגערהייט איז ער געווען אַ קורצע צייט רב אין ו ו י ל ק אָ מ י ר, אָבער ער איז באַלד געקומען אין וואָלאָזין און דאָרט איז ער געווען... אַ פאַבריקאַנט פון ליינוואַנד. מיט פערציג יאָהר צוריק בערך האָט מען נאָך געקענט זעהן אין וואָלאָזין אַן איינגעפאַלענע הייזקע, וואו, ווי מען האָט דערצעהלט, איז דאָרט געווען רבי חיים'ס פאַבריק. אויף די בריף און די תשובות זיינע איז ער גע'חתמ'עט ניט רב און ניט ר"מ — ראש ישיבה — נאָר „המלמד". דאָס איז דער כח פון דעם

אמת'ן גרויסען מענשען. ער קען זיין ניט קיין רב, נאָר אַ פאַבריקאַנט; ניט קיין ראש ישיבה, נאָר אַ מלמד. ער איז אָבער דער רב רבנן און דער ראש ישיבה פון דורות און דורות ראשי ישיבות!

רבי חיים וואָלאָזינער איז געווען אין זיין צייט, ניט נאָר דער גרינדער פון דער וואָלאָזינער ישיבה, נאָר דער אידישער וועלט-פיהרער, און אַזוי איז דאָס געוואָרען אַ טראַדיציע, אַז דער וואָלאָזינער ראש ישיבה איז ניט געווען איינגעשלאָסען אין די פיר אייגען פון זיין טעטיגקייט, ווי שווער און ווי וויכטיג עס איז געווען, נאָר ער איז געווען דער גרויסער גייסט פון זיין דור און דער אַנערקענטער פיהרער פון כלל-ישראל. אַזוי איז געווען נאָך רבי חיים'ען זיין זוהן, ר ב י א י צ ע ל ע  ו ו אָ ל אָ-ז י נ ע ר, וועלכער האָט איבערגענומען די פיהרערשאַפט פון דער ישיבה און אין דערזעלבער צייט אויך געוואָרען דער באַריהמטער גאון, וועלכער האָט זיך געמישט אין אַלע אידישע גרויסע אַנגעלעגענהייטען אין זיין צייט.

ווער איז געוועזען רבי חיים'ס ווייב און רבי איצעלע'ס מוטער — איז ניט גענוי באַקאַנט. ווי עס שיינט, איז זי געווען אַ קלוגע, אַ באַ-וואוסטזיניגע פרוי, אַזוי אַמווּעניגסטענס דערצעהלט מען, אַז קומענדיג אַמאָל אין שוהל בעפאַר דער עולם איז צוזאַמענגעקומען צום דאַווּנען, האָט זי געהערט ווי דער בעל-עגלה פון שטעדטעל, זעהר אַ פּראָסטער מענש, זאָגט די ברכה „שלא עשני אשה". דאָס האָט איהר זעהר פאַר-דראָסען און קומענדיג פון שוהל אהיים, האָט זי געהאַט אַ טענה מיט איהר מאַן, מיט רבי חיים'ען, וואָס הייסט דאָס, ער, דער גראָבער יונג, מיינט אויך, אַז ער איז אַזוי גרויס, אַז ער מאַכט די ברכה „שלא עשני אשה"! האָט איהר רבי חיים געענטפערט: — עס זיך ניט אָפּ דאָס האַרץ, יעדער מאַן מאַכט די ברכה אויף זיין ווייב...

רבי איצעלע וואָלאָזינער, וועלכער איז געווען דער צווייטער ראש ישיבה ביי זיין פאָטער'ס לעבען, און האָט איבערגענומען די פיהרערשאַפט ווען רבי חיים איז נפטר געוואָרען, איז געווען באַריהמט מיט זיין קלוג-הייט און וועלטליכקייט. אין דער געשיכטע פון די אידען אין רוסלאַנד ווערט רבי איצעלע'ס נאָמען דערמאָנט אַלס איינער וועלכער האָט זיך געמישט און געהאַט אַ גרויסע השפעה אין אַלע כלל ענינים. עס איז באַקאַנט זיין שטעלונג צו דעם טרויעריג באַריהמטען ל י ל י ע נ ט אַ ל און מען ווייס אויך פון רבי איצעלע'ס נסיעות אין דער דאַמאָלסדיגער פעטערבורג. מיט איינעגע צעהנדליג יאָהר צוריק איז נאָך געווען צו זעהן, אין דער הויז פון רבי איצעלע'ס אייניקלאַך, רבי חיים הלל פריד און זיין באַריהמטע פרוי שרה ביילע, דעם בגד וועלכען רבי איצעלע האָט

געטראָגען זייענדיג ביי ניקאָלאַי דעם ערשטען. דער בגד איז געווען פון א שעהנעם זייד, געלבליך געפארבט, מיט א גרויסע שטיק געהאפטעט אין זילבער, דער פאָדערשטער טייל אויפ'ן בגד. דער בגד איז געווען לאנג, געמאכט פיר־עקיג און אין איהם זיינען איינעמאכט ציצית.

עס ווערט איבערגעגעבען, אז דער דאמאָלסדיגער מיניסטער א ו ו א ־ ר א ו ו, אויף וועמען מען זאגט ער איז געווען א יודע ספר, האט גע־פרעגט רבי איצעלע'ן, זעהענדיג איהם אזוי אויסגעפוצט, ווי קומט דאס וואס ער איז עובר אויפ'ן פסוק: „אל תתהדר לפני מלך” און אויך אויף א גמרא, אז „יאה עניותא לישראל”. דארויף זאל רבי איצעלע איהם האבען געענטפערט:

— דאפיר טראג איך דאך א שעהנעם בגד, ווייל „יאה עניותא לישראל”, איז דאך שעהן צו זיין אָרים און עס שטעהט דאך „אל תתהדר לפני מלך”, טאר איך זיך ניט אויספוצען מיט מיין אָרימקייט...

אין וואָלאָזין האט מען געזאגט, אז רבי איצעלע האט געקענט גוט פויליש, די שפראך, וועלכע איז געווען גאנגבאר אין זיין צייט און אויך יאָהרען שפעטער, אין ווילנער גובערניע. מען זאל אויך האבען געפונען ביי איהם פוילישע ביכער, ווען ער איז נפטר געוואָרען. ער איז גע־שטאָרבען פלוצלינג, זייענדיג אונטערוועגס, און ער ליגט ניט אין וואָלאָזין, נאָר אין א י ו ו ע נ י ץ, א שטעדטעל ניט ווייט פון וואָלאָזין. רבי איצעלע האט געלאָזען מעהרערע קינדער, א זוהן און איינגע טעכטער. זיין עלטסטער איידעם איז געווען אויך זיינער א פלימעניק, ר ב י א ל י ע ז ר י צ ח ק פ ר י ד, און דער צווייטער איידעם איז געווען דער טאטע ז”ל. רבי אליעזר יצחק איז געווען צוערשט דער צווייטער ראש ישיבה, און ווען רבי איצעלע איז נפטר געוואָרען איז ער געוואָרען דער ערשטער און דער טאטע ז”ל דער צווייטער. רבי אליעזר יצחק איז אָבער געווען א קרענקליכער מענש און ער איז אויך אלס ראש ישיבה ניט געווען שטארק טעטיג, ניט קוקענדיג וואס ער איז געווען א גרויסער בעל מוח, און א פאָר יאָהר נאכדעם ווי ער האט אָפיציעל איבערגענומען די ישיבה פיהרערשאפט איז ער געשטאָרבען און דער טאטע ז”ל איז גע־וואָרען דער ערשטער ראש ישיבה.

עס זיינען אָבער געווען אנדערע פרעטענדענטען אויפ'ן „טראָן” פונ'ם ראש ישיבה. איבערהויפט איז געווען שטארק די טענה געגען טאטען ז”ל, ווייל ער איז ניט געווען קיין דירעקטער יורש פון דער „דינאסטיע”, ער איז געווען נאָר אן איידעם אין דעם „בית הרב”, און די אנדערע האבען געהאט א דירעקטע פארוואנדשאפט מיט דער משפחה.

## דער „בית הרב"

דער שטאַרקסטער געגנער, וועלכער האָט געמאָנט דעם זכות פון ראש ישיבה איז געווען ר ב י י ו ס ף ב ע ר ס אָ ל אָ װ י י צ י ק, זייענדיג אַן אור־אייניקעל פון רבי חיים וואָלאָזינער דורך אַ טאָכטער, און דאָצו איז ער געקומען ניט נאָר מיט זכות אָבות, נאָר אויך מיט זיין אייגענע גרויסקייט. דער קאַמף צווישען דעם טאַטען ז"ל און רבי יוסף בער'ן איז געווען ניט נאָר אַ פּערזענליכער, נאָר ער האָט אויך בארוהט אויף צוויי שיטות אין לערנען און אין דעם אָרט שעורים זאָגען. דער טאַטע ז"ל האָט גע'שם'ט פאַר אַ גרויסען בקי, טראָצדעם וואָס אויך זיין עמקות איז געווען זעהר גרויס, איז אָבער די בקיאות געשטאַנען אין פאָדערגרונד און רבי יוסף בער איז געווען באַוואוסט אַלס אַ גרויסער חריף, ניט קוקענדיג וואָס ער איז געווים געווען גרויס אויך אין בקיאות, אָבער די חריפות איז געווען איבערוויגענד. די פראַגע ווער זאָל בלייבען דער ראש ישיבה, דער טאַטע ז"ל, אָדער רבי יוסף בער, איז געווען זעהר וויכטיג אין דער גאַנצער אידישער וועלט, וועלכע האָט געוואוסט אָפּצור שאַצען דעם ווערט פון דער וואָלאָזינער ישיבה, אַלס דעם גייסטיגען מיטעל־פּונקט אין יענער צייט. עס זיינען געקומען צו פאָהרען די גרעסטע רבנים אין יענער צייט און אויסהערענדיג די טענות, האָבען זיי גע־פּסק'נט, אַז דער ערשטער ראש ישיבה דאַרף זיין דער טאַטע ז"ל. רבי יוסף בער האָט, ווי עס שיינט, ניט געוואָלט זיין דער צווייטער ראש ישיבה, און איז דאַן אַוועק פון וואָלאָזין.

עס איז אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש, אַז די וועלכע האָבען גע'טענה'ט פאַר די אָנקומענדע רבנים זיינען ניט געווען די צוויי פּער־זאָנען, וועלכע זיינען געווען דירעקט אינטערעסירט אין דעם אויסגאַנג פון דעם פּסק. דען סוף־כל־סוף, וואָס זאָלען זיי טענה'ן? האָבען זיי דען עפּעס איינער געגען דעם צווייטען? וועט דען איינער, חלילה, רעדען בייז אויף דעם אַנדערען? דאָס איז דאָך באמת אַ מחלוקת לשם שמים, און ווער עס וועט זוכה בדין זיין, ער מוז בלייבען! די הויפּט טוענים זיינען געווען די ישיבה לייט, וועלכע זיינען געוועזען פּאַרטיילט אין צוויי צדדים. און דאָס מערקווירדיגסטע איז וואָס די „בקיאים" האָבען גע־טענה'ט פאַר רבי יוסף בער'ן, זאָגענדיג: „מיר זיינען אַליין בקיאים, מיר דאַרפען האָבען אַלס ראש ישיבה דעם חריף", און די „חריפים" האָבען געזאָגט: „חריפות קענען מיר אַליין, מיר האָבען נויטיג אַלס ראש ישיבה דעם באַריהמטען בקי".

רבי יוסף בער איז אַוועקגעפאָהרען פון וואָלאָזין, ער איז געוואָרען סלוצקער רב, ער איז אָבער ניט פאַרפרעמדט געוואָרען פון דער ישיבה.

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

זיין זוהן ר ב י ח י י ם ס אָ ל אָ וו י י צ י ק איז מיט יאָהרען שפעטער געוואָרען דעם טאַטענ'ס איידעם (אייגענטליך אַן אייניקעל, ער האָט חתונה געהאַט מיט ר ב י ר פ א ל ש אַ פ י ר אָ'ס טאָכטער, וועלכער איז געווען דעם טאַטענ'ס איידים. אָבער פאַרלירענדיג יונגער־הייט איהר מוטער האָט זיך די צוקונפטיגע פרוי פון רבי חיים'ן ערצויגען ביים טאַטען ז"ל אין הויז און ער האָט איהר חתונה געמאַכט, און האָט גערופען רבי חיים'ן „מיין איידעם") און איז געוואָרען דער צווייטער ראש ישיבה, וועמעס השפעה אויף דער ישיבה און איהרע תלמידים איז געווען זעהר באַדייטענד.

מען דערצעהלט, אַז ביי דער חתונה פון רבי חיים'ן אין וואָלאָזין, וועלכע איז געווען נאַטירליך זעהר גרויס און פייערליך, האָט דער טאַטע ז"ל איינגעלאַדען דעם מחותן, רבי יוסף בער'ן, טאַנצען מיט איהם אַ „קאַזאַצקע", אַ טאַנץ וואָס איינער טאַנצט געגען דעם צווייטען, האָט רבי יוסף בער געענטפערט

— איך האָב שוין אַמאָל געפּרובט טאַנצען געגען אייך, מחותן, און איך האָב ניט מצליח געווען...

אָבער אויך אויסער רבי יוסף בער'ן זיינען אין יאָהרען שפּעטער אויפגעשטאַנען אַמאָל דער און אַמאָל יענער, וועלכע האָבען געשטאַמט דירעקט פון „בית הרב" און געמאָנט זייער „זכות" אויף דער ישיבה. און ווי געוועהנליך אין „הויף־לעבען" האָבען זיך געפונען מעהר אָדער וועניגער אָנהענגער פון יעדען פּרעטענדענט. עס זיינען געווען צייטען ווען איינער פון די „אייניקלאַך" האָט כלומר'שט געזאָגט אַ שיעור, נאָר דער שיעור איז געווען פריהער אויסגעלערענט ביי איינעם פון די גוטע יונגע לייט פון דער ישיבה...

די קנאה פון די „אייניקלאַך", וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פאַר „אמת'ע" „בית הרב'ניקעס" געגען טאַטען ז"ל, האָט אָנגעהאַלטען יאָהרען־לאַנג און מען האָט געזוכט צו פאַרשאַפען איהם פאַרשידענע שוועריג־קייטען, און ווען ניט זיין וואונדערבאַרער כאַראַקטער פון גערולד און אויסדויער וואָלט די ישיבה פיל געליטען דערפון. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען דער טאַטע ז"ל האָט זיך נוהג געווען אין שווערע צייטען צו געהן מתפלל זיין אויפ'ן „אוהל" פון רבי חיים'ן, האָבען אַנדערע גע'טענה'ט:

— עס איז א ו נ ז ע ר זיידע און ער געהט דאָרט אויסבעטען געגען אונז...

# דער „בית הרב"

א גרויסען חלק אין דעם לעבען פון „בית הרב", סיי אין דעם גוטען זין פון א דינאסטיע און סיי אין דעם אנדערען, האבען געהאט די פרויען. מען מוז צוגעבען, אז פון דער דירעקטער ליניע פון בית הרב האבען זיך די טעכטער אפט אויסגעצייכענט מעהר ווי די זיהן. רבי איצעלע'ס טעכטער און אויך זיינע אייניקלאך זיינען געוועזן ווירקליכע קאפ־מענשען. זיי האבען געהאט פיל וויסען אין אידישע ווי אויך אין וועלטליכע ענינים, שעהנעם אויסזעהן, שארפע מחות און שטארקען כח הדבור. די פרויען פונ'ם „בית הרב" האבען פארנומען א פלאץ ניט צוליב זייערע מענער, נאר צוליב זיך אליין. יאהרען־לאנג נאך דעם טויט פון ר' אליעזר יצחק'ן, דעם ערשטען איידעם רבי איצעלע'ס, האט זיין פרוי געשפילט א גרויסע ראליע, און ביי איהר אין הויז איז געווען א „סאלאן" וואו עס זיינען געקומען אלערליי מענשען פון שטאדט, פון דער ישיבה און אויך אמאל פון דער פרעמד. מען האט זי גערופען „די אלטע רבי'צין", און ווען זי איז געשטארבען האט מען אנערקענט, אז עס איז אוועק אן אינטעלעקטועלער כח.

אויך אין די ווייטערדיגע דורות האבען זיך די פרויען אויסגעצייכענט. אויף איינע פון זיי, די איהומענער רביצין, ווערט דערצעהלט פאלגענדעס: זי איז אמאל געפאהרען אונטערוועגס און זיך אפגעשטעלט אין אן אכסניא. דארט זיינען געוועזן א גרופע חסידים, וועלכע האבען זיך אונטערהאלטען וועגען די דאמאלס ברענענדיגע פראגע פון „חסידות" און „מתנגדות". ביי דעם שמועס איז געקומען צו רייד וועגען רבי חיים וואלאזינער און זיין ספר „נפש החיים". דער ספר „נפש החיים", וועלכער איז די אידעאלאגיע פון „התנגדות" בנוגע צו אהבת התורה און שמירת המצוות, איז ניט באליבט ביי חסידים, דארט זיינען אויך דא מאנכע אויסדריקע געגען חסידישע מנהגים. די חסידים, שמועסענדיג וועגען רבי חיים'ן און זיין ספר האבען ניט געקענט איהם גלאט מבטל זיין, האבען געזוכט צו געפינען פעהלערען. די איהומענער רבי'צין, רבי חיים'ס אור־אייניקעל, האט פארשטאנען וואוהין דער שמועס פיהרט, האט זי זיך אנגערופען:

— געווים, דעם „נפש החיים" טאר מען אין האנד ניט האלטען.

די חסידים, הערענדיג אזא שארפען אויסדרוק פון א פרוי האבען גענומען מיט איהר זיך אונטערהאלטען אויסגעפינען וואס וויים זי פון „נפש החיים" און פארוואס האט זי אזא מיינונג פון איהם. זיי האבען נאטירליך ערווארטעט צו הערען עטוואס סענסאציאנעלעס, געווים וועט

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

די פרוי דערצעהלען עפּעס וואָס זי האָט געהערט פון אימיצען וועגען דעם מחבר אָדער דעם ספר, ווארום טאָר מען איהם אין האנד ניט נעמען. עס האָט לאנג ניט געדויערט און די פרוי האָט געזאָגט גאנץ ברייטלאך:

— מען טאָר דעם ספר ניט האלטען אין האנד, ווייל ער איז קודש קדשים ומטמא את הידים...

די חסידים האָבען נאכהער אויסגעפונען ווער די פרוי איז און פאר־שטאנען וואָס עס מיינט רבי חיים'ס אן אייניקעל...

ו.

# די נייע ישיבה

עס האָט ניט לאַנג געדויערט ווי עס האָט אָבגעברענט די פריהערדיגע ישיבה און דער נייער בנין איז פארטיג געווארען. די נייע ישיבה איז געווען פיעל שעהנער אויסערליך אזוי גוט ווי אינערליך, פון דער פריהערדיגער געביידע. די אידעע פון דעם נייעם בנין איז געווען, אז די גאַנצע ישיבה איז איין זאך, עס זיינען ניט געווען קיין באזונדערע חדרים ווי עס איז פריהער געווען. אלע הונדערטע ישיבה־לייט האָבען געלערנט צוזאמען, אין איין גרויסען און שעהנעם צימער, וועלכער איז געווען זעהר גוט באלויכטען און באקוועם צוזאמענגעשטעלט די טישען, אז יעדער האָט געהאט ניט נאָר א מעגליכקייט צו לערנען, נאָר אויך א חשק דערצו. מען האָט ניט געוואוסט אין יענע צייטען און אין יענע ערטער פון טעכנישע און אָפּטישע געזעצען, וועלכע האָבען צו טהאָן מיט פעדאגאָגישע ענינים, דער שכל הישר האָט אָבער דיקטירט צו שאַפען געוויסע טעכנישע קלייניגקייטען אין דער נייער ישיבה, וועלכע זיינען ניט געווען ביז דאַן און אויך נאָכהער אין אנדערע ישיבות. ניט אלע טישען אויף וועלכע מען האָט געלערנט זיינען געווען גלייך. עס זיינען געווען העכערע און נידריגערע, אזוי אז יעדער ישיבה־מאַן האָט געקענט אויסקלייבען ביי וועלכען טיש עס איז איהם באקוועמער צו לערנען, לויט זיין הויך, זיין ראיה, זיין געוואוינהייט, שטעהען גלייך אָדער עטוואס איינגעבויגען, א. ד. גל. אויך זיינען געווען צווייערליי טישען: גלאַטע, וואו עס איז בעסער צו זיצען דאביי, און משופע'דיגע פון ביידע זייטען, וואו עס איז אנגענעהמער צו לערנען שטעהענדיג, אזוי ווי ביי א „שטענדער", וועלכער איז דאַן אין וואלאָזין שוין געווען ארויסגעגאַנגען פון דער מאָדע.

דער מנהג פון פאראדען און גרויסע צערעמאָניען ביים אָנהויבען בויען און ענדיגען איז דאַן ניט געווען. מען האָט פארטיג געמאכט דעם בנין, זיינען די ישיבה־לייט באלד אריינגעגאַנגען און „געזעצט זיך לערנען". די צאָהל פון די ישיבה־לייט איז געווארען גרעסער און גרעסער. דער נאָמען פון דער ישיבה און איהר השפעה איז געשטאַנען אין דער אידישער וועלט זעהר הויך. די בעסטע כחות פון דער לומדישער יוגענד האָבען זיך דאָרט צוזאמענגעקליבען. אין דער ישיבה איז געווען א גע־

הויבענע שטימונג. דער נייער פּרעכטיגער בנין האָט אָנגעפילט יעדען איינעם מיט אַן אינערליכע שמחה. מען האָט פיעל געלערנט, מען האָט פאַרבראַכט די צייט אין אַ קלאָרען באוואוסטזיין, דאָס יעדער טאָג און יעדער בלאַט גמרא איז אַ געווינס מיט וועלכען מען דאַרף זיך פרעהען אין דער געגענוואַרט און אַם בעסטען אויסנוצען פאַר דער צוקונפט.

ווען די ראשי ישיבות האָבען געבויט די ישיבה האָבען זיי ניט גע־קלעהרט וועגען זייערע אייגענע היימען. זיי האָבען געבויט צוערשט „גאָט'ס הויז" און ביז דאָס הויז איז געוואָרען פאַרטיג האָבען זיי וועגען זייערע הייזער און פאַמיליען גאָרניט געטהאָן. ניט קוקענדיג אויף די פיזישע שוועריגקייטען זיינען די ראשי ישיבה מיט זייערע משפּחות נאָך אַלץ געוועזן „שכנים" אין קליינע צימערען וואו זיי האָבען צייטווייליג גע־וואָהנט „אַראָבצו", ווייט פון דער ישיבה.

די אָנשטרענגונג פון דעם ווייטען און שווערען וועג ארויף און אַראָפּ, איז געוואָרען זעהר פיהלבאַר פאַר די פּערזאָנען וועלכע זיינען שוין דאַן געוועזן ניט יונג. דעריבער איז פאַרבערייטעט געוואָרען אונטער דער ישיבה אייניגע צימערען וואו צוערשט זאָל דאָרט וואָהנען אונזער פאַמי־ליע, און דאַן ביי דער ערשטער מעגליכקייט זאָל דאָרט קומען רבי חיים סאָלאָווייציק מיט זיין משפּחה. נאַטירליך זיינען די וואָהנונגען אויך ניט געוועזן באַקוועם, ווייל זיי זיינען ניט געווען פאַרבאַרייטעט דאַפיר ווי עס געהער צו זיין, און הויפּטזעכליך, איז געווען דאָרט אונמעגליך אירגענד וועלכע רוה צו האָבען. דען מען האָט געהערט יעדען טריט און יעדען ריהר פון די ישיבה־לייט וועלכע האָבען אויבען געלערנט. נעמענדיג אין אנבאַטראַכט אַז אויבען זיינען געזעסען שוין דאַן בערך דריי הונדערט יונגע מענשען, פול מיט לעבען, שטענדיג ריהרעוו־דיג, וועלכע דורך לערנען זיינען זיי נאָך מעהר בעוועגליך אַלס געוועהנ־ליך — קען מען זיך פאָרשטעלען ווי די „דירה" אונטער זייערע פיס האָט אויסגעזעהן בנוגע רוהיגקייט. דעם טאַטען ז"ל האָט דאָס אָבער ניט געשטערט פון זיין גרויסער צופרידענהייט און אונבאַגרענצטען גליק, וואָס די „הייליגע ישיבה" — ווי ער פלעגט זיך שטענדיג אויסדריקען — איז ווידער אויף איהר פּלאַץ און דער „קול תורה" הערט זיך אין דעם פולען קלאַנג.

ווען מען האָט איהם געפרעגט: „רבי, ווי קענט איהר רוהען, ווי איז אייך מעגליך צו שלאָפען, ווי ווייניג עס איז, ווען איבער אייער קאָפּ הערט מען כסדר ארומגעהענדיג, לערנענדיג, שרייענדיג, און דער עכאָ איז נאָך אונטען שטאַרקער אַלס אַנדערשוואו?" האָט ער מילד און זאַנפט געענט־

# די נייע ישיבה

פערט: „ווען איהר גנעהט פארביי א מיהל און איהר הערט דעם גערויש, באוואונדערט איהר ווי קען דער מילנער שלאָפען, עס דוכט זיך אייך, אז איהר וואָלט ניט געקענט ביי אזא געטומעל זאגאר וואכענדיג לאנג אויס־האלטען. דער אמת איז אָבער, אז וואָס דער גערויש איז גרעסער שלאָפט דער מילנער רוהיגער, ער הערט יעדען ריהר פון די רעדער מיט דעם גרעסטען פארגעניגען. אומגעקעהרט, ווען די רעדער פון מיהל שטעהען און קיין גערויש איז ניטא, דאן ערשט קען דער מילנער ניט איינשלאָפען, ערשט דאן לאָזט די רוהיגקייט איהם ניט רוהען״...

די נייע געביידע פון דער ישיבה האָט אימפּאָנירט יעדען איינעם ווער עס האָט געזעהן פון נאָהענט אָדער פון ווייטען. דאָס שעהנסטע בילד איז געווען אין די ווינטערדיגע אבענדען, ווען רונד ארום איז געווען רוהיג און שטיל ווי אין א קליין שטעדטעל, דער באָדען און די הויפען בעדעקט מיט זילבער־קלאָהרען שנעע און פון איין פונקט אין מיטען שטראַהלען דורך צעהנדליגע פענסטער בליצענדע ליכטער און עס הערט זיך שוין גאנץ ווייט הונדערטע זיסע, געשמאַקע קולות דורכגעדרונגען מיט אונגעהייערע ליבע, מיט אונבאַשרייבליכע באַגייסטערונג פון הונדערטע יונגע מענשען פול מיט לעבען און מיט קראַפט אין קערפערליכען ווי אין גייסטיגען זין.

ווען איינער פון דרויסען איז געקומען אין א שעהנע ווינטער נאכט און האָט פון דערווייטענס דערזעהן די בלאנקענדע ליכטער און געהערט די צוציהענדע שטימען, האָט ער פארגעסען וואו ער איז. ער האָט ווי פאר־לאָרען דעם צוועק וואָס ער האָט פאר זיך, און האָט אַנדערש ניט געקענט טהאָן, ווי בעפאָר ער איז געפאָהרען און אויסגעריכט זיינע געשעפטען, לאָזען זיך פיהרען צו דעם צויבער־פונקט, צו דער ישיבה. קומענדיג אויפ׳ן שוועל, זעהענדיג די הונדערטע שעהנע קעפּ, גלאנצענדע אויגען, וועלכע פילען אָן דעם גרויסען בנין מיט התלהבות פון דעם העכערען סאָרט, האָט אויך דער פרעמדער געקראָגען „התפשטות הגשמיות״, און איז שטעהן געבליבען פאר א רעכטע היבשע צייט פארגאַפט, די אויגען אָפען, די אויערען אָנגעשפּיצט און ניט רעדענדיג איז געווען דער אויס־דרוק: „עס איז עפּעס א מין גן עדן התחתון״.

איינער פון די דרויסענדיגע באזוכער איז געווען אמאָל א באריהמטער גביר פון די אמאָליגע משכילים, ביי וועמען דער ראציאָנאַליזם איז גע־ווען דער אָבגאָט, און ער איז געקומען אָנקוקען די ישיבה מיט א געוויסען אָבגעמאַכטען בטול פאראויס. ער האָט זיך אָבער אויך ניט איינגע־האַלטען און איז שטעהן געבליבען ביי דער אימפּאָזאַנטער ערשיינונג אָהן ווערטער. ער האָט באזוכט די ישיבה איין אבענד, א צווייטען אבענד

און אוועקפאָהרענדיג, האָט ער געזאָגט צו זיינע באַקאַנטע: „ווען מיי־נע פריינד וועלען מיך פרעגען וועגען די וואָלאָזינער ישיבה, וועל איך זיי זאָגען, אז דער גרעסטער וואונדער וואס איך האָב דאָ געזעהן איז, אז טראָץ די שטאַרקייט פון ווינטער, די גרויסקייט פון דעם בנין, איז די קלענסטע הוצאה פון דער ישיבה, האָלץ צום הייצען, ווייל עס איז דאָ ווארעם גענוג אָהן באהייצונג"...

די שעהנקייט און גרויסקייט פון דער ישיבה איז אָבער געווען ניט נאָר א מעלה, נאָר אויך א חסרון. די רעגירונג וועלכע האָט ביז דאַן געקוקט אויף די עקזיסטענץ פון דער ישיבה דורך די פינגער, מען איז אָפּגעקומען מיט'ן שטאָדטישען פריסטאוו און העכסטענס מיט'ן איס־פּראווניק דורך די געוויסע באַקאַנטע מיטלען פון „מתן בסתר" פון איין זייט, און „נטילת ידים" פון דער אנדער זייט — איז איצט געווארען דער ענין פון דעם גרויסען בנין מיט די הונדערטע תלמידים א „זאָרג" פון העכערע בעאמטע. מען האָט גענומען ריידען וועגען דער ישיבה אין ווילנא ביים גובערנאַטאָר, ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועלכער איז דאַן געווען א מושל איבער דריי גובערניעס: ווילנע, קאָוונע און הוראָדנע, און זיינע רעכטע זיינען געווען אויסערגעוועהנליך גרויסע, און אויך ביי די „הויכע נאַטשאַלסטוואָ" וועלכע האָבען געהאַט צו טהאָן מיט בילדונגס ענינים. דאָס וואס די מענשען האָבען זיך אינ־טערעסירט מיט דער ישיבה איז ניט געווען צום בעסטען. עס האָט זיך אָנגעהויבען צו שיטען אלערליי פאַראָרדנונגען, שאלות און חקירות און סתם גזרות.

דאצו איז געווארען די פינאַנציעלע לאַגע פון דער ישיבה שווערער און שווערער. עס איז אפילו אומגעגאַנגען א קלאַנג איבער דער אידי־שער וועלט, אז די וואָלאָזינער משולחים זיינען דאָ איבעראַל. מען האָט דערצעהלט א געוויסען אַנעקדאָט פון דעם באַוואוסטען גביר און למדן שימחאָוויץ פון סלוצק, אז זיצענדיג אין א אסיפה פון „אויפגע־קלערטע" וועלכע האָבען זיך גע'חקירה'ט וועגען די „הרי חושך" וואו זיי געפינען זיך, האָט שימחאָוויץ א זאָג געטאָן: „איך גלויב, אז די הרי חושך עקזיסטירען איבערהויפּט ניט, והאָ ראיה דערצו, ווען זיי וואָלטען געווען, וואָלט דאָרט געפאָהרען א וואָלאָזינער משולח"... פון דעסטוועגען איז אָבער דער פאַקט געווען, אז די משולחים פון וואָלאָזין האָבען באַ־זוכט וועניג לענדער און וועניג שטעדט און נאָך וועניגער זיינען געווען די „נתינות" וועלכע מען האָט געגעבען. עס איז גענוג צו זאָגען, אז אין אמעריקא און אין סיביר איז דאַן געווען איין משולח — א י צ ע ל ע

## די נייע ישיבה

דער משולח, האָט ער געהייסען אין וואָלאָזין, און רבי איצילע וואָלאָזינער האָט מען איהם גערופען אין ניו יאָרק — ער פלעגט דריי־פיער יאהר זיין אין אמעריקא, קומען אויף א קורצע צייט אהיים און פאָהרען אויף דריי־פיער יאָהר אין סיביר, און דערנאָך ווידער אזוי. מען קען זיך פאָרשטעלען וועלכע „אוצרות" ער האָט געזאמעלט.

די הוצאות פון דער ישיבה זיינען געווען דאן שוין זעהר גרויס, צווישען פערציג און פופציג טויזענד רובעל א יאָהר. ישיבה־לייט זיי־נען געקומען פון „זמן" צו „זמן" מעהר און מעהר און דאָס לעבען איז שוין געווען ניט מעהר פרימיטיוו ווי פריהער, די לאגע איז געוואָרען זעהר קריטיש. די רעגירונג האָט געשאפען א געזעץ אז מעהר ווי צוויי הונ־דערט און פופציג ישיבה־לייט טאָרען ניט זיין, און באמת איז געווען קרוב צו פינף הונדערט. עס איז געקומען אזוי ווייט אז די פיהרער פון דער ישיבה האָבען אויף זיך אליין ארויפגעלייגט א מין אסור אז מען טאָר קיין נייע תלמידים ניט צונעהמען, עס מעג זיין ווער עס איז. דאָס וואָס איבעראל איז לייכט, מען באשליסט און דאָמיט איז ערלידיגט, איז אָבער אין וואָלאָזין געווען שווער, ניט צוליעב וועלכען עס איז דרוס פון אויבען, נאָר צוליב די אונגעוועהנליכע „אהבת תורה" פון אינעוויינ־ א קליינער ביישפיל: עס קומט א בחור צום טאַטען ז"ל און ברייננגט א בריעף, ער וויל לערנען אין דער ישיבה, דער טאַטע ז"ל לייענט דעם בריעף און טרעהרען הויבען זיך אָן צו קייקלען פון די אויגען. דער בחור ווערט ערציטערט, און די וועלכע שטעהען ארום ווערען דערשראָקען, ווער ווייסט וואָס פאַר א בריף דאָס איז. מען פרעגט דעם טאַטען ז"ל וואָס איז די סיבה פון וויינען, ענטפערט ער מיט א ציטערדיגע שטימע: „ווי ווינט מען ניט, ווען א בחור וויל לערנען אין דער היילגער ישיבה און איך קען איהם ניט צונעהמען?!"...

ז.

# דער ישיבה׳שער לעבען אויסערליך

די פארהעלטניסע צווישען די ישיבה לייט און די בעלי בתים אין וואָלאָזין זיינען ניט געווען קיין שלעכטע, אזוי ווי זיי זיינען ניט געווען קיין גוטע, זיי זיינען איבערהויפט ניט געווען. עס איז געווען ווי א שטאָדט אין א שטאָדט. קיין שייכות, ניט גייסטיג און ניט עקאָנאָמיש, צווישען דעם ישיבה־מאן און דעם „בעל הבית" אלס איינצעלנע מענשען. די ישיבה אלס גאנצעס האָט נאטירליך געהאַט א גרויסע השפעה אויף דעם עקאָנאָמישען לעבען פון דער שטעדטעל. פון פינף הונדערט מענשען בערך וועלכע עסען און טרינקען און קליידען זיך, ווי ניט רייך און ווי שפּאָרזאָם, איז דערפון אליין דאָ א געוויסע הכנסה. און גייסטיג האָט דאָך אויך געווים די אנוועזענהייט פון אזא שטארקען קולטור־רעלען כח ווי די ישיבה ניט געקענט אויסבלייבען אין גאנצען אָהן א ווירקונג אויף דער סביבה. אָבער א דירעקטע באריהרונג צווישען דעם ישיבה־מאן און דעם שטאָדטישען איינוואָהנער איז ניט געווען. עס זיינען געווען ממש צוויי וועלטען. ווען דער ישיבה־מאן האָט „גענומען" די „סטאנציע" וואו ער איז איינגעשטאנען, האָט זיך געדארפט אפּרעכענען מיט זיינע צאָהלונגען, האָט דאָס געהאַט צו טהאָן מיט דער בעל־הבית׳טע. די מענער פון הויז, די בעלי בתים, האָבען זיך ניט געמישט דערצו.

ווען עס איז געקומען די צייט פון דאווגען, איז דער ישיבה־מאן געגאנגען אין דער ישיבה און דער שטעדטישער איינוואָהנער אין בית המדרש. די ישיבה, אפילו אלס מקום תפלה, איז געווען גאנץ אנדערש ווי דער בית המדרש, דאָס הייסט, די שטאָדטישע שוהל. אין בית המדרש האָבען קיין ישיבה לייט ניט געדאווענט, אויסער אין אן אויסנאהמספאל ווען מען האָט פארשפעטיגט דעם דאווגען האָט מען זיך „ארייננעכאפּט" אין „שטיבעל" פון בית המדרש וואו מען האָט געקראָגען א שפּעטערדיגען „מנין", אדער ווען עס פלעגט דורכפאָהרען א באריהמטער חזן פלעגען די ישיבה לייט נאָכ׳ן שבת׳דיגען דאווגען אין דער ישיבה צוגעהן אין בית המדרש הערען אן „אָב הרחמים" מיט א מוסף־דיגע קדושה. אין דער ישיבה ווידער, זיינען קיין שטעדטישע אידען, יונגע אדער אלטע, ניט געקומען, אויסער יחידי סגולה.

געווען א בעל הבית, „אברהם׳ל יענקעלע יוחננ׳ס",

זעקס און פערציג

# דער ישיבה׳שער לעבען אויסערליך

א חשוב׳ער איד, וועלכער איז געווארען א ישיבה מאן, ניט קוקענדיג וואס ער האט געהאט א גרויסע הויז און די ווייב האט געפיהרט געשעפטען, איז ער „געזעסען און געלערענט" אזוי גוט ווי אלע אנדערע ישיבה-לייט. ער האט באמת זוכה געווען צו איידעמס און אייניקלעך תלמידי חכמים. עס איז געווען אויך א בעל הבית, א בעקער, וועלכער איז געווען דער שטענדיגער „מתפלל" פאר׳ן עמוד שבת און יום טוב אין דער ישיבה. אבער זאנסט איז געווען די ישיבה א באזונדערע מלוכה. שטענדיג נאר פאר די ישיבה-לייט. ווען צו ימים נוראים האט מען איינגעלאדען איינעם פון די שטעדטעלדיגע בעלי בתים דאווענען פאר׳ן עמוד אין דער ישיבה, איז דאס געווען זעהר א גרויסע זכיה. און די וואלאזינער בעלי בתים האבען געקענט דאווענען מוסף אדער כל נדרי אדער נעילה, ווי קיינער קען דאס איצט ניט. ווען „נח אברהם דער משולח" אדער „מענדעל דער פאטשטער" — א „פשוט׳ער" איד, וואס האט געקענט א גרויסען חלק משניות אויף אויסווייניג — האבען „אוועקגעלייגט" א „הנני העני" אדער „ונתנה תוקף" איז צו זיי קיין גלייכען ניט געווען. דאס זיינען געווען בעלי תפלות וואס האבען געדאווענט ניט פאר׳ן עולם נאר אויך פאר זיך און פאר דעם רבונו של עולם...

די ראשי ישיבות האבען אויך מיט דער שטאדט קיין שייכות ניט געהאט. אויסער אין איינצעלנע פאלען. אפיציעל איז דער ראש ישיבה געווען אפילו דער רב פון שטאדט, אזוי איז געווען איינגעפיהרט פון רבי חיים וואלאזינער. די שטאדט האט אויך געצאהלט שכירות, אבער דאס איז געווען נאר נאמינעל. דער טאטע ז״ל האט געקראגען פינף רובעל א וואך און אלע האבען געוואוסט ווען ער גיט דאס אוועק. אבער אלע שטעדטישע ענינים פון חשיבות פלעגען נאטירליך אהן זיין הסכמה ניט געטהאן ווערען. דאווענען פלעגט אבער דער טאטע ז״ל אויך נאר אין דער ישיבה, ניט אין שטאדטישען בית המדרש, אויסער יום כפור נאך „כל נדרי" פלעגט ער אוועקגעהן פון ישיבה אין בית מדרש זאגען דברי מוסר, און נאטירליך, דער גרעסטער טייל פון די ישיבה לייט זיינען איהם נאכגעגאנגען, און אזוי אויך א י י ן טאג ראש השנה בעפאר תקיעות, אויך שבת הגדול און שבת תשובה איז געווען די דרשה אין בית המדרש. ווען א יונגערמאן, וואס האלט שוין ביי רבנות, האט געוואלט זאגען א דרוש, איז דאס אויך געשעהן אין בית המדרש ניט אין דער ישיבה. אין דער ישיבה האט מען קיין דרשות ניט געזאגט אויסער דער ראש ישיבה ביי געוויסע אנגעלעגענהייטען.

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

ווען אויסערליך איז קיין באריהרונג ניט געווען צווישען די ישיבה־לייט און די שטעדטעלדיגע בעלי בתים, איז אָבער אינערליך געווען א געוויסער בטול פון די ערשטע צו די לעצטע. מען האָט געקוקט פון אויבען ארונטער. עס איז זאָגאר געווען א געוויסער ביי־נאָמען פאר די שטעדטישע איינוואוינער: „סטאָפּאַקעס”. ווען א ישיבה־מאָן האָט געזאָגט אמאָל אין כעס אָדער אין ליצנות: „סטאָפּאַק”, איז דער באַגריף געווען א קלאָרער. דאָס מיינט א איד וואָס האָט מיט דער ישיבה קיין שייכות ניט. פון וואנען דער ביי־נאָמען שטאמט האָט מען אויך אין וואָלאָזין ניט געוואוסט. עס הייסט, אז איינער פון די ערשטע ראשי ישיבה האָט זיך אויסגעדריקט אז די וואָלאָזינער „בעלי בתים” זיינען גוט לצור על פי צלוחית... דאָס הייסט, דינען אלס סטאפּאק. אנדערע „ערפּארשונגען” זיינען ניט געווען, אָבער דער נאָמען איז געווען איבעראל באקאנט ספּעציפיש פאר וואָלאָזין.

איינמאָל איז אָבער געקומען צו א שטאַרקען צוזאמענשטויס צווישען די ישיבה לייט און די בעלי בתים. דאָס איז געווען גראָד אויף דעם רייז עקאָנאָמישען געביט. ווי אין אלע אַנדערע שטעדט און שטעדטלעך איז אין וואָלאָזין אויך געווען א קאַראָבקע פון פלייש און פון הייוועז, וועלכעס איז געווען די איינציגע הכנסה פון דער קהלה. זעלבסטפארשטענדליך האָבען די ישיבה לייט עסענדיג ברויט און פלייש צוגעבראכט א היבשען חלק פון דעם איינקונפט פון דער שטאָדטישער קאָראָבקע. עס איז קיינעם ניט איינגעפאלען אז עס דארף זיין אנדערש און עס קען זיין אַנדערש. ווען עס זיינען אָבער אָנגעקומען זעהר פיעל ישיבה לייט און די פינאנציעלע לאגע פון דער ישיבה איז געווארען זעהר שווער, איז געקומען אַ קריזיס אין דעם גאַנצען ישיבה'שען לעבען. פאר די גרויסע הוצאות האָט געזאָרגט די פיהרערשאפט. עס זיינען אָבער געווען קלענערע זאכען, וועלכע האָבען געהאט צו טהאָן מיט די ישיבה לייט אליין, און זיי האָבען אויך אָנגעהויבען פיהלען דעם יאָך פון געלד. איינע פון די וויכטיגסטע אינערליכע אנשטאַלטען אין דער ישיבה איז געווען דער „בקור חולים”. ווען עס האָט פּאַסירט אז א ישיבה מאָן איז קראנק געווארען, און די קראנקהייט איז געווען אן ערנסטע, איז דאָס געווען פארבונדען מיט גרויסע אויסגאבען. מען האָט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט די קליין־שטעדטילדיגע דאָקטוירים און מען האָט געבראכט א גרויסען דאָקטאָר פון ווילנא אָדער פון מינסק, און דאָס האָט געוויינליך געפאָדערט פיעלע צעהנדליגע און אמאָל הונדערטע רובעלס. ווען איינער פון דער ישיבה איז קראַנק געווארען, איי־

## דער ישיבה'שער לעבען אויסערליך

געלעגען אן אונרוהיגקייט אויף די גאנצע ישיבה. עס איז געווען א געפיהל ניט נאָר פון פריינדשאַפט און ברידערליכקייט, מען האָט געפיהלט אחריות פאר א קינד פון עלטערען וועלכע זיינען ווייט, און יעדער ישיבה מאן האָט געזוכט צו זיין ביי דעם קראנקען, דער טאַטע און די מאַמע, דער ברודער און די שוועסטער, אז דער חולה דאָ און די קרובים דאָרט זאָלען ניט פיהלען אז מען איז אין דער פרעמד... אויך די ראשי ישיבה האָבען זיך פארהאלטען צו יעדען ישיבה מאן ווי צו זייער א קינד. דער טאַטע ז"ל פלעגט אליין געהן מבקר חולה זיין, וואס נאַטירליך, דורכגעהענדיג די קליינע געסלעך און ארייגגעהענדיג אין דעם ענגען צימער וואו דער חולה איז געלעגען, איז דאָס געווען א פאַסירונג. פון אונזער הויז האָט מען געשיקט דאָס בעסטע און קרעפטיגסטע עסען, די פרויען פון די ראשי ישיבות זיינען מעהרערע מאָל א טאָג געווען ביים קראנקען-בעט, א. ד. גל. די הוצאות, די נויטיגע, האָט געגעבען די ישיבה און דער ישיבה'שער בקור חולים, ווייל דער ישיבה מאן האָט געוויס ניט געהאַט גענוג געלד אום קראַנק צו זיין. עס האָט נאָך פאַסירט, אז ווען די קראַנקהייט האָט אָנגענומען אן ערנסטען כאַראַקטער, פלעגט מען מודיע זיין די עלטערען און בעטען עס זאָל קומען די מוטער אָדער א שוועסטער, איז געווען נויטיג צו שיקען די הוצאות הנסיעה פון וואָלאָזין. קיין אָפּהאַלט איז קיינמאָל ביי אזעלכע זאכען ניט געווען.

ווען די צאָהל פון די ישיבה לייט איז געווארען גרעסער און צופעליג איז דאן געווען א שווערער קאַלטער ווינטער מעהר ווי געוועהנליך, איז די צאָהל פון קראַנקע געווען מעהר ווי אין אַנדערע צייטען. דער ישיבה'שער בקור חולים איז צו־קורץ געווארען אין מיטלען און די פיהרער פון דער חברה האָבען גענומען זוכען הילף. זיינען זיי געקומען אויפ'ן געדאנקען אז מען קען געפינען א נייעם קוואַל פון הכנסה. פאַרלאַנגען פון די „קהל'ם לייט", דאָס זיינען די פיהרער פון שטאָדט, אז די איינגאַהמען פון דעם חלק אין פלייש און הייוועןן קאַראָבקע וועלכע ישיבה לייט ברייגגען אריין, זאָל צוריק אויסגעצאָהלט ווערען דעם ישיבה'־שען בקור חולים. די טענה איז א גערעכטע, אָבער געבען געלד איז ניט לייכט און מען האָט דעם פארלאנג אָפּגעזאָגט. איז געמאכט געווארען אן אסיפה און די ישיבה לייט האָבען באשלאָסען צו באָיקאָטירען וואָלאָזינער פלייש און הייוועןן, פארמעסטען זיך מיט כחות און זעהן ווער עס איז שטאַרקער, די אַלטע שטעדטעלשע קהל'ם לייט אדער די יונגע ישיבה לייט. מען האָט געמאַכט אן איסור אז קיין ישיבה מאַן טאָר ניט עסען קיין פלייש און אויך ניט קיין חלה אָדער ברויט. מילא אָהן

פלייש קען מען אויסקומען. מען עסט מילכיגס, און בשעת הרחק איז הערינג מיט בולבעס אויך א מאכל. אָבער וואס טהוט מען אָהן ברויט? איז געפונען געוואָרען אן עצה: מען באַקט מצה, און צו מצה דאַרף מען דאָך ניט קיין הייוועז, איז דער מאָגען זאַט און די קאַראַבקע הונגעריג...

מען האָט געדונגען אן אויוועז און עס איז אַוועק א פרשה באַקען מצה. ישיבה לייט אליין האָבען געהייצט דעם אויוועז, געקנאָטען די טייג, „געזעצט" די מצה, און ווער נאָך ווי ישיבה לייט זיינען מומחים צו מצה באַקען? עס איז פאַרביי א האַלבע וואָך, א גאַנצע וואָך, צוויי וואָכען, דער סטרייק געגען דער קאַראַבקע האַלט אָן און די שטעדטישע פיהרער בלייבען ביי זייער עקשנות, מען וויל ניט נאָכגעבען, געלד — ניט א קאָפּיקע! אין דער צייט געפינען אוים די ישיבה לייט אז דער גאַנצער פּראָצעס פון מצה באַקען איז ניט אזוי פשוט, עס נעהמט צופיעל צייט, עס פיהרט צו בטול תורה, א. ד. גל. אויך ווידער אויסקומען לענ־גער אָהן פלייש איז ניט גרינג, מילכיגע מאכלים זעטיגען ניט גענוג, קרעפּ־טיגען ניט גענוג. און וואס וועט זיין דער סוף? מען דאַרף אננעהמען ענערגישע מיטלען. מען רופט אן אסיפה און מען באשליסט: מען זאָל ברייגגען פלייש און הייוועז פון אנדערש־וואו, וועט זיין אי גענוג און זאַט צום אָנעסען, אי די שטאָדטישע קאַראַבקע בלייבט באָיקאָטירט. איז אָבער ווידער דאָ שוועריגקייטען, הייוועז קען מען ברייגגען, עס פאַרנעהמט א קליינעם פּלאַץ, מען קען אפילו ברייגגען פּאַרטיגע ברויט פון א דער־בייאיגע שטעדטעל דורך גוי'אישע פוהר־לייט. (אידישע בעלי עגלות גע־הערען דאָך צום צד פון שטאָדט און וועלען דעם סטרייק ניט העלפען). אָבער פלייש פאַר עטליכע הונדערט מענשען קען מען שוין אזוי לייכט ניט איבערפיהרען און דורך א גוי קען מען דאָס דאָך ניט שיקען. איז די איינציגע עצה, ווידער דאָס זעלבע, די ישיבה לייט נעהמען די אנ־געלעגענהייט אין זייערע אייגענע הענד: מען קלייבט אוים איינינע בחורים, וועלכע נעהמען אויף זיך די אויפגאבע צו דינגען פוהרען און אליין פאָהרען ברייגגען פלייש. געזאָגט און געטהאָן.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען — ס'איז דאָ „ישיבה'שע פלייש" אין שטעדטעל. אין א געוויסען פּלאַץ שטעהען ישיבה לייט און טיילען פלייש, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען געבאָרענע קצבים... אין שטאָדט איז גע־וואָרען א טומעל, מען זוכט עצות ווי „צו ברעכען דעם סטרייק", און מען געפינט ניט. די שטאָדטישע קצבים ביי וועמען דאָס איז א פרנסה־פראַגע האָבען געזאָגט, אז זיי וועלען שוין מיט די „עטליכע בחורים"

פארטיג ווערען. זיי זיינען ארויסגעגאנגען אויפ׳ן וועג, האבען געהיט און געלויערט, געזוכט און געקוקט, געווארט אויף דעם ישיבה מאן מיט די פלייש — און, זיי געפינען ניט. עס פאהרען נאר גוי׳שע פוהרען מיט גוים, פון א ישיבה מאן איז קיין זכר ניטא. און דערווייל קומט אן כסדר נייע טראנספארטען מיט פלייש וועלכע ישיבה לייט ברייננגען צופיהרען. וואס איז דער סוד? די ישיבה לייט האבען פאראויס פאר־שטאנען אז מען היט זיי, האבען זיי ניט נאר געבארגט דעם גוי׳שען פערד און וואגען, נאר טאקע די גוי׳שע קליידער אויך. און אזוי האבען די קצבים געזעהן נאר „גוים" פאר זיך, און אין דער אמת׳ן איז דאס געווען באהאלטענע צדיקים...

באין ברירה, האבען די קצבים באשלאסען צו געהן דעם פשוט׳ען וועג. א געוויסען דאנערשטאג אין אוונט, די ישיבה איז פול מיט התלהבות פון לערנען, לאזען זיך אריין אכט קצבים מיט שטעקענס און מיט העק און קלייבען אוים די בחורים אויף וועלכע זיי האבען א חשד און מען נעהמט זיי שלאגען. די ישיבה לייט האבען אבער ניט נאר תורה, נאר אויך גבורה. זיי האבען ארומגערינגעלט די אכט קצבים און מען האט זיי צו׳מזיק׳ט... עס איז געווארען א געשריי און א גע־פילדער פון אלע זייטען. מען האט געגומען לויפען, ווען פ ו ן דער ישיבה, און ווער צ ו דער ישיבה. דער עולם איז געווארען גרויס, א פאלשטענדיגע מלחמה. אין דעם גרויסען טומעל האט איינער פון די קצבים גענומען לויפען צו אונז אין הויז, שרייענדיג און זידלענדיג. איינער א ישיבה־מאן, א ק י ש י נ ע ו ו ע ר, האט פארכאפט דעם וועג און אריינלויפענדיג אין הויז האט ער פארמאכט די טהיר, געשלעפט דריי גרויסע קאסטענס מיט פסח׳דיגע כלים, וועלכע זיינען דארט געשטאנען, און ניט קוקענדיג אויף זייער שווערקייט, וואס צוויי־דריי מענשען האבען זיי געדארפט געוועהנליך אויפהויבען, האט ער זיי אליין אויפגעהויבען איינע נאך די אנדערע און פארשטעלט די טיר.

עס האט געדויערט א געוויסע צייט, און דער טאטע ז״ל איז ארויס־געגאנגען, איינגעשטילט דעם עולם, און די קצבים, ניט די ישיבה לייט, זיינען אוועקגעגאנגען ניט נאר ח פ ו י י ראש נאר טאקע ח ב ו ש י ראש...

אין גרויסען טומעל האבען די ישיבה לייט געהערט ווי איינער א קצב, א יונגער מאן, האט אין כעס פוגע בכבוד געווען די ראשי ישיבה און די ישיבה לייט. דאס טאר מען ניט פארביילאזען. פרייטאג־צו־נאכט, ווען די בעלי בתים קומען אין בית המדרש דאווענען, געפינען זיי

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

א צעטעל אויפגעקלעפט, אין נאָמען פון די ישיבה לייט. היות, ווי דער און דער קצב האָט פוגע געווען בכבוד הרב, איז ער על פין דין א מוחרם ומנודה, און זיי, די ישיבה לייט, ווארפען איהם אריין אין חרם ביז ער וועט מקבל נזיפה זיין ווי דער דין איז. דער קצב האָט ניט גע־וואוסט דערפון, אדער ער האָט געמיינט, אז צוליעב די מחלוקת פון שטאָדט מיט די ישיבה לייט וועט מען זיך ניט צוהערען צו דעם חרם. איז ער שבת פריה געקומען צום דאַוונען ווי געוועהנליך. ווען ער איז אריין אין בית המדרש, האָבען זיך אלע אָפּגערוקט פון איהם פיער איילען ווי דער דין איז פון א מנודה. איהם איז ניט גוט געווארען און מען האָט איהם ארויסגעטראָגען פון בית המדרש א פאר׳חלש׳טען. אויף מאָרגען, זונטאָג, איז קיינער ניט געקומען אין זיין יאטקע קויפען פלייש. אין זיין הויז איז געווארען א יללה. זיין ווייב איז געקומען צו אונז אין הויז וויינען און קלאָגען. דער טאַטע ז״ל האָט איהר געזאָגט, אז זיין כבוד וואָלט ער מוחל געווען, אָבער דעם כבוד פון דער ישיבה קען ער ניט מוחל זיין. אויך דעם נידוי האָט ער ניט ארויסגעגעבען. ער האָט אויך ניט געוואוסט פון דעם, נאָר די ישיבה לייט, קען ער ניט העלפען. דעם צווייטען טאָג, מאָנטאג פריה, נאָכ׳ן דאַוונען, ווען דער טאַטע ז״ל איז ארויסגעגאנגען פון דער ישיבה אהיים און פילע ישיבה לייט נאָך איהם, איז דער קצב געזעסען אויף דער ערד ביים שוועל די שיך אויס־געטאָן, מקבל געווען נזיפה. מען האָט איהם געזאָגט: „מותר לך״, „מותר לך״, און ער איז אוועק פארקויפען זיין פלייש.

דער סכסוך צווישען די ישיבה לייט און די בעלי הבתים האָט זיך געענדיגט מיט א דין תורה צו וועלכער מען האָט געבראכט דריי רבנים פון אנדערשוואו. דער טאַטע ז״ל האָט ניט געוואָלט אנטייל נעהמען אין דער דין תורה. געוועזען איז אָבער די דין תורה ביי אונז אין הויז אין דעם טאַטענ׳ס ז״ל געגענווארט. עס זיינען געוועזען „טוענים״ פון שטאָדט און פון די ישיבה לייט. איינער פון די שטאָדטישע „טוענים״, דער ראש הקהל „י אָ ש ע  ז ע ל י ג ס״, זעהר אן אלטער און א קלוגער איד, פון די „מאָדערנע״ אין יענער צייט, האָט געוואָלט באווייזען אז די ישיבה לייט אין וואָלאָזין קריגען פלייש ביליגער ווי אנדערש־וואו, ווייל זייט דעם שאגת אריה׳ס רבנות אין וואָלאָזין, מאַכט מען דאָרט כשר „מכה בדופן״, וואס אין אנדערע שטעדט איז ניט כשר. האָט איינער א ישיבה־מאַן אויסגערופען: „רבי יאָשע, א מכה בדופן זיינען מיר אייך מוחל ביז הונדערט און צוואנציג יאָהר״...

ח.

# דער ישיבה׳שער לעבען אינערליך

די וואָלאָזשינער ישיבה האָט זיך אויסגעצייכעט פון אנדערע ישיבות וועלכע עס האָבען עקזיסטירט אין יענער צייט, אויך פון אלע ישיבות פון זייט דאן ביז איצט. ניט נאָר אין דעם אינהאַלט, דורך די גרויס־קייט פון די ראשי ישיבה און פון די וויכטיגקייט פון די ישיבה־לייט, נאָר אויך אין פיעל אנגעלעגענהייטען פון אויסערליכען כאַראַקטער. פיעלע זאכען וועלכע עס זיינען געווען ספּעציפיש אין דער וואָלאָזשינער ישיבה האָבען ניט באַריהרט אַלע ישיבה־לייט, ווייל דאָרט איז איבער־הויפּט ניט געווען קיין צוואַנג אין קיין הינזיכט, פון דעסטוועגען האָבען אָבער די זאכען דאָך געגעבען א געוויסע פאַרב צו די וועלכע האָבען דאָרט געלערענט.

איינע פון די כאַראַקטער־שטריכען פון וואָלאָזשינער ישיבה איז געווען דער „חומש זאָגען". אין קיין ישיבה, ווי ווייט עס איז באַקאַנט, האָט מען ניט געלערנט קיין חומש. וואס הייסט גרויסע מענשען, גרויסע לומדים וועלען לערנען חומש? דאָס לערנען דאָך אינגלעך, און וועלכער ערוואַקסענער מענש, בפרט נאָך א תלמיד חכם קען דאָס ניט קיין חומש? אין וואָלאָזשין האָט געהערשט אַן אַנדער גייסט. דער טאַטע ז״ל פלעגט זאָגען: „היינט קענען ניט די „בחורים", ניט די „יונגע לייט", ניט קיין חומש און ניט קיין נביאים וכתובים. פון וואנען זאָלען זיי קענען, אַז מען לערענט דאָס קיינמאָל ניט ערנסט? נאָר ווען די „יונגע לייט" — אויך די איצטיגע „בחורים" שפּעטער — וועלען דאַרפען ווערען רבנים און זיי וועלען מוזען זאָגען דרשות, וועלען זיי מיט נביאים און כתובים זיך מוזען באַקענען. אָבער חומש וועלען זיי בלייבען ניט געקענט..."

דער טאָג אין וואָלאָזשינער ישיבה האָט זיך אנגעהויבען מיט „חומש זאָגען". גלייך נאָכ׳ן דאַווענען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ביי א טיש די בעסערע ישיבה־לייט און דער טאַטע ז״ל האָט געזאָגט פאַר זיי א פּרשה חומש, אויך שבת איז אַזוי געווען. דער וואָלאָזשינער חומש איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי געוועהנליך. א משל פון דעם דאָרטיגען חומש־זאָגען קען מען זעהן אין דעם פירוש „העמק דבר" מיט די נעבען־באַמער־קונגען „הרחב דבר". אָבער דאָס איז ניט מעהר ווי א משל, ווייל דער בעסטער געדרוקטער וואָרט קען ניט אַרויסגעבען קיין טייל פון דער

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

הנאה וואָס מען האָט געהאַט הערענדיג דעם חומש פון דעם טאַטען ז"ל. אַזוי פיל באַגייסטערונג צו יעדען אות אין תורה שבכתב און אַזוי פיל ליבע דורך די פסוקים אויסטייטשענדיג, צו תורה שבעל פה ווי מען האָט געפיהלט הערענדיג די פרשה חומש, קען מען זיך קוים פאָרשטעלען. דאַביי די אונגעהייערע בקיאות אין תורה נביאים וכתובים פון דעם טאַטען ז"ל אויפ'ן דרך פון די „ראשונים", אַזוי ווי אויך זיין גאַנצער אַרט לערנען איז געווען, האָט צוגעגעבען זעהר פיל חן און געשמאַקייט צו יעדען פירוש און יעדער ערקלערונג. זעהר פיל פון די וואָלאָזינער ישיבה-לייט וועלכע זיינען אַרויסגעגאַנגען אין דער גרויסער וועלט און געוואָרען גרויסע מענשען אויף פאַרשידענע געביטען, האָבען פון דעם „חומש זאָגען" מיטגענומען זעהר פיל תורה און מדות טובות ניט ווייניגער ווי פון די „שעורים". דען אין וואָלאָזין איז געווען דער „אם הרב דומה למלאך ד' צבאות" קענטיג און פאַרשטענדליך. ניט נאָר דאָס ו ו אָ ס עס איז געלערנט געוואָרען איז געווען גרויס, נאָר ו ו י עס איז געזאָגט געוואָרען. איבערהויפּט די פאַרהעלטניסע צווישען דעם טאַטען ז"ל און יעדען איינציגען ישיבה-מאַן איז געווען עטוואָס אויסערגעוויינליך, פול מיט טיפע אינערליכע ליבע און איבערגעבענהייט. „מיין קינד" — איז געווען דער שטענדיגער אויסדרוק, וועלכער האָט געקלונגען און געווען פיהלבאַר אין זיין גאַנצע הונדערט פּראָצענט פאָלקאָמענהייט פון דעם גייסטיגען באַגריף פון פאָטערליכע ליבע צו אַ קינד.

געווען אַמאָל אַ פאַקט ווען אַ באַריהמטער רב האָט געבראַכט זיינעם אַ זוהן, אַ בן יחיד, אין דער ישיבה. דער רב, שוין דאַן אַן עלטערער איד, האָט זיך געווענדעט צום טאַטען ז"ל מיט דער בקשה, ער זאָל שענקען אַ געוויסע אויפמערקזאַמקייט צו זיין זוהן. „ער איז דאָך ביי מיר אַ בן יחיד", האָט ער צוגעגעבען, „און איז מיר זעהר טייער, רבי, גיט אַכטונג אויף איהם". דאַרויף האָט דער טאַטע ז"ל איהם געענטפערט: „געוויס זייט איהר גערעכט, ער איז ביי אייך אַ בן יחיד, ביי מיר זיינען אָבער אַלע פיר הונדערט ישיבה-לייט קינדער בנים יחידים".

און ניט קוקענדיג וואָס דער גרויסער כח פון וואָלאָזין איז געווען די התמדה און די איבערגעבענהייט צום לערנען, וויל דעם טאַטענס ז"ל התמדה איז געווען שטענדיג דער מוסטער פאַר יעדען ישיבה-מאַן, איז דאָס אויך געווען אַנדערש ווי איבעראַל. מען דערצעהלט ווען אַ בחור איז געקומען אין דער ישיבה לערנען, האָט דער טאַטע ז"ל איהם גע-פרעגט: „ווילסטו, מיין קינד, באמת לערנען? ווילסטו זיין אַ מתמיד?" — „געוויס, רבי", האָט דער בחור געענטפערט. — „ווייסטו וואָס אַ



דער טאַטע ז"ל, רבי נפתלי צבי יהודה ברלין

מתמיד דארף טאָן?" קוקט דער בחור און שווייגט. דאָן באקומט ער באלד אן ערקלערונג: — „א מתמיד דארף עסען אין צייט, שלאָפען אין צייט, און . . . לערנען אין צייט".

דאָס איז געווען דער „סדר הלמוד" אין וואָלאָזין. טאָן אלץ אין דער ריכטיגער צייט. ניט מבטל זיין פון לערנען אן איבעריגע רגע, אָבער אויך ניט איבערטרייבען די פיזישע כחות פון ניט עסען און ניט שלאָפען. עס זיינען אָבער געווען אין דער ישיבה אזעלכע „מתמידים" וועלכע האָבען ניט געוואוסט פון עסען און שלאָפען, געווען אזעלכע וועלכע האָבען געלערנט אכטצעהן, צוואנציג שעה א מעת לעת, זיי האָבען ממש ניט געוואוסט און ניט געפיהלט וואָס ארום זיי קומט פאָר, זיי זיינען שטענדיג געווען ניט אויסגעשלאָפען, דער קאָפּ ניט קלאָר. מען האָט אזעלכע „מתמידים" געאַכטעט פאר זייער גייסטיגע קראפט, פאר זייער שטאַרקען ווילען, אָבער צו די „גוטע בחורים" האָבען זיי ניט געהערט.

עס איז געווען אמאָל ביי א יום־טוב'דיגער סעודה, ווען עס איז געווען א מנהג איינצולאַדען צו אונזער טיש איינינע „יחסנים" פון דער ישיבה, ווער דורך זיין אייגענעם יחוס אלס באריהמטער למדן, ווער דורך יחוס אָבות, שטאַמענדיג פון א באריהמטער פאַמיליע א. ד. גל. דאָן דעם טאָג זיינען געווען צווישען די געלאַדענע איינער, דער גרעסטער מתמיד פון יענער צייט, אן אייניקעל פון איינעם פון די גרעסטע רבנים דאָן, און א צווייטער פון די „גוטע בחורים", היינט איז ער א ראש ישיבה אין ירושלים. אויף דעם לעצטען האָט מען דאָן געזאָגט, אז ער איז גאָר קיין מתמיד ניט, אָבער לערנען האָט ער געקענט זעהר פיל. זיצענדיג ביים טיש האָט זיך דער טאַטע ז"ל געווענדעט צו דיביידע און האָט געזאָגט: „דו לערנסט — צום מתמיד — און דו קענסט" — צום אנדערען. גלייך נאָך דעם האָט זיך דער טאַטע ז"ל געווענדעט צום מתמיד און האָט ערקלערט: „דו לערנסט אזוי פיל אז דו האָסט ניט קיין צייט ווען צו זיין א למדן. ווען דו וועסט אויפהערען צו זיין אזא מתמיד פון ניט עסען און ניט שלאָפען, וועסטו דאָן אָנפאַנגען צו קענען"...

דער אמת'ער גייסט פון לערנען, פון א שטענדיגע אונאונטערברא־כענע התמדה איז געווען אין וואָלאָזין ווי נאָך ניט ערגעץ אנדערש. די ישיבה איז קיינמאָל ניט געבליבען ליידיג. גאנצע פיר־און־צוואנציג שעה אין מעת לעת האָט מען דאָרט געהערט דעם קול פון תורה. די שטענ־דיגע צייט פון לערנען איז געווען אומגעפער פון ניין אין דער פריה ביז האַלב איינס, ווען מען האָט געזאָגט דעם שעור, און פון צווויי בערך ביז ניין, האַלב צעהן אבענד. אָבער עס זיינען שטענדיג געווען ישיבה־לייט

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

וועלכע האָבען געלערנט אויך אין דער צווישען־צייט. און ניט ווייניג זיינען געווען די וועלכע זיינען געווען וואך די ערשטע האלבע נאכט, גע־לערנט ביז צוויי־דריי און דאן געגאנגען שלאָפען, אָדער וועלכע האָבען, פארקערט, געשלאָפען די ערשטע העלפט פון דער נאכט און געלערנט פון צוויי־דריי ביינאכט ביז׳ן דאווענען. אויך ביים דאווענען זיינען געווען אזעלכע וועלכע האָבען ביי חזרת הש״ץ שוין אריינגעקוקט אין גמרא אָדער אין א מפרש, ווייל עס האָט געצויגען צו דער גמרא אָהן א שיעור. פריי־טאָג נאכט איז געוויינליך געווען א פיל גרעסערע צאָהל ישיבה־לייט וועלכע זיינען דורכגעזעסען א גאנצע נאכט. אויך יום טוב ביי נאכט, אריינ־רעכענענדיג ראש השנה, יום כפור און שמחת תורה, איז שטענדיג געווען ווער עס איז פון די יחידי סגולה וואָס איז געזעסען און געלערנט. די ישיבה איז ניט געווען ליידיג.

דאָס האָט אָבער ניט געשטערט צו די שמחות יום טוב וועלכע האָט געהערשט אין דער וואָלאָזינער ישיבה אויפ׳ן גרעסטען אופן. מען האָט דאָרט געזאָגט: „מי שלא ראה שמחת בית השואבה בוולוזין לא ראה שמחה מימיו״. ווער עס האָט ניט געזעהן די וואָלאָזינער פרעהליכקייט, איבערהויפט סוכות ביי די שמחת בית השואבה, האָט ניט געזעהן קיין פרעהליכקייט בכלל. דאָס איז א שטיק אמת. די גאנצע יוגענדליכע ענערגיע, און דער גאנצער פייער און ברען וועלכער האָט געהערשט אין די פיר־פינף הונדערט ישיבה־לייט, האָט זיך ארויסגעוויזען אין די יום טוב׳דיגע טעג. נאך בעפאָר יום טוב איז געקומען, האָבען די ישיבה־לייט ביי אן אלגעמיינער פארזאמלונג אויסגעקליבען „גבאים״, דאָס הייסט, אייניגע ישיבה לייט וועלכע זאָלען אָנפיהרען מיט דער שמחה. די אויס־געקליבענע זיינען געווענליך געווען פון די גרעסטע און חשוב׳סטע בחורים וועלכע מען האָט רעספעקטירט. די „גבאים״ האָבען געזאָרגט צוערשט וועגען די מיטלען אז מען זאָל קענען זיך משמח זיין, עס זאָל זיין וואָס אין מויל צו נעמען, צו טרינקען און צו פארבייסען. אויפ׳ן ניכ־טערען הארצען קען מען דאך ניט פרעהליך זיין.. עס האָט אויך גע־דארפט געדונגען ווערען א גרויסע הויז וואו מען זאָל קענען טאנצען, הוליען, פארברייינגען טאג און נאכט. דען ווער ווייס דען אין גרויסען טומעל ווען עס איז טאָג און ווען נאכט?.. די הויז וועלכע מען האָט געדונגען, ווי גרויס זי איז געווען, איז ניט געווען גענוג פאר אלע ישיבה־לייט, טאנצט מען אויפ׳ן גאס, ווערט גאָר פרעהליך, געהען אלע אוועק צו די ראשי ישיבות, ניט געהענדיג, נאָר טאנצענדיג, און מען טראָגט די ראשי ישיבות אריין אין דער ישיבה מיט געזאנג און די אמת׳ע

## דער ישיבה׳שער לעבען אינערליך

שמחה הויבט זיך ערשט אָן. דער טאטע ז״ל האָט מיטגעטאנצט און מיטגעזונגען מיט אַזא הייליגע באגייסטערונג וועלכע האָט די התלהבות נאָך פארגרעסערט. צווישען טאנץ און טאנץ, נגינה און נגינה, האָט מען געהערט א פסוק, א מאמר ריכטיג צוגעפאסט, איז די שמחה געוואָרען נאָך שטארקער. איז געקומען די צייט פון דאווענען האָט מען געדאווענט און געזונגען, געזונגען און געדאווענט, און נאָכ׳ן דאווענען איז מען ארויסגעקומען מיט׳ן ניגון „גוט יום טוב, רבי״, און ווידער „ברוך אלקינו״, און ווידער „אתה בחרתנו״, און צו די פרעהליכקייט נעמט קיין סוף. שמחת תורה צו מעריב איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג: דער טאטע ז״ל האָט געדאווענט פאר׳ן עמוד און די ישיבה־לייט זיינען געווען די משוררים. דאָס איז געווען דער דאווענען וועלכען מען קען זיך ניט פארשטעלען וויפיל „גילה״ און וויפיל „רעדה״ דאָרט איז געווען צוזאמען. און ביי „עלינו לשבח״ פון מעריב, האָט מען גע־עפענט דעם אָרון קודש און מיט דעם ניגון פון יום־כפור׳דיגען מוסף געפאלען „כורעים״... און נאָכ׳ן כורעים ווידער געטאנצט און געזונגען ביז גרויסען טאָג.

די אַלע שמחות זיינען געווען געוועהנליך פון נאָך מיטאָג ביז אין דער פריה. יום טוב אין דער פריה ביים דאווענען האָט קיינער ניט גע־פעהלט. די „שכרות״ פון די ישיבה־לייט איז נאָך אַלעמען ניט געווען אַזוי שרעקליך, און נאָכ׳ן דאווענען איז די גאנצע ישיבה געגאנגען צו אונז אויף „ברכה״. פאַר אַלעמען צו זיצען איז ניט געווען גענוג אָרט, די „נכבדים״ זיינען געזעסען און די איבריגע זיינען געשטאנען ארום. צו שטעהן איז געווען גענוג פּלאַץ אפילו אין דער סוכה, אָבער דאָך איז געווען שטארק איינג. נאָך „קידוש״ און נאָך א גוט וואָרט תורה בעניגא דיומא, האָט מען דערלאנגט כיבוד, און דאַן איז געוואָרען פרעהליך. מען האָט ניט געווארט דער „כיבוד״ זאָל קומען אויפ׳ן טיש, נאָר מען האָט ארויסגעכאפּט ביי די „גבאים״ וועלכע האָבען דאָס געזאָלט צוטיילען. מען האָט זיך כלומרשט געשלאָגען, געשטופּט און געריסען איבער א שטיקעל לעקאך. עס איז געווען לוסטיג. איינער פון די אָנגעשטעלטע אין דער ישיבה „א ל י ע ז ר  ד ע ר  מ נ ה ל״, זעהר א קלוגער און וויציגער איד, האָט געהאַט זיין ווערטעל:

— ווען מען כאפּט, האָבען אַלע. אויב איינער האָט ניט, איז א סימן אַז ער האָט ניט געכאפּט...

אַלע ימים טובים מיט זייער גרויסער פרעהליכקייט איז אָבער ניט געווען אַזוי באדייטונגספאָל און ווירקזאם ווי די פּסח׳דיגע „סדרים״. די

„סדרים" זיינען געווען ביי אונז אין הויז, און אַלע ישיבה־לייט אָהן אויס־נאַהם זיינען געווען געלאַדען. ווייסענדיג וואָס די וואָלאָזינער „סדרים" זיינען, האָט יעדער ישיבה־מאַן געזוכט צו בלייבען פסח אין וואָלאָזין. מען האָט מותר געווען פאָהרען אהיים צו די עלטערען אבי זיין אַנוועזענד ביים טאַטען'ס ז"ל סדר. מען קען זיך פאָרשטעלען אַ סדר וואו עטליכע הונדערט מענשען זיצען ביי די טישען, און דער טאַטע ז"ל בראש. דער „סדר" האָט געדויערט זעקס־זיבען שעה. פון צווייטען „סדר", וועלכער הויבט זיך אָן געוויינליך עטוואָס שפּעטער, איז מען געגאַנגען דירעקט פון טיש דאַווענען „ותיקין". דער טאַטע ז"ל האָט געזאָגט די הגדה מיט ערקלערונגען, וואָס עס איז שפּעטער געדרוקט געוואָרען אין דעם באור „אמרי שפר". אָבער אויך דאַביי איז פון דעם געדרוקטען וואָרט ווי שעהן עס איז, אַ גרויסער אונטערשיד ביז דעם פּערזענליכען איינדרוק פון דעם סדר מיט ה ע ר ע ן די הגדה.

דער ערשטער חלק סדר ביז נאָכ'ן צווייטען כוס איז געווען אַ פייער־ליכע שטימונג, אַן אינערליכע דיסציפּלין, אַלע זיינען געזעסען ווי איין מענש און געהערט יעדעס וואָרט פון דער הגדה און פון די ערקלערונגען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. ווי נאָר מען איז געקומען צום עסען, צווישען צווייטען און דריטען כוס, איז דער „עולם" געוואָרען בגלופין און די יוגענדליכע פרעהליכקייט האָט גענומען די אויבערהאַנד. וויפיל פלעשער וויין מען האָט ארויפגעשטעלט אויפ'ן טיש איז ניט געווען גענוג און מען האָט ווייטער פאַרלאַנגט אָנצוגיסען דעם דריטען כוס...

דער טאַטע ז"ל האָט אויך הנאה געהאַט פון דער שטיפעריי, און דער טיש האָט אָנגעהאַלטען אַ פּאָר שעה אין אַן אונגעוויינליך פרעהליכע שטימונג. תורה־ווערטלאַך, תלמידי־חכמים־וויצען זיינען געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערען, און צווישען איין שפּייז און דעם אַנדערען האָט מען געטרונקען און געזונגען, געזונגען און געטרונקען. שיכורים זיינען אָבער ניט געווען. ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבען בענשען, מיט'ן דריטען כוס אין האַנד, איז ווידער געוואָרען די שטימונג פון תלמידים, וועלכע זיצען ביים גרויסען רבי'ן. ערשט ווען דער „סדר" איז געענדיגט גע־וואָרען, אַ זייגער צוויי־דריי בייננאַכט די ערשטע נאַכט, אַ זייגער פיר־פינף מאָרגענס ביים צווייטען סדר, האָט מען אָנגעפאַנגען טאַנצען און הוליען. אַ באַזונדער גרופּע פלעגט געוויינליך ארומרינגלען דעם טאַטען ז"ל און משמח זיין איהם מיט געזאַנג און „זאָגען גראַמען". די גראַמען פון די סדרים־נעכט האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט גרויס קענטניס אין מאמרי חז"ל וועגען גאולת מצרים, אין דינים פון פסח, אין מדרשים,

# דער ישיבה׳שער לעבען אינערליך

שיר השירים און, נאטירליך, אויך צוגעזאלצען מיט די אקטיווע פאסי־רונגען פון דעם ישיבה׳שען לעבען. געווען ישיבה־לייט וועלכע זיינען געווען מומחים דארויף, מאנכע פון זיי זיינען געווארען גאונים און מאנכע פון זיי משוררים, ווייל דאצו האבען געהערט באמת ביידע אייגענשאפטען...

און ניט נאר די ישיבה־לייט האבען טייל־גענומען אין די פסח׳דיגע סדרים, נאר אויך א גרויסער טייל פון די שטאדטישע בעלי בתים זיינען נאך זייערע היימישע „סדרים" געקומען צו אונז מיט זייער גאנצע הויז־געזינד. די יונגע קינדער פון אונזער הויז האבען געהאט דעם איינדרוק, אז א „סדר" מאכט מען נאר מיט צוויי־דריי הונדערט מענשען ארום די טישען, אבער סתם־אידען עסען אהן א „סדר" און קומען צוגעהן „פרא־ווען" דעם סדר ביי אונז אין הויז.

די איינציגע פערזאנען, וועלכע האבען אין די סדרים ניט טייל־גענומען זיינען געווען די פרויען פון די ראשי ישיבה׳ס, ווייל פון ערב פסח אין דער פריה האט מען געמוזט אנפאנגען פארבארייטען א סעודה פאר הונדערטע מענשען און ווען די ישיבה־לייט האבען זיך געפרעהט און לוסטיג געמאכט זיינען די „רביצינס" געשטאנען אין קיך אכטונג געבען אויף די סארווערס און אויף די „חלקים" אז עס זאל קיינעם ניט פעהלען, אדער, שפעטער אין אוונט, אזוי אויסגעמאטערט, אז ניט די הגדה און ניט די קניידלאך האבען זיי געקענט ערמונטערען.

אלץ איז אבער ווערט געווען אזעלכע סדרים צו האבען, עס איז געווען כמעט אן אפשפיגלונג פון דער שמחה פון דעם אמאליגען קרבן פסח...

די איינציגע העלפערס, וועלכע זיינען אומגעלאפען צווישען קיך און צווישען דעם עס־צימער און האבען געמוזט אכטונג געבען, אז יעדער זאל האבען זיין „חלק" און זיין „כוס", זיינען געווען די „גבאים", וועמען עס איז ניט געווען דאן וואס צו מקנא זיין... ערשט האט מען די כוסות אנגעגאסען, ווי נאר מען געהט פון טיש אוועק, פארלאנגט מען ווידער, כלומרשט פארגעסען. אט איז געווען דער טיש פול מיט פיש, עטוואס אפגעקערט, רופט מען און מען האט טענות, די טעלער זיינען ליידיג... און די „גבאים" מוזען אלע פאדערונגען צופרידענשטעלען, דאפיר האט מען זיי דאך אויסגעקליבען.

די שמחה פון יום טוב איז אבער באלד נאך יום טוב פארוואנדעלט געווארען אין דעם ריכטיגען ישיבה־גייסט. דעם ערשטען שבת נאך שמחת תורה, שבת בראשית, ווי אויך דעם ערשטען שבת נאך פסח, וועלכע האבען נאך געטראגען א האלב יום־טוב׳דיגען כאראקטער, האט מען

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

מיט אמאָל אונטערבראָכען די שטימונג און אומגעקערט זיך צום נאָר־מאַלען לעבען, לערנען און לערנען. דעם גאַנצען יאָהר שבת בייטאָג זיינען ניט אַלע ישיבה־לייט געווען אין דער ישיבה, ווער עס האָט גע־רוהט, ווער עס איז געגאַנגען שפּאַצירען אָדער געמאַכט וואו עס איז א באַזוך. אָבער די ערשטע שבתים אָנהויב „זמן" איז די ישיבה געווען פול באַזעצט. דאַן האָט יעדער ישיבה־מאַן געמאַכט א „חזקה" אויף זיין פּלאַץ, וואו ער האָט אויסגעקליבען, דער אָרט וואו דער ישיבה־מאַן האָט זיך אוועקגעזעצט לערנען דעם שבת נאָך יום טוב, איז געבליבען זיינער פאַר דעם גאַנצען זומער אָדער ווינטער. קיינער האָט איהם ניט פאַר־נומען, אפילו ווען דער באַטרעפענדער האָט אמאָל אויסגעפעהלט. א מין אונגעשריבענער געזעץ איז געווען די „חזקה", וועלכע דער ישיבה־מאַן האָט געטאָן, צו האַלטען אונריהרבאַר.

די שבתים נאָך יום טוב האָבען געטראָגען א גאַנץ באַזונדערען כאַראַקטער. מען האָט געפיהלט ווי מענשען זיינען געווען הונגעריג נאָך א פּאָר וואָכען „הוליען" צוריק „צו כאַפּען" זיך צו דער גמרא...

## ט.

# די רביצין

אויב דער אינערליכער און דער אויסערליכער לעבען פון „ישיבה ל י י ט" אין וואלאזין איז געווען אנדערש ווי צווישען „ישיבה ב ח ו ר י ם" אין אנדערע ישיבות איז דאס טיילווייז צו פארדאנקען די השפעה און די איבערגעבענהייט צו תורה און גמילות חסדים פון די ר ב י צ י נ ס אין וואלאזין. דען די רביצין, אדער גענויער געזאגט, די ווייב פון דעם הויפט ראש ישיבה אין וואלאזין איז ניט געווען א פאסיווע פיגור, ווי עס טרעפט אמאל ביי באריהמטע פרויען, א דעקאָראטיווער טייל פון דער אומגעבונג, נאר זי איז געוועזען א ק ט י ו ו אין די ישיבה פיהרערשאפט. דאצו האט זעלבסטפארשטענדליך גע-הערט ניט נאר אויסערגעוויינליכער טאלאנט און אינטעלעקטואליטעט נאך אויך איבערגעבענהייט און פארשטענדניש פיר תורה בכלל און פיר די ישיבה בפרט. עס איז נאכמעהר אפצושאצען די טעטיג-קייט פון א רביצין-פיהרערין, ווי עס איז געווען מיין מ א מ ע ז"ל. נעמענדיג אין באטראכט אז ניט קוקענדיג אויף איהר גרויסע און שטענ-דיגע הילף וועלכע זי האט געלייסטעט אין ישיבה ענינים איז דאס ניט געקומען צום פארשיין אז עס זאל זיין קענטיג איהר גייסט און ווילען, ווי דער פאל איז געווען אין אנדערע ערטער וואו רביצינס זיינען גע-שטאנען אין פאדערגרונד און מיט זייער גאנצער פעהיגקייט האבען זיי געבראכט מעהר שאדען ווי נוצען...

דער ארבייטס-פעלד פון דער מאמען ז"ל איז געוועזען צווייפאכיג, פון איין זייט צו העלפען די ישיבה-לייט און פון דער אנדער זייט צו שטיצען די וואלאזינער בעלי בתים וועלכע האבען געהאט צו טאן מיט ישיבה לייט. דאס האט געהייסען, די יעניגע בעלי בתים וועלכע האבען געהאט „סטאנציעס" — צימערן, וואו עס זיינען „איינגעשטאנען" ישיבה-לייט. ווי שוין דערמאנט, איז די „חלוקה", דאס געלד וועלכע די ישיבה האט אויסגעצאהלט יעדע צוויי וואכען צו די ישיבה-לייט, ניט געגעבען געווארען דירעקט, נאר אויף אן אומוועג, דורך די בעלי בתים אדער, על פי רוב, די ב ע ל י ב י ת 'ט ע ס, וועלכע זיינען געקומען יעדען איבער-זונטאג, און נאך דעם חשבון פון זייערע קווארטיראנטען, האבען זיי געקראגען דאס וואס זיי האט געקוקט. די פאקטישע פארטיילונג פון

# די רביצין

די געלד איז געמאכט געוואָרען אין דער „שטיבעל" פון דער ישיבה און דער „משגיח" איז געווען דער פאַרטיילער. אָבער ניט אַלע בעלי בתים אָדער זייערע ווייבער זיינען געקומען אָפּנעמען די „חלוקה" נאָר אין דער באַשטימטער צייט. אַ גאַנץ גרויסער טייל האָט באַקומען זייער געלד אין פיל גרעסערע סומען מיט אַ צייט פאַראויס. זיי האָבען גע־דאַרפט פופציג אָדער הונדערט רובעל און אַמאָל נאָך מעהר אויפ'ן חשבון וואָס ישיבה־לייט וועלען ביי זיי „איינשטיין" און די ישיבה וועט גוט מאַכען די הלוואות ביסלאַכווייז. דאָס איז שוין ניט געוועזען קיין געוועהנליכע ישיבה־אַנגעלעגענהייט. עס האָט באַלאַנגט צו „העכערע פינאַנס" אָפּעראַציאָנען, און אַלע פינאַנץ זאַכען פון הוצאה און הכנסה, אין ברייטערען און גרעסערען זינען, איז געוועזען די טעטיגקייט פון דער מאַמען ז"ל.

מיט איהר איינגעבאָרענע אינטעליגענץ, טיפען פאַרשטאַנד און אַק־טיוועו גייסט האָט זי ג ע פ י ה ר ט די ישיבה'שע געלד ענינים מיט אַ ברייטען פאַרנעם. זי האָט ניט נאָר פאַרוואַלטעט געלד וועלכע עס איז דאָ, נאָר אויך געזוכט צו ש א פ ע ן געלד אויך אין דער צייט ווען עס איז ניטאָ. די גאַנצע ל א ס ט פון די געלד איז געלעגען אויף איהר. ווען מען האָט נויטיג געהאַט צו באָרגען געלד — און זעהר אָפט האָט מען דאָס נויטיג געהאַט — און ווען מען האָט געמוזט באַצאָהלען געלד און עס איז ניט געוועזען, האָט די מאַמע ז"ל די אַלע זאָרגען אויף איהר קאָפּ אריבערגעטראָגען. געשאַפען, געבאָרגט, פריי־אַנגירט, אַלץ ווי אין דער גרויסער וועלט, מיט ווירדע, מיט געדולד און ווי געוועהנליך אין אַזעלכע עסקים, מיט דער „גוטער מינע צום בייזען שפּיל". דאמיט איז צו אַלעם ערשטען ארונטערגענומען גע־ווען די גרויסע זאָרגען פונ'ם טאַטען ז"ל אַז ער זאָל ניט וויסען די אַלטעגליכע שוועריגקייטען, וועלכע זיינען בכח דעם גרעסטען מענשען צורייבען... דאדורך וואָס דער ישיבה'־שער קרעדיט איז גוט געשטאַנען און די צאָהלונגען זיינען געמאַכט גע־וואָרען פּינקטליך איז אויך די לאַגע פון די ישיבה־לייט געווען בעסער און זייער כבוד געשטאַנען העכער. מען האָט געוואוסט אין וואָלאָזין אַז האַלטען ביי זיך אין הויז איינעם אָדער מעהרערע ישיבה־לייט איז דאָס אַ ז י כ ע ר ע הכנסה און מען קען דאַרויף בויען. דער קרעמער האָט געקראָגען די נויטיגע געלד צו לייהען, דער בעל מלאכה האָט באַ־קומען די נויטיגע סחורה צו באָרגען ווען ער האָט פאַר'משכונ'ט די „חלוקה" געלד וואָס ער וועט קריגען פון „זיינע" ישיבה־לייט, ווען די רביצין, די מאַמע ז"ל, האָט גוטגעהייסען די הלוואה און גאַראַנטירט אַז

די מאַמע ז"ל, הרבנית בתיה מרים ברלין

# די רביצין

זי וועט אכטונג געבען אז יעדע צוויי וואכען וועט זי די באטרעפענדע סומען איינמאנען און אפגעבען צו דעם וועמען עס קומט. די בעלי בתים און בעלי בית'טעם האבען דאריבער דרך ארץ געהאט פיר דעם ישיבה־מאן, און וואס דער בחור אדער דער יונגערמאן איז געווען חשוב'ער אין לערנען און זיין „חלוקה" איז געווען גרעסער, איז ער געווען מעהר געאכטעט ווייל אויף דעם סמך פון א „גוטער סטאנציע", וואו עס „שטייען איין" „בעסערע" ישיבה־לייט, איז געווען זיכערער די הכנסה און מען האט געקענט מעהרער און לייכטער קריגען פאראויס דאס געלד.

נאטירליך איז דאס געווען פארבונדען מיט זעהר פיל מיה און אנשטרענגונג, און אויך פיל טעכנישע ארבייט, ווייל אויך די בוכפיהרונג פון דעם אלעם האט די מאמע ז"ל אליין געפיהרט. אין די ערשטע יאהרען נאך דער שרפה איז א גרויסער טייל פון די וואלאזינער הייזער דורך אזעלכע הלואות אויסגעבויט געווארען און פיל חרוב'ע געשעפטען זיינען אויף דעם אופן אויפגעריכט געווארען. דאס אלץ איז אבער ניט געווען צו שווער פיר די מאמען ז"ל ווען זי האט געוואוסט אז דאמיט איז פארבונדען די טובה פון דער ישיבה און פון הונדערטע פריוואט מענשען. דען ווער נאך ווי זי איז געווען מסוגל צו די גרעסטע קרבנות פיר תורה און פיר גמילות חסדים, בפרט נאך ווען דיביידע זאכען קומען צוזאמען ?!

ווען די מאמע ז"ל איז געקומען קיין וואלאזין, אין איהרע יונגע יאהרען, האט מען באוואונדערט איהר שעהנהייט מיט איהר עלעגאנץ אין ריידען און אין כאראקטער. ווען זי פלעגט ארויסגעהן אין גאס האט מען נאכגעקוקט און ווען זי האט מיט וועמען עס איז פארהאנדעלט האט מען נאכגערעדט — וואו זעהט מען און וואו הערט מען אזא וואונדערבארע פערזענליכקייט סיי מיט דעם אויסערליכען אויסזעהן און סיי מיט דעם אינערליכען וועזען ? הייזער און פאמיליען, אויך אין „בית הרב", וועלכע זיינען געוועזען אפגעזונדערט איינע פון די צווייטע דורך לאנג־יעהריגע מחלוקת און „פאליטישע" רייסעריען, האט זי, „די יונגע רביצין", צוזאמענגעבראכט און צוליב איהר זיינען אלע שלום געווארען. אויב אבער די ערשטע צייט פון איהר קומען אין וואלאזין האט מען גערעדט וועגען איהר ערשיינונג, וועגען איהר בילדונג — דען אין יענע צייטען ווען א פרוי האט פארשטאנען העברעאיש, גערעדט רוסיש, געלעזען דייטש און זיך אינטערעסירט מיט וועלטליכע פראבלעמען איז דאס געווען א גרויסע מדרגה פון בילדונג — און די יענע וועלכע האבען

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

געוואוסט איהר ביאָגראַפיע, אַז זי האָט פאַרלאָזען מעגליכקייטען פון זיין אַן איינגענטימערין פון גרויסע קאַפּיטאַלען, ארומגערינגעלט מיט דינערשאַפט און באקוועמליכקייט, לוקסוס און פאַרגעניגען, נאָר צוליב איין צוועק, זיין נאָהענט צו תורה און האָבען דעם גייסטיגען פאַר־געניגען פון הערען לערנען תורה און העלפען אויפהאַלטען תורה, האָבען גערעדט אויך דאפון מיט גרויס באוואונדערונג — איז שפּעטער נאָכמעהר באוואונדערט געוואָרען די שטאַרקע ענערגיע און די ברייטע האַרץ צו אינטערעסירען זיך און העלפען יעדען איינעם מיט די גרעסטע מסירות נפש. אונטער די שווערסטע אומשטענדען, זייענדיג אַליין באַזאָרגט וואו נעמט מען אויף דער טאָג הוצאה, איז קיינמאָל ניט געווען קיין אָפּהאַלט פון טאָן אַ טובה דעם צווייטען מיט דער גרעסטער געדולד, מיט די שטאַרקסטע פריינדליכקייט, און ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט די טובה פון אַ תלמיד חכם, האָט מען דאָן געזעהן וועלכע הנאה זי האָט. אין איהר נשמה איז געווען אַזוי פיל ליבע און באַגייסטערונג פיר תורה און פיר די וועלכע לערנען תורה, אַז יעדער איינער האָט געקענט פיהלען ווי עס שטראַהלט ארויס איהר צופרידענהייט, איהר גליקזעליגקייט ווען זי הערט לערנענדיג.

איהר אויסבליק איז געווען ניט ווי ביי פיל מענשען, מענער און פרויען, אַפילו העכער ווי דורכשניטס־מענשען, באַגרענעצט נאָר אויף אַן איינציגע טובה, אויף אַ באַשטימטע פערזאָן, אין אַ געוויסן פאַל און אויף אַ באַגרענצטע צייט. איהר אינטערעסע איז געגאַנגען פיל ווייטער. זי האָט אַלע מאָל געהאַט אין זינען גרויסע זאַכען, געקלערט וועגען כלל ענינים, ניט פאַרגעסענדיג דערביי דעם פּרט און געשטרעבט צו טאָן טובות וועלכע זאָלען העלפען ראַדיקאַל. ווען דער קריזיס אין דער ישיבה איז געקומען, נאָך בעפאָר מען האָט מורא געהאַט אַז די רעגירונג וועט די ישיבה צושליסען, עס איז געוואָרען די געלד־לאַגע זעהר שווער און עס האָבען זיך געהערט מיינונגען אַז מען דאַרף „קירצען די הוצאה", וואָס עס האָט געמיינט אָדער אוועקשיקען אַ טייל ישיבה־לייט, אָדער געבען ווייניגער חלוקה־געלד אָדער ביידע זאַכען צוזאַמען, איז דאָן די מאַמע ז"ל איינגעטראָטען מיט איהר אונבאַ־גרענצטע ענערגיע און איבערראַשענדען אָפּטימיזם און געהאָלפען די לאַגע. זי האָט איינגעפיהרט דאָן דאָס סיסטעם פון „צ ע ט ל א ך". יעדען איבערזונטאָג אָנשטאָט מזומן געלד האָט מען געגעבען צו יעדען בעל הבית אויפ'ן חשבון פון זיינע ישיבה־לייט, צעטלען פיר געוויסע סומען צאָהלבאַר אין באַשטימטע צייטען. די „צעטלאך" זיינען באַ־

# די רביצין

קאנט געווארען און געוואונען דעם צוטרוי. ניט נאר אין וואלאזין נאר אויך אין דער סביבה, און ניט נאר צווישען אידען נאר אויך ביי דער ניט־אידישער באפעלקערונג. דער גוי פון דארף האט גענומען פיר האלץ אדער פיר שפייז ארטיקלען די „צעטלאך" אזוי גוט ווי געלד און די „פריצים" האבען גענומען פיר זייערע גוטס ביי די קרעמער און ביי די סוחרים די „צעטלאך" ווי א געוועהנליכע מטבע.

נאטירליך האט דאס פארפילפאכט די ארבייט און די אנשטרענגונג פון דער מאמען ז"ל, ווייל זי אליין האט געמוזט אויסשרייבן די צעטלען, נומערירן זיי, איינשרייבן אין א בוך און היטן די שטארקסטע קאנטראלע, עס זאלן ניט נאכגעמאכט ווערן קיין פאלשע צעטלען און די וועלכע זיינען ארויס זאלן פינקטליך באצאהלט ווערן. עס איז אבער פאר איהר קיין זאך ניט געווען צו שווער ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם נוצען פון דער ישיבה. די זעלבע איבערגעבענהייט איז געווען קענטיג ווען די „פאטשט" איז אנגעקומען, ד. ה. דער טאג ווען מען האט ערהאלטען בריף אין וואלאזין, און דאן איז אנגעקומען אויך געלד ניט נאר פאר די ישיבה פון די פארשידענע משולחים און יחידים וועלכע האבען געשיקט זייערע נדבות, נאר אויך פיל ישיבה לייט האבען געקראגען געלד פון זייערע עלטערען אדער פריינד, כדי די ישיבה־לייט זאלען ניט דארפען געהן אליין אין פאסט, אונטערשרייבען און אמאל אויך לאנגווארטען, און קומען דאדורך צו „בטול תורה", האט דאס אלץ געטאן די מאמע ז"ל. און ווען עס איז „געקומען די פאטשט", צוויי אדער דריי מאל א וואך, איז זי געגאנגען אין פאסט־הויז און דארט פאר אלעמען באשטעטיגט און ארויסגענומען די געלד און דערנאך פארטיילט. עס איז דאביי ניט געווען קיין אפהאלט, ניט קיין שנעע און ניט קיין רעגען, אויך ניט קיין תענית און אמאל אויך ניט קיין קראנקהייט, ווייל ווי האט די מאמע ז"ל געקענט לאזען א ישיבה־מאן ווארטען אן איבעריגען טאג ווען ער האט געוויס דאס געלד נויטיג וואס פריהער?!

ניט קיין וואונדער דעריבער וואס אלע ישיבה־לייט האבען אפילו אוועקפאהרענדיג פון וואלאזין באטראכטעט די מאמען ז"ל פאר א חשוב'ן חלק פון דער ישיבה, און פיל ישיבה־לייט, פון זיי באריהמטע גאונים און גדולים, באטראכטען זיך אלס איהרע תלמידים אין אהבת־תורה, ווייל אין דעם איז זי געווען א גאון...

ווי ווייט די ישיבה אלס א גאנצעס און די ישיבה־לייט אלס איינ־

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

צעלנע האָבן פאַרשטאַנען די מאַמע׳ס ז״ל איבערגעבענהייט איז קענטיג געוואָרען ווען זי איז אַמאָל געפעהרליך קראַנק געוועזען. עס איז געווען אַ קריטישער צושטאַנד, מען האָט צוזאַמענגעבראַכט די גרעסטע דאָקטוירים פון די נאָהענטע שטעדט, אויך פון מ י נ ס ק איז געקומען אַ באַריהמטער ספּעציאַליסט, דאַביי זיינען פיל מיטגלידער פון דער פאַמיליע אָנגעפאָהרען און אַלע האָבן געהאַט א י י ן זאָרג, א י י ן בקשה און א י י ן תפלה אַז די רביצין זאָל געזונט ווערען. דאַן זיינען די ישיבה־לייט געקומען מיט אַ בקשה צום טאַטען ז״ל, ער זאָל זיי ערלויבען זאָגען תהלים פיר דעם קראַנקען. דער טאַטע ז״ל האָט צוערשט ניט ערלויבט, ער האָט געזאָגט אַז לערנען שטעהט העכער און מען קען ניט דוחה זיין „תורה דרבים״ צוליב וועלכע סבה עס איז. ווען די פאַרטרעטער פון די ישיבה־לייט זיינען אָבער באַשטאַנען אויף זייערע, אַז זיי גלויבען אַז אין ד ע ם מאָמענט דאַרפען זיי מתפלל זיין פיר דעם חולה האָבען זיי געקראָגען די ערלויבנים אָבער נאָר אויף א י י ן פ ע ר־ ט ע ל ש ע ה. און אַזוי שנעל ווי די פופצעהן מינוטען האָבען זיך געענדיגט האָט ער אַליין, דער טאַטע ז״ל, אַ צייכען געגעבען אַז מען זאָל ווייטער לערנען. יענער תהלים זאָגען און יענע תפלות האָבען, ווי עס שיינט, מרעיש עולם געוועזען ניט נאָר אויף ד ע ר וועלט... און ווען דער חולה איז בעסער געוואָרען, און טראָץ אַלע „אַפּזאָגאַכץ״ פון די דאָקטוירים אַז „זי קען ניט בלייבען לעבען״ איז זי ווידער געוואָרען געזונד און טעטיג — איז די שמחה איבעראַל וואו מען האָט געוואוסט דאַפון זעהר גרויס געווען.

די פאַרעהרונג און די גרויסע אַכטונג צו די מאַמע ז״ל פון אַלע וועלכע זיינען געווען פאַרבונדען מיט דער ישיבה, און אויך פון די וועלכע האָבען אַ ג י י ס ט י ג ע שייכות מיט וואָלאָזין, האָט זיך אַרויסגעוויזען ניט נאָר דאָרטען נאָר אויך איבעראַל וואו זי האָט געלעבט זייט די ישיבה איז צוגעמאַכט געוואָרען ביז איהר לעצטע שעה אין ירושלים, און נאָך ווייטער... ווייל אויך אין ארץ ישראל האָט זי אַרויסגעשטראַהלט מיט איהר קלוגהייט, פרומקייט און גוטסקייט, און איהר ליבע און שמחה מיט יעדען חלק פון דעם ארץ ישראל אויפבוי איז געווען אַזוי גרויס ווי איהר איבערגעבענהייט צו תורה. תורה אין איהר באַגריף איז געווען דער פולער באַגריף ווי עס דאַרף זיין ביי גרויסע מענשען, אויך ארץ ישראל בכלל וועלכער איז ביי ד ע ר צייט דער יסוד פון תורה...

זעקס און זעכציג

י.

# אונרוהיגע צייטען

ניט קוקענדיג אויף דעם וואס די ישיבה איז דאן געווען אין דער העכסטער מדרגה, די גרעסטע צאהל תלמידים, בערך פינף הונדערט, און איהר פאפולאריטעט איז געווען איבעראל וואו נאר אידען זיצען, איז טיף אינערליך געווען אן אונרוהיגע שטימונג. סבות זיינען געווען אייניגע, עס קען זיין אז יעדע סבה פאר זיך וואלט ניט געווען געפעהרליך פאר די עקזיסטענץ פון דער ישיבה, אלע זאכען צוזאמען האבען אבער גע-פיהרט צום קריזיס. אין דער צייט פון די יאהרען תרמ"ח און תרמ"ט איז נאך די געפאהר ניט געווען קענטיג אין דער אויסענוועלט, ביי אונז אין הויז האט שוין אפילו א קליינער אינגעל געפיהלט אז עס איז עטוואס ניט כשורה.

דער שטארקסטער סימן איז געווען די אפטע נסיעות אמאל פון טאטען ז"ל אמאל פון רבי חיים סאלאווייציק, אמאל פון א בעאמטען פון דער ישיבה. מען האט זעהר פיל גערעדט וועגען פאהרען אדער אין ווילנא אדער אין פעטערבורג. ווילנא איז געווען דער ערשטער פונקט וואו ישיבה'שע ענינים זיינען פארהאנדעלט געווארען. אויב עס זיינען געווען אויסערליכע זאכען, וועלכע האבען געהאט צו טאן מיט דער רעגירונג, איז געווען ווילנא דער ארט וואו מען האט געדארפט פאהרען בעטען און משתדל זיין לדורן ולתפלה. וועגען „מלחמה" אפילו אין דעם ריין לעגאלען זינן איז ניט געווען קיין רייד און קיין געדאנקען. דער צאריזם האט דאן געהערשט מיט זיין גאנצער שטארקייט. דאס זיינען געווען די יאהרען פון א ל כ ס נ ד ר ד ע ם ד ר י ט ע ן , און עס איז ניט געווען קיין סמן פון פריי רעדען אדער פריי שרייבען. אלע ענינים, סיי צום גוטען, און פיל מעהר צום בייזען, זיינען אפגעטאן געווארען אין די ביוראס, אין די קאנצעלאריעס פון די פארשידענע באאמטע.

די ישיבה האט געהאט אויף זיך צוויי בעלי בתים, פון איין זייט די בילדונגס פארוואלטונג, בראש פון וועלכע עס איז געשטאנען דאן א פ א פ ט ש י ט ע ל אויף זיבען גובערניעס, און זיין הויפט-זיץ איז גע-ווען אין ווילנא, און פון דער אנדער זייט האט אכטונג געגעבען דער ג ע-נ ע ר א ל - ג ו ב ע ר נ א ט א ר פון דריי גובערניעס: ווילנא, קאוונא און הוראדנע, און זיין וואהנארט איז אויך געווען ווילנא. דער פאפעטשי-

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

טעל אין יענער צייט איז געווען א געוויסער ס ע ר ג י ע ו ו ס ק י, א גע־לערנטער מענש מיט אן איידעלען כאראקטער. מען האט געזאגט אין זיין נאמען אז ער זאל זיך האבען געאויסערט אז ווי לאנג ע ר וועט לעבען און דער אלטער ראש ישיבה — דער טאטע ז"ל — וועט זיין אויף זיין פאסטען וועט דער ישיבה קיין שלעכטס ניט געשעהן. דער גענעראל־גובערנאטאר אין יענער צייט איז געווען ק א כ א נ א ו, א שונא ישראל. און האבענדיג א גרויסע מאכט אין זיין האנד, כמעט אן אונבאגרענצטען כח, ווייל דער גאנצער אמט פון גענעראל־גובערנאטאר איז געווען צו היטען די מלוכה פון „אינערליכע שונאים", רעוואלוציא־נערען, האט ער נאטירליך געזוכט צו לאזען פיהלען זיין ממשלה אויף אידען. דעריבער איז געווען נויטיג צו זיין אפט אין ווילנא, זעהן זיך מיט ד ע ם באאמטען אדער מיט י ע נ ע ם „נאטשאלניק", הערען און וויסען וואס עס טוט זיך בחדרי חדרים, וועלכע גזרות קלערט מען צו מאכען און ווי מען קען זיי פארהיטען.

אין ווילנא זיינען אין יענער צייט געווען מעהרערע אידישע עסקנים, וועלכע האבען געהאט א צוטריט אין די „הויכע פענסטער", און מען האט זיי געקענט אויסנוצען ביי אזעלכע געלעגענהייטען. די אלע וועלכע האבען געהערט צו דער „מאדערנער" וועלט, גענויער געזאגט „משכילים" פון דער עפאכע, ווען דער אידעאל איז געווען צו רוסיפיצירען די אידישע יוגענד — זיינען געווען, ווי געוועהנליך אין יענע צייטען, שונאים פון רעליגיעזען יודענטום בכלל און דער וואלאזינער ישיבה בפרט. די הויפט אנפיהרער פון דער „געבילדעטער" קלאס זיינען געווען לעהרער אדער תלמידים פון דעם געוועזענעם ראבינער סעמינאר אין ווילנא וואו מען האט מיט אבזיכט געזוכט צו באקעמפען אלעס אידישעס טראדיציאנעלעס. בראש פון די איז דאן געווען דער באריהמטער געלעהרטער י ה ו ש ע ש ט י י נ ב ע ר ג, וועלכער איז געווען א גרויסער תקיף אין די גע־לעהרטע רעגירונגס־קרייזען, איז אויך געווען אן אפיציעלער באאמטער ביי דעם פאפאטשיטעל, און ער איז געווען א בלוט־שונא די וואלאזינער ישיבה. אזוי איז אויסגעקומען אז ווען מען האט געדארפט האבען א טובה פון דער רעגירונג, האט מען צוערשט געמוזט זוכען ווי אזוי פארהיט מען אז די אידען, די „מקורבים למלכות" זאלען ניט טאן קיין רעה... דער איינציגער משכיל וועלכער איז געווען אן אויסנאהם איז געווען ש מ ו א ל י ו ס ף פ י ן. ער איז געווען שוין דאן זעהר אלט און האט געהאט א גרויסע השפעה ניט נאר צווישען אידען, ער איז געווען דער אפיציעלער פיהרער פון דער „צדקה גדולה" אין ווילנא, וואס האט

פאקטיש געמיינט די ווילנער אידישע קהלה. ער איז אויך געווען א באאמטער „אוטשאָני יעוורעי" — געלעהרטער איד — ביי דעם גענעראל-גובערנאטאָר, און ער איז געווען א מוקיר רבנן, האָט שטארק דרך ארץ געהאַט פאַר גרויסע לומדים און האָט געזוכט צו טאָן א טובה די ישיבה ווי ווייט מעגליך. ווען דער טאַטע ז"ל פלעגט קומען אין ווילנע און ער האָט געוואָלט זעהן פינ'ען, איז ער שטענדיג געקומען צום טאַטען ז"ל, ניט וואַרטענדיג אַז מען זאָל קומען צו איהם. אין יענער צייט איז דאָס געווען א באוויז פון רעספעקט, ווייל פין איז געווען, אויסער זיין בילדונג אין אידישען פאַך און אין אַלגעמיינע למודים, און אויסער אַן אַנגע-זעהענער כלל-טוער אויך א רייכער מאַן, לויט דאַמאָלדיגע באגריפען, און געוועהנליך פלעגען פילע אורחים אין ווילנא, אויך באריהמטע רבנים, קומען צו איהם צוערשט.

דער „המון" אין ווילנא האָט זיך באצויגען צו פינ'ען מיט גרויס דרך ארץ, אָבער אויך מיט א געוויסען חשד, מען האָט ניט געגלויבט אַז ער איז באמת אַזוי רעליגיעז ווי ער האָט געלעבט אויסערליך. עס איז געווען באקאַנט אַן אַנעקדאָט וועלכען ער אַליין פלעגט זאָגען: „וואָס זאָל איך טאָן מיט ווילנער אידען, איך דאַווען פינף מאָל א טאָג מנחה. ווען איך געה ארויס איינם דעם זייגער פון צדקה גדולה מאַכט מען א מנין אויף „מנחה גדולה", דאַווען איך דאָרט. איך געה אַהיים, ערשט מען רופט צו א מנין אין קצב'ישער קלויז, מוז איך נאַטירליך אריינגעהן און מיטדאַווענען; איך געה ווייטער, מען זוכט א מנין אין א בית האָבל, ווי געהט מען ניט אריין? איך געה צו אַן אספה, מאַכט מען דאָרט א מנין, קען איך ניט זאָגען איך האָב שוין געדאַווענט — מען וועט ניט גלויבען — דאַווען איך ווייטער. פאַרנאַכט רופט מען מיך אין מיין שולכעל, מען וואַרט אויף מיר מיט מנחה, מוז איך געהן. אַזוי מוז איך דאַווענען פינף מאָל א טאָג מנחה, און ווילנער אידען זאָגען, אַז איך דאַווען ניט קיין מנחה"...

אינטערעסאַנט איז געווען די התפעלות וועלכע רבי חיים סאָלאָ-ווייציק האָט דערצעהלט אַז זייענדיג אין ישיבה'שע ענינים אין ווילנא, האָט ער נויטיג געהאַט אין א פריהמאָרגען צו זעהן פינ'ען, און איז אַהין געגאַנגען צו איהם אַהיים, האָט ער געטראָפען פינ'ען דאַווענדיג שחרית מיט מתיקות... ער, שמואל יוסף פין, איז געווען דער איינציגער פון די ווילנער משכילים וועלכער איז געווען א איד ניט נאָר אין זיין בילדונג נאָר אויך אין זיין נשמה. ער איז אויך געווען דער איינציגער פון די ווילנער משכילים וועלכער האָט זיך אַנגעשלאָסען אַן די חבת ציון בא-

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

וועגונג. די אַלע אַנדערע „געבילדעטע" אידען אין ווילנא אין יענער צייט זיינען געווען ווייט, און אפשר אויך געפיהלט שנאה, צו אַלע אידישע זאַכען, און צו אַזאַ קוואַל פון תורה ווי די וואָלאָזינער ישיבה איז געווען דער האָט אַמשטאַרקסטען.

דאָסזעלבע שתדלנות וואָס עס איז געווען אין ווילנא איז געווען אויך אין פּעטערבורג, אין אַ פּיל גרעסערען מאַסשטאַב. דאָס וואָס מען האָט אין ווילנא ניט געקענט דורכפיהרען ביים גענעראַל-גובערנאַטאָר און ביים פּאָפּעטשיטעל, האָט מען פּאַרזוכט דורכצוזעצען אין פּעטערבורג ביי די מיניסטאָרען, דעם אינערליכען מיניסטער און דעם בילדונגס מיניסטער.

די אינערליכע מיניסטאָרען זיינען שטענדיג געווען צוררי ישראל. זיי זיינען אַלע מאָל געווען די שומרים פון דער צאַרישער מלוכה, און האָבען געזוכט צו אונטערדריקען אַלץ וואָס עס איז ניט געווען הונדערט פּראָצענט רוסיש, מאָנאַרכיסטיש. נאַטירליך האָבען זיי געקוקט אויף אַזאַ אַנשטאַלט ווי די וואָלאָזינער ישיבה, מיט חשד און מיט שנאה. אין בילדונגס מיניסטעריום זיינען געווען מאַנכעס מאָל מענשען מיט אַ בעסערען כאַראַקטער און אַ פאַרנינפטיגען קוק. אין יענער צייט איז געווען בילדונגס-מיניסטער אַ געוויסער גראַף ד ע ל י אַ נ אָ ו, וועלכער האָט אַליין געשטאַמט פון אַרמעניען און האָט געוואוסט דעם טעם פון אַן אונטערדריקטען פאָלק. זעלבסטפאַרשטענדליך איז אויך אין פּעטערבורג דער ערשטער שריט שטענדיג געווען צו די אידען וועלכע האָבען געהאַט אַ צוטריט צו די „גרויסע". די הויפּט פיגורען זיינען דאַן געווען אין דער רוסישער הויפּט-שטאָדט: ב אַ ר אָ ן ה אַ ר אַ ץ ג י נ צ ב ו ר ג, ש מ ו א ל פּ אָ ל י אַ ק אָ ו, מ אַ ר ק וו אַ ר ש אַ וו ס ק י און פּ ר אָ פּ ע ס אָ ר ב אַ ק ס ט. אויסער דעם לעצטען, וועלכער האָט געהערט צום קלאַס „משכילים", זיינען די ערשטע דריי געווען, דאָס וואָס מען רופט איצט, געלד-מאַגנאַטען און זייער השפעה איז געווען זייער רייכטום. אַלס כלל-טוער צו וועלכע מען האָט זיך געווענדעט פון איבעראַל צו יעדער צייט ווען עס איז אויפגעקומען אַ נייע גזרה — און ווען איז אין רוסלאַנד ניט געווען קיין נייע גזרות? — האָבען זיי געוואוסט גאַנץ גענוי וועגען די אַנגעלעגענהייטען פון דער ישיבה. אין אַלגעמיין האָבען זיי געשטיצט די ישיבה. נאָר איין זאַך איז געווען פאַר זיי שווער צו באַגרייפען: פאַרוואָס ווילען ניט די ראשי ישיבה אַז מען זאָל לערנען פאַר אַלע ישיבה-לייט אַ קורס אין דער רוסישער שפּראַך און אַלגעמיינע בילדונג. די פּעטערבורגער גבירים, אַזוי גוט ווי די ווילנער משכילים,

# אונרוהיגע צייטען

האבען דאן געמיינט אז אין דעם וואס מען וועט קענען רוסיש וועט די גאנצע אידען־פראגע אין רוסלאנד נעמען אן אנדער ווענדונג.

ווען מען האט גערעדט וועגען פאהרען אין ווילנא אדער אין פעטער־בורג, האט מען געוואוסט, אפילו א קינד אין חדר, אז עס איז עפעס ניט כשורה און מען זוכט עצות ווי צו ראטעווען דעם מצב. אין ווילנא איז געפאהרען געוועהנליך דער טאטע ז"ל מיט רבי חיים סאלאווייציק. דער לעצטער איז נאך דאן געווען פארהעלטניסמעסיג יונג, אין די פער־ציגער יאהרען, און ער איז געווען דער יעניגער וועלכער האט באזוכט די נויטיגע פערזאנען, געפיהרט די נויטיגע געשפרעכען, וועלכע דעם טאטען ז"ל האט ניט געפאסט צו טהאן. אין פעטערבורג ווען מען איז געפאהרען, איז אנשטאט ר' חיים'ן געפאהרען מיין זיידע, הרב יחיאל מיכל עפשטיין פון נאווארידאק, דער מחבר פון „ערוך השלחן". דער זיידע האט געהאט א מעלה, וועלכע זעהר ווייניג רבנים האבען דאן געהאט. ער האט געקענט ריידען און שרייבען רוסיש, ער איז געווען פאררעכענט צווישען די „רבנים־קענער". זעהר אפט זיינען אזעלכע נסיעות געווען פארבונדען מיט בעראטונגען פון נאך גרויסע רבנים. אלץ וואס האט אנבאלאנגט דער וואלאזינער ישיבה איז געווען פאררעכענט אלס א כלל־זאך פון דער ערשטער מדרגה. אמאל זיי־נען אויך די ענינים פון דער ישיבה געווען פון דער רעגירונג פארבונדען מיט די ענינים פון אידישע למודים בכלל, ווי „חדרים", מלמדים, א. ד. גל. דעריבער זיינען געווען על פי רוב צוגעצויגען צו די באשפרע־כונגען אין ווילנא אדער אין פעטערבורג, די באריהמטע גדולים פון יענער צייט: רבי יצחק אלחנן, רבי יוסף בער, רבי אלי' חיים מייזעל א. ד. גל.

דער ווינטער איז געווען א שווערער אין יעדער הינזיכט. אויסער די אפטע נסיעות וועלכע האבען געדיענט אלס באוויז אז די לאגע פון דער ישיבה איז ערנסט צוליעב אויסערליכע סבות, האט אויך אין דער ישיבה אינעווייניג געהערשט א שווערער צושטאנד. די פינאנציעלע לאגע איז געווען אויסערגעוועהנליך שלעכט. דאצו איז געווען דאן א שנת העבור, און דער צווייטער אדר איז שטענדיג געווען א פראבלעם שווער צו ליי־זען. די הכנסות פון דער ישיבה זיינען געווען אין אן עבור יאהר ניט מעהר ווי אין א געוועהנליכען יאהר, דען די משולחים האבען דאך גע־האט זייערע יעהרליכע פלענער וועלכע שטעדט צו באזוכען, און דאס האט מען ניט געקענט ענדערען אין דעם איבעריגען חודש. אין דער זעלבער צייט איז אבער די הוצאה געווארען גרעסער, ווייל די צאהלונגען

זיינען געוועזן געמאַכט מאַנאַטליך, און א דרייצעהנטער חודש האָט גע־מיינט נאָך א דרייצעהנטער טייל הוצאה.

אין יענעם ווינטער האָבען אויך פּאַסירט צוויי טויטען־פעלע פון ישיבה־לייט, איינער א ס ל ו צ ק ע ר און איינער א ס ל אָ נ י־מ ע ר, וואס עס האָט געשאַפען אן אונגעוועהנליך טרויעריגע שטימונג. דער צוזאַמענלעבען צווישען די ישיבה־לייט איז געוועזן מעהר ווי ברי־דערליך, און ווען עס האָט אימיצען פּאַסירט אן אומגליק האָבען זיך אַלע געפיהלט געטראָפען. א טויטען־פאַל אין דער ישיבה איז געוועזן אויס־סערגעוועהנליך. יאהרען־לאַנג האָט דאָס ניט פּאַסירט, און דאָ אין פאַר־לויף פון איינינע וואָכען צוויי טויטענפעלע, איינער נאָכ׳ן אנדערען. עטליכע חדשים פריהער איז אויך געשטאָרבען א ישיבה־מאַן, דער ר א ס נ ע ר בן הרב, אן אַנגעזעהענער בחור, און דאָס אַלעס האָט גע־שאַפען אן אונבאַשרייבליכען שווערען געפיהל.

די לויה פון דעם סלאָנימער האָט געדויערט א גאַנצען טאָג. עס זיינען געזאָגט געוואָרען הספּדים נאָך הספּדים, אַנהויבענדיג פון די ראשי ישיבה און דערנאָך פון די „יונגע לייט", וועלכע זיינען שוין געוועזן „ערבי רבנים", און האָבען זיך שוין צוגעוואוינט צו דער בימה. ניט קוקענדיג אויף די שרעקליכע שטימונג ביי דער לויה, אין וועלכע ניט נאָר די ישיבה, נאָר אויך די גאַנצע שטאָדט האָט טיעף מיטגעטרויערט, איז געוועזן א מאָמענט ווען א שטילער געלעכטער איז איבערגעגאַנגען ווען דער „משגיח" פון דער ישיבה, ר ב י ש ל מ ה ד ו ד ד י ס־ק י ן, האָט געזאָגט זיין הספּד. דער משגיח איז געוועזן אן עקזעמפּלאַר פאַר זיך. ער איז ניט געוועזן קיין גרויסער למדן אין דעם זין ווי מען האָט פאַרשטאַנען אין וואָלאָזין. ער איז אָבער געוועזן א גרויסער בקי. ער איז שטענדיג געזעסען און געלערנט, מעהר געלערנט פאַר זיך ווי אכטונג געגעבען אויף די ישיבה־לייט אז זיי זאָלען לערנען... ער איז בכלל געוועזן א שקדן אין אַלץ און אן אויסערגעוועהנליך פּינקטליכער מענש. אין דער ישיבה האָט מען געוואוסט גענוי די מינוט ווען ער וועט אויפהויבען זיין קאָפּ פון גמרא און וועט א קוק טהאָן וואס אַרום איהם קומט פאָר. עס איז געוועזן באַקאַנט וועלכע צייט ער געהט אַרויס צו זיך אהיים און פאַרביינגעהענדיג וואַרפט ער אן אויג ווער עס איז דאָ אין ישיבה און ווער ניט. די וועלכע זיינען ניט געוועזן זעהר פּינקט־ליך אין זייער לערנען האָבען גראָד די מינוט אָפּגעהיט און כלומר׳שט געלערנט. וואָס עס איז געוועזן א שעה פריהער אָדער א האַלבע שעה שפּעטער האָט דער „משגיח" ניט געוואוסט... די ישיבה־לייט האָבען

# אונרוהיגע צייטן

איהם זעהר גערן געהאַט און האָבען זיך פאַרהאַלטען צו איהם ווי צו אַ גוטען חבר ניט ווי צו אַן עלטערען גרעסערען און וויכטיגערען פּערזאָן. דאָצו האָט אויך בייגעהאָלפען וואָס ער איז געווען אַ מענש, וועלכער האָט ליעב געהאַט צו זאָגען אַ „חכמה״ און אויך פאַרנעמען אַ וויץ ווען מען האָט איהם אַריינגעזאָגט... אויך זיינע „דרשות״ ווען ער פלעגט אַמאָל זאָגען זיינען געווען פול מיט רמזים, שפּיעל־ווערטלעך, אַלערליי ״קונצען״, מעהר ווי אינהאַלט. ביי דעם הספד פון דעם סלאָנימער האָט ער אויך געפונען אַ רמז. דער בחור האָט געהייסען: י ר ו ח ם אָ ש ר, און האָט געזאָגט דעם יאָהר „קדיש״ נאָך זיין פאָטער, האָט דער משגיח, דער ספדן געזאָגט מיט זיין געוועהנליכען ניגון: „דאָס מיינט דער פּסוק: „א ש ר ב ך י ר ו ח ם י ת ו ם״...

די שווערינקייטען פון דעם ווינטער האָבען אָנגעהאַלטען דורך איין סבה נאָך דער אַנדערער. אין דעם זעלבען ווינטער איז פלוצלונג געשטאָרבען די פרוי פון מיין ברודער ר ב י ח י י ם ב ר ל י ן. עס איז אין גאַנצען געווען איינינע חדשים ווי מיין ברודער רבי חיים ברלין האָט מיט איהר חתונה געהאַט און פלוצלונג פרייטאָג אָווענט, ווען מיר זיצען ביים עסען קומט צולויפען אַן אָנזאָגער מיט דער שרעקליכער בשורה אַז מען האָט געפונען א י י ג ע ן — אַזוי האָט מען איהר גערופען — ליגענדיג האַלב טויט אויף די טרעפּ פון איהר הויז. איהר מאַן, רבי חיים ברלין, איז דאַן געווען אין ווילנא, צוליעב ישיבה׳שע ענינים און דאָס האָט די לאַגע געמאַכט שווערער. מען האָט ווי געוועהנליך אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אַרויסגעשיקט רייטער און טעלעגראַמעס נאָך באַריהמטע דאָקטוירים אויסערהאַלב וואָלאָזין. עס האָט ניט געהאָלפען. איינינע שטונדען שפּעטער איז ערקלעהרט געוואָרען אַז זי איז געשטאָרבען. אויף מאָרגען צום דאַווענען איז אין דער גאַנצער שטאָדט ווי אויך אין דער ישיבה געווען אַ שטימונג פון תשעה באב. דער איינציגער אין וועמען עס איז ניט געווען צו דערקענען איז געווען דער טאַטע ז״ל. ווי שטענדיג, דער שבת׳דיגער גייסט, פול מיט אינערליכע שמחה און מיט אַ געזיכט פון קדושה. קומענדיג פון דאַווענען, ווי געוועהנליך צו „קידוש״ זיינען געזעסען מעהרערע מענשען און קיינער האָט ניט דערמאָהנט דעם אונגליקספאַל. נאָר דער אייניקעל פון מיין ברודער — היינט איינער פון די אָנגעזעהענסטע מענשען אין ארץ ישראל, — וועלכער איז געווען ערשיטערט פון דער פּאַסירונג, האָט אַרויסגעלאָזען אַ טרעהר, האָט דער טאַטע ז״ל אויף איהם אָנגעשריען: „איצט

איז שבת, שבת איז ניטאָ קיין אבלות". און מען איז איבערגעגאַנגען צו געוועהנליכע ענינים פון פרשת השבוע.

צו שלש סעודות זיינען אריינגעקומען א פּאָר עסקנים פון חברא קדישא פרעגען דעם טאַטען ז"ל וועגען דעם „אָרט" וואו צו לייגען דעם טויטען, אויב אין „אוהל" פון דעם בית הרב אדער חוץ'ן אוהל. האָבען זיי דארויף געקראָגען אַן אונערוואַרטעטע תשובה: „פרעגט מיך ניט אַזעלכע זאַכען. איז דער טויטער ווערטה, מעג מען איהם לייגען וואו עס איז, איז ער חלילה ניט ווערט, העלפט ניט אויב מען לייגט איהם אין דעם חשוב'סטען אוהל"... און אַזוי איז אַוועק דער שבת. מען האָט געדאַוונט מעריב, געמאַכט הבדלה, און ווי פון א קוואַל האָט זיך ארויסגעגאָסען טרעהרען. דער טאַטע ז"ל איז באַלד נאָך הבדלה אריין צו זיך אין צימער און האָט געוויינט אויפ'ן קול אַז מען האָט איהם ניט געקענט צוריקהאַלטען. דער געוויין האָט אָנגעהאַלטען ביז נאָך דער לויה. עס איז קלאָהר געוואָרען פאַר יעדען וואָס עס מיינט דער כח פון שבת פאַר דעם וועלכער רעגירט מיט אַלע זיינע אברים און געפיהלען נאָכ'ן דין התורה...

צו די צרות פון דעם ווינטער איז נאָך ניט געווען קיין סוף. עס האָט אויסגעבראָכען דער גרויסער „שאַ". א „שאַ" האָט געהייסען אין דער וואָלאָזינער ישיבה דאָס וואָס מען רופט היינט א סטרייק. ווען עס האָט פּאַסירט עטוואָס צווישען די ראשי ישיבה און די ישיבה לייט און די לעצטע האָבען געוואָלט באַווייזען זייער כח, האָבען זיי גע-סטרייקט ניט צו לערנען. דאָס איז אָבער געטהאָן געוואָרען ניט אין נעגאַטיווען וועג, נאָר אויך אין פּאָזיטיווען. מען איז געזעסען ווי גע-וועהנליך ביי די גמרות, נאָר אַנשטאָט צו לערנען האָט יעדער ישיבה-מאַן געמאַכט מיט די ליפּען „ס ס ס" און א שרעקליכער קול פון הונ-דערטער „ס" האָט פאַרהילכט די ישיבה. מען האָט באַלד צו וויסען גע-געבען דעם טאַטען ז"ל און ער איז געקומען אין דער ישיבה. וואו ער איז געשטאַנען האָט מען געלערנט, אָדער געמאַכט זיך לערנענדיג. עט-וואָס ווייטער פון איהם האָט מען אָבער געמאַכט דעם „שאַ" מיט אַלע כחות. עס זיינען דאַן געווען אייניגע סבות וועלכע האָבען ארויסגערופען די אונצופרידענהייט פון די ישיבה לייט, די אַלגעמיינע שווערע עקאָנאָמי-שע לאַגע און אויך דער פאַל וואָס עס האָט געזאָלט קומען א נייער ראש ישיבה, וועלכען די ישיבה לייט האָבען ניט געהאַלטען פאַר פּאַסענד פאַר דעם גרויסען אמט. דאַן איז געווען דער באַגריף אַז ניט יעדער גרויסער רב און ניט יעדער גרויסער למדן קען זיין א ראש ישיבה אין

וואַלאָזין. דאָרט האָט זיך געפאָדערט גאַנץ אַנדערע קוואַליפיקאַציעס אַלס מענש און אַלס גאון. אויסער די גרויסע איבערגעבענהייט און אומ־געהייערען רעספּעקט צום טאַטען ז"ל, איז דאָן געווען דער איינציגער באַליבטער ראש ישיבה רבי חיים סאָלאָווייציק, און יעדער פּאַרזוך אַן אַנדערען אַרויפצוזעצען אויף דעם ראש ישיבה שטוהל, איז באַטראַכט געוואָרען אַלס אַן אומגעזעצליכע אוזורפּאַציע.

אין דעם אָבענד ווען דער „שא" האָט אויסגעבראָכען איז נאָך צו־געקומען אַ קליינער פאַל וועלכער האָט געהאַט גרויסע קאָנסעקווענצען, ווי עס פּאַסירט אָפט. אין דער ישיבה איז דאָן געווען אַ שמש, וועלכער האָט שוין דאָן געדינט איבער פערציג יאָהר. דער שמש, הירשל שעיה, איז געווען, ווי דערמאָנט, זעהר אַ פּשוט'ער איד וועלכער האָט קוים פאַר־שטאַנען פּירוש המלות. ער האָט אָבער געהאַט אַ שאַרפע אויג און אַ קלוגען קאָפּ. דאָס וואָס די גרעסערע פון איהם האָבען ניט געוואוסט און ניט געזעהן, האָט ער דערפיהלט. ער האָט געקענט יעדען ישיבה־מאַן מיט זיינע גוטע און שוואַכע זייטען. געוועהנליך פלעגט ער שטעהן ביים טיר און קוקען מיט זיינע שאַרפע אויגען איבער דער גאַנצער ישיבה. אין יענעם אָבענד, ווען דער „שא" איז געוואָרען שטאַרקער און שטאַרקער, האָט ער דערזעהן ווער עס האָט אָנגעפאַנגען צו ברעכען אַ לאָמפּ — דאָס איז אויך געווען אַ טייל פון „פּראָגראַם" צו מאַכען גרעסער דעם טומעל — און זייענדיג אויפגערעגט אַלס אַן אַלטער דינער, האָט ער אויף דעם באַטרעפענדען ישיבה־מאַן אַרויסגעלאָזען אַ שימף־וואָרט. דאָס האָט פול געמאַכט די מאָס, די אויפרעגונג איז געוואָרען נאָך שטאַרקער און מען איז אַרויסגעלאָפען לערנען דעם שמש דרך ארץ... מען איז גע־לאָפען איבער ביינק, איבער טישען, מען האָט אומגעוואָרפען די שטענ־דערס, אויסגעלאָשען די לאָמפּען און עס איז געוואָרען אַ שרעקליכע מהומה. דער טומעל האָט אָנגעהאַלטען אַ געוויסע צייט ביז מען איז עטוואָס באַ־רוהיגט געוואָרען. אין דער ישיבה איז אָבער געווען אַ חורבן און ניט נאָר די ראשי ישיבה נאָר אויך די ישיבה לייט האָבען געפיהלט אַז אַזוי ווייטער קען ניט געהן... דער „מעריב" נאָך דעם טומעל איז געווען אַזוי שרעקליך, אַזוי יאָמערליך, אַז קיינער האָט ניט געקענט געהן רוהיג אַהיים, מען האָט געפיהלט אין דער לופט אַז עטוואָס שוידערליכעס קומט נאָך, די פּאַסירונגען זיינען ניט קיין איינצעל־פאַל נור אַן אָנהויב פון עטוואָס שרעקליכעס...

דאָס איינציגע וואָס האָט געהערשט דאָן צווישען די ראשי ישיבה

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

און די ישיבה־לייט, איז געווען די פאָטערליכע ליבע פון טאַטען ז״ל און די אונבאַגרענצטע איבערגעבענהייט פון אַלע ישיבה־לייט צו איהם פּערזענליך. ווי דער שטייגער אין אַזעלכע פעלע, זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען פלוג־שריפטען — דאַן האָט מען דאָס גערופען „פּאַסקווילען" — וועלכע האָבען אויסגעדריקט דעם וואונש פון די „מאַסען", ד. ה. פון די ישיבה־לייט. אין יענער צייט האָבען געלערנט אין וואָלאָזין אייניגע בחורים וועלכע זיינען שפּעטער באַקאַנט געוואָרען אַלס שריפטשטעלער, איינער פון זיי, **דער זשיטאָמירער**, איז געוואָרען איינער פון די גרעסטע אידישע משוררים און זיי האָבען געשריבען די פּאַסקווילען מיט דעם „קעפּעל": „למען ידעו כל עמי הארץ". אין רעם שריפט, ווי אבענד, איז געווען געריכטעט געגען דעם שמש און האָט זיך אָנגעהויבען מיט דעם „קעעל": „למען ידעו כל עמי האָרץ". אין דעם שריפט, ווי אין מעהרערע אַנדערע, זיינען באַריהרט געווען אַלע וועלכע האָבען געהאַט אַ שייכות צו די פּיהרערשאַפט פון דער ישיבה, נאָר וועגען טאַטען ז״ל איז אויך דאָרט גערעדט געוואָרען מיט גרויס דרך ארץ. עס איז זאָגאַר געקומען דאַן אַ דעפּוטאַציע פון די בחורים ערקלערען דעם טאַטען ז״ל פּערזענליך זייער איבערגעבענהייט צו איהם, און דער דערמאָנטער זשיטאָמירער איז געווען איינער פון זיי. ניט קוקענדיג אויף די אויפרעגונג, טרערען האָבען זיך געגאָסען פון די בלישצענדע אויגען, האָט דער טאַטע ז״ל זיי אָנגערופען: „מיינע ליבע קינדער". דען אונענדליך איז געווען די אמת'ע פאָטערליכע ליבע צו די הונדערטע און טויזענדע ישיבה־לייט, וועלכע איז געווען אין זיין גרויסע הארץ.

דער טומעל איז בּיסלאַכוויז איינגעשטילט געוואָרען. אָבער דאָס אַלץ אויסערליך, אינערליך איז שוין דאַן געווען דער אָנהויב פון סוף...

## יא.

# דער ראש־ישיבה

די איבערגעבענהייט און די אנערקענונג פון די ישיבה־לייט, אהן אויסנאהם, אין אלע צייטען, צום „אלטען", ווי מען האט באטיטעלט דעם טאטען ז"ל, האט בארוהט אויף צוויי טאטזאכען. צו אלעם ערשטען איז שווער אין דער אידישער געשיכטע אין אלגעמיין צו געפינען איין פערזאן וואס זאל שטעהן בראש פון א וועלט־ישיבה מעהר ווי פערציג יאהר. דאס אליין איז עטוואס אויסערגעוועהנליכעס. בנוגע צו וואלאזינער ישיבה זיינען די יאהרען ניט נאר וויכטיג אין צאהל, נאר זיי זיינען אין פארהעלטנים צו אנדערע ראשי ישיבה, פון רבי חיים וואלאזינער אן, כמעט די גרעסטע טייל פון דער ישיבה עקזיסטענץ. דאביי מוז באמערקט ווערען, אז די וואלאזינער ישיבה האט זיך דאמיט אויסגעצייכענט פון אנדערע ישיבות וואס אין איהר גאנצע עקזיסטענץ איבער נייניציג יאהר, זיינען געווען נאר דריי ראשי ישיבה, אויסער די צווייטע ראשי ישיבה וועלכע זיינען אויך געווען ניט פיל מעהר. דער ערשטער גרינדער פון דער ישיבה ר ב י ח י י ם, נאכהער זיין זוהן ר ב י א י צ ע־ ל ע און נאך רבי איצעלען זיין איידעם, ד ע ר ט א ט ע ז " ל, מיט איין קליינעם הפסק צווישען רבי איצעלען און דעם טאטען ז"ל. בערך פיר יאהר איז געווען דער אפיציעלער ערשטער ראש ישיבה ר ב י א ל י ע ז ר י צ ח ק, ער איז אבער געווען א קראנקער מענש, געשטארבען יונג, און זיין השפעה אין זיין פיהרערשאפט איז ניט געווען מערקבאר. פאקטיש איז שוין דאן אויך געווען דער פיהרער פון דער ישיבה, דער טאטע ז"ל. קיין וואונדער ניט, דעסוועגען, וואס ניט נאר פון דערוויטענס איז געווען דעם טאטענ'ס ז"ל נאמען זעהר גרויס, נאר אויך די יעניגע וועלכע האבען זיך געפונען נאהענט צו איהם, האבען זיך פארהאלטען אינערליך מיט א געפיהל פון יראת הכבוד. עס האט זיך געפיהלט א געוויסע דיסטאנץ צווישען די תלמידים און דעם רבי'ן... דאס איז דער בעסטער סימן פון אמת'ע גרויסקייט, ווען די נאהענטקייט מאכט ניט קלענער די אכטונג, נאר גרעסער. ניט אלע זיינען זוכה דאצו...

דער לאנג־יעהריגער אמט פון דעם ערשטען ראש ישיבה אין דער גרעסטער וועלט־ישיבה זייט דורות, איז ניט די איינציגע אורזאכע פון דעם אונבאגרענצטען רעספעקט וועלכער האט זיך געפיהלט צו דעם ראש

ישיבה. דאָס איז געלעגען פיל מעהר אין דער אינדיווידואַליטעט פון דעם פּערזאָן, אין דעם כאַראַקטער פון דעם אמת'ן גרויסען מענשען, אין זיין פאַרקערפּערונג פון „אהבת התורה". דאָס גאַנצע לעבען, פון קינדהייט אָן, פון טאַטען ז"ל, איז געוועזן איין קייט פון לערנען און ווירקען אויף אַנדערע אַז זיי זאָלען לערנען. און אַזוי ווי זיין גאַנצע נאַטור איז געווען מילד, געלאַסען, דורכגעטראַכט, רוהיג, ניט שטורמיש, אַזוי איז געווען זיין ווירקונג אויף די גאַנצע סביבה אַ רוהיגע, אַ זאַנפטע, אַ אינערליך צופרידענע. די בעסטע כאַראַקטעריסטיק פון זיין טיפע רוהיגקייט און הייליגע צופרידענהייט איז, ווי מען דערצעהלט, האָט דער טאַטע ז"ל אַמאָל געזאָגט: דעם אונטערשיד צווישען איהם און רבי יוסף בער'ן, וועלכער איז געווען באַקאַנט פאַר אַ מחמיר און אַ מרה שחורה בנוגע צו זיך. „ווען עס קומט די נאַכט פון פּסח — זאָל דער טאַטע ז"ל האָבען געזאָגט אַמאָל בשעת חדוה — מאַך איך „שהחינו" מיט'ן גאַנצען האַרצען, איך ווייס עס איז אַ גרויסער טאָג, אַ טאָג פון פיל מצוות: בעור חמץ, אכילת מצה, ספור יציאת מצרים, ארבע כוסות, אכילת מרור, שמחת יום טוב, און ווי קען מען ניט צופרידען זיין? עס איז דאָך יפה שעה אחת של תורה ומצוות בעולם הזה מכל חיי העולם הבאָ. רבי יוסף בער האָט אָבער מורא טאָמער האָט ער ניט גענוג בודק געווען דעם חמץ, ניט ריכטיג מבטל געווען, דער כזית מצה ניט גענוג משומר, דער וויין ניט גענוג אָפּגעהיט און ממילא איז דער שמחת יום טוב ניט גאַנץ, און אַנשטאָט צופרידען זיין פון יעדע מצוה איז ער אינערליך אונרוהיג טאָמער האָט ער אַזוי פיל מצוות ניט ריכטיג געטאָן און אָנגע-קליבען עברות"...

דער גייסט פון אינערליכע רוהיגקייט, ווי באַלד מען טוט ווי דער דין איז, האָט איהם געהאָלפען שוין אין זיין פריהעסטער יוגענד. ווען ער איז אָנגעקומען אין וואָלאָזין אַלס איידעם צו רבי איצעלען איז ער געווען אין גאַנצען אַלט דרייצעהן און אַ האַלב יאָהר. זיין נאָמען איז שוין געווען גרויס, דען זייענדיג אַ קינד פון אַ בעל הבית, ניט קיין רב, נאָר אַ סוחר אין דער שטאָדט מיר, רבי יעקב ברלין, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ צדיק און אַ למדן, אָבער דאָך ניט קיין פאַר-גלייך מיט רבי איצעלע וואָלאָזינער אין יענער צייט, און טוענדיג דאָן אַזאַ שידוך, דאַצו איז די כלה אויך געווען זעהר אַ גערעטענע — איז דער בעסטער באַוויז ווי ווייט ער האָט גע'שמ'ט פאַר אַן אויסנאַהם. קומענדיג אָבער אין וואָלאָזין האָט ער זיך ניט איינגעלעבט אין דער נייער סביבה. ביי רבי איצעלען איז דאָן געווען אַ שטוב מיט טעכטער און איידעמס,

## דער ראש־ישיבה

קינדער און אייניקלאך, און צוזאמען מיט דער ישיבה איז דאס געווען א הויז פון גרויסען שניט, מיט פארשידענארטיגע אינטערעסען און אלערליי פאמיליען זאכען. דער טאטע ז״ל איז אבער שוין דאן געווען דער אייזערנער כאראקטער און האט דורכגעפיהרט זיין באשלוס, ניט מישען זיך אין קיין זאך, נאר זיין פארשלאסען אין זיין געצעלט פון תורה, ניט קוקענדיג וואס ווער עס איז וועט איהם קריטיקירען, אפילו עלטערע שוואגערס און אפילו דער שווער אליין... די התמדה וועלכע דער טאטע ז״ל האט געהאט אין זיינע יונגע יאהרען איז געווען א לעגענדארע. מען דערצעהלט אז ער פלעגט האלטען די פיס אין קאלטע וואסער אום ניט איינצושלאפען. דאס איז אבער ניט ריכטיג, אומגעקערט, ער האט אלע מאל געזאגט: התמדה מיינט עסען אין צייט, שלאפען אין צייט, לערנען אין צייט, נאר ניט מבטל זיין איין מינוט געהן ליידיג. אלס באוויז פון ניט מבטל זיין צייט, איז באקאנט א מאטזאכע: מוצאי יום כפור, נאכ׳ן תענית, איז רבי איצעלע מיט די בני בית געגאנגען מאכען הבדלה און אפפאסטען. ערשט דער אינגערער איידעם — דאן איז דער טאטע ז״ל געווען דער אינגסטער איידעם — איז ניטא. מען זוכט איהם ארום, ער זיצט און לערנט. ער האט ווי פארגעסען אז ער איז הונגעריג. די אונגעהייערע התמדה און אפגעשלאסענקייט דאדורך פון דער גאנצער סביבה, האט געבראכט צו מיינונגס־פארשידענהייטען צווישען איהם און רבי איצעלען מיט די איבעריגע משפחה מיטגלידער. עס האט אויסגעזעהן ווי צוויי וועלטען: איין וועלט א גרויסע, א טומעלדיגע, א פיל פארצווייגטע מיט פיל מיטגלידער פון איין משפחה, מיט פיל אינטערעסען פון ישיבה׳שע ענינים און אידישע כלל־זאכען, און דאביי דער הויפט פון דער פאמיליע בראש, און פון דער אנדער זייט א יונגער מאן, אין גאנצען פארטיפט אין זיינע דל״ת אמות של הלכה, א מענש וועלכער זיין גייסטיגער „איך" וויל איבערשטייגען אלץ וואס עס איז ארום איהם, און דער כח פון דעם איינעם ווערט שטארקער און מעכטיגער אז אלע מוזען איהם אנערקענען און ווילענדיג־ניט־ווילענדיג בייגען דעם קאפ צו איהם. ווי וויט דער אונטערשיד אין כאראקטער צווישען דעם טאטען ז״ל און זיין סביבה איז קלאר פון דעם פאקט אליין, וואס די גרעסערע און עלטערע פון איהם, רבי איצעלע ווי אויך רבי אליעזר יצחק, זיין עלטערער שוואגער, וועלכע זיינען געווען זעהר גרויס אין תורה, האבען ניט געלאזען נאך זיך קיינע חבורים, אויסער אייניגע תשובות פון רבי אליעזר יצחק אפגעדרוקט נאך זיין לעבען, און דער טאטע ז״ל האט שוין אין זיינע יונגע יאהרען געשריבען זיינע באריהמטע חבורים אויפ׳ן ספרי (וועל-

כער איז לײדער שפּעטער פֿאַרלאָרען געגאַנגען) און אויפ׳ן ש א ל ת ו ת, דער באַקאַנטער „ה ע מ ק ש א ל ה", פון די גרעסטע און חשוב׳סטע חבורים פון דעם לעצטען יאָהרהונדערט.

ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס מען איז געזעסען אין איין הויז און גע־לעבט צוזאַמען, האָט רבי איצעלע ניט געקענט דעם טאַטענ׳ס ז״ל גרויס־קייט, ביז עס איז מקוים געוואָרען „חכמתו בחוץ תרונה" און פון דער ווייטענס האָט אָנגעהויבען צו קלינגען דעם טאַטענס נאָמען. איבער־הויפּט איז דאָס געשעהן דורך די שריפטליכע פאַרבינדונג צווישען טאַטען ז״ל און ר ב י ד ו ד ל ו ר י א, ווי מען האָט איהם דאַן גערופען ר ב י ד ו ד ב י ח אָ ו ו ע ר. אויב די בײדע, דער טאַטע ז״ל און רבי דוד ביחאָווער האָבען זיך געטראָפען, איז ניט באַקאַנט, וואַרשײנליך איז דאָס ניט געווען דער פאַל, ווייל די שטרעקען זיינען דאַן געווען צו ווייט, דאַביי איז אויך ניט געווען די אומשטענדען דאַצו. רבי דוד לוריא איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן ווען דער טאַטע ז״ל איז נאָך געווען יונג. רבי דוד לוריא איז שוין געווען אַ מפורסם ניט נאָר אַלס גאון נאָר אויך אַלס וועלט־מענש און אַ פיהרער פון אַ גרויסען רייכען לעבען, זייענדיג אַ מקורב צו דעם באַריהמטען ר ב י י ה ו ש ע צ י י ט ל י ן, וועל־כער איז באַקאַנט מיט׳ן נאָמען „שר" ווייל ער איז געווען אַ קרוב למלכות. דער טאַטע ז״ל איז נאָך דאַן געווען אַ „יושב אוהל" אין פּולען זינען. ער איז געזעסען אי זיין צימער און געלערנט און געשריבען, ניט האָבענדיג קיין פאַרבינדונג מיט דער וועלט. איין זאַך איז אָבער געווען וואָס האָט זיי בײדען פאַרבונדען, גייסטיגע עהנליכקייט. אַזוי גוט ווי רבי דוד לוריא איז אויך דער טאַטע ז״ל געווען זעהר נאָהענט צו די „ראשונים". זיי האָבען ניט געשריבען קיין תורה צוליב חדושים נאָר זיי האָבען גע־זוכט צו זיין מפרשים פון די ראשונים און פון די עלטערע פון זיי. רבי דוד לוריא האָט אויסגעקליבען דעם „פ ר ק י ד ר ב י א ל י ע ז ר", און דער טאַטע ז״ל דעם „ש א י ל ת ו ת ד ר ב א ח א י". בײדע זיינען געווען גרויס אין זייער טיפקייט אין לערנען, אָבער זיי זיינען אויך פול געוועזען מיט בקיאות אין אַלע חלקים פון דער תורה, און ניט נאָר תורה שבעל פה, נאָר אויך זייער וויסען תורה שבכתב — כמעט אַ זעל־טענהייט ביי לומדים און גאונים — איז געווען איבעררעשענד. זיי בײדע האָבען אויך געהאַט אַ זין פאַר געשיכטע און צוטרעטענדיג אַלס מפרשים, האָבען זיי זיך אויך אינטערעסירט מיט דער היסטאָרישער זייט פון דעם חבור. זעהר פיל עהנליכעס איז דאָ אין רבי דוד לוריא׳ס הקדמות צו זיין „פרקי דרבי אליעזר" און דעם „ק ד מ ת ה ע מ ק"

## דער ראש־ישיבה

אַלס הקדמה צום טאַטענ׳ס ז״ל „העמק שאלה״ צום שאלתות. זיי ביידע האָבען אויך געוואוסט ווי צוצוגעהן צו אַלטע מאַנוסקריפּטען אין פאַר־שידענע ביבליאָטעקען בנוגע צו זייערע חבורים וואָס עס איז דאַן געווען אַ זעלטענהייט ביי אַנדערע מחברים. און די גייסטיגע פאַרוואַנדשאַפט האָט געבראַכט דאַצו, אַז ווען רבי איצעלע, דער שווער פונ׳ם טאַטען ז״ל, האָט זיין איידעם ניט געקענט, האָט רבי דוד לוריא פון דערווייטענס געשריבען צום טאַטען ז״ל באַגייסטערטע בריף און האָט איהם געגעבען מוט און שטאַרקייט. ערשט פון רבי דוד לוריא׳ס בריף פון וועלכע רבי איצעלע האָט זיך דערוואוסט דורך אַ צופאַל האָט ער אָנגעהויבען צו וויסען און צו פאַרשטעהן ווער איז זיין איידעם און וואָס איז פון איהם צו ערוואַרטען. די כאַראַקטערע פון דעם שווער מיט׳ן איידעם זיינען דאַן אויך ניט געווען גלייך, אָבער די גרינגשעצונג פון שווער צום איידעם האָט אויפגעהערט. און וואָס ווייטער איז דעם טאַטענ׳ס ז״ל כבוד און נאָמען אַלץ מעהר און מעהר געוואַקסען.

אין די יאָהרען ווען די שפּאַלטונג איז געווען גרויס און זיך אַלץ אָפּגעשפּיגעלט אין שטילען, זאָגאַר וויסענדיג אַז געוויסע פּערזאָנען זוכען צו טרייבען רכילות און שאַפען אַ דערווייטערונג צווישען רבי איצעלע׳ן, זיין שווער, און איהם, האָט דער טאַטע ז״ל קיינמאָל ניט פּרובירט אימיצען וועה צו טאָן אָדער צו באַליידיגען. נאָר איינמאָל ווען ער האָט גע־קראָגען צו וויסען, אַז אימיצער פון די „בני בית״ זוכט צו משפּיע זיין אויף זיין ווייב זי זאָל איהם גרינג שעצען, האָט ער דאַן דעם באַטרע־פענדען מאַן ארויסגעטריבען פון זיין הויז, נאָכזאָגענדיג איהם: „איהר מעגט זיך האָבען איבער מיר וועלכע מיינונג איהר ווילט, איהר קענט אויך ריידען אויף מיר רכילות פאַר וועמען איהר ווילט, עס אינטערעסירט מיך אויך ניט וואָס איהר שטעלט אויף געגען מיר דעם שווער, די שוואָגערס, איך בלייב ביי מיין אמת און ביי מיין דרך ווי איך פאַרשטעה, אָבער מאַכען אַ בייז־לעבען צווישען מאַן און ווייב, דאָס טאָר מען ניט און דאָס וועל איך ניט צולאָזען״.

און דער וועג פון גלייכהייט, אָהן וועלכע הינטערגעדאַנקען און אָהן וועלכע אומוועגען ווי עס איז דער פאַל גראָד ביי געוויסע גרויסע מענשען, איז געווען דער ריכטשנור פון טאַטען ז״ל זיין גאַנצען לעבען. דער מענש מיט דעם גלייכען כאַראַקטער ווערט זעהר אָפט מיספאַרשטאַנען, ווייל ענטוועדער מען אונטערשעצט דאָס און מען מיינט אַז דאָס האָט צו טאָן מיט די פעהיגקייטען און ניט מיט דער אַבסאָלוטער עהרליכקייט, אָדער מען רעדט זיך איין אַז אין דער אמת׳ן שטעקט הינטער דער גלייכ־

הייט אירגענד וועלכע פאַרבאָרגענע כוונות. דאָס פיהרט אָבער דאָצו אז ווען דער מענש ווערט גרעסער און באַדייטענדער, און די אבסאָלוטע גלייכהייט בלייבט אונבאַריהרט, פאַרשטעהט מען מעהר און מעהר דעם מענשען צו שעצען. ביי דעם פאַל איז דאָס געווען אַזוי. וואָס אַ יאָהר מעהר איז אַלץ די אַנערקענונג און די איבערגעבענהייט, די ליבע, און מען קען זאָגען די פאַרגעטערונג פון דער גאַנצער לומדישער וועלט און די בני הישיבה בפרט צום טאַטען ז״ל געוואַקסען און געשטיגען. און ניט נאָר פון דער ווייטען, נאָר אויך פון נאָהענטען האָט מען געפיהלט אַז מען האָט צו טאָן מיט אַן אויסערגעוועהנליכער פּערזאָן. אַ פּערזענליכקייט וואָס איז אייגענטליך אַזוי גליך אין זיינע האַנדלונגען, אַזוי געוועהנליך און פּשוט אין זיינע טועכצען, און פון דעסטוועגען שטעקט אין יעדע האַנדלונג אַ געטליכע קראַפט, אין יעדע טועכץ אַן איבערנאַטירליכער גייסטיגער כח. דער בעסטער סמן פאַר גרויסקייט פון אַ מענשען איז ניט וואָס מען זעהט פון ווייטען, נאָר גראַד אומגעקערט, ווען פון נאָהענטען ווערט די גרויסקייט ניט פאַרדונקעלט...

די גרויסקייט האָט מען געפיהלט אין פּאָזיטיווען ווי אויך אין נעגאַטיוען. עס איז נאָך ניט געווען דער מענש וועלכער זאָל הערען פון טאַטען ז״ל אירגענד וועלכע קריטיק געגען אימיצען, אירגענד וועלכען בייזען וואָרט געגען גרויסע מענשען אָדער געגען קליינע. זיין גאַנצעס וועזען איז געווען גוטסקייט ניט נאָר אויסערליך נאָר אויך טיף אינערליך אַלעמען און אַלץ דן צו זיין לכף זכות און זוכען צו געפינען אין יעדע באַוועגונג, אין יעדען מענשען דאָס גוטע און דאָס שעהנע. ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס ער האָט אין זיין לעבען געהאַט אויסצושטעהן פיל אונאַנגענעמע מאָמענטען, פון זיין שווער׳ס הויז, ביז די פאַרשידענע „מלחמות״ וועלכע זיינען געגען איהם געפיהרט געוואָרען אַלס ראש ישיבה, איז ער געווען שטענדיג גוטמוטיג, קיינמאָל ניט ערביטערט, פון זיינע גרעסטע געגנער האָט ער גערעדט ווי וועגען די בעסטע פריינד, האָט קיינמאָל ניט געטראָגען קיין שנאה. ווען ער האָט געפונען פאַר נויטיג אַ ישיבה־מאַן צו שטראָפען, פלעגט ער דאָס טאָן ניט מיט כעס און ניט מיט אויפרעגונג, נאָר ווי אַ טאַטע שטראָפט אַ קינד, און ווען דער תלמיד האָט די שטראָף צוגענומען, האָט ער איהם ליבער געקראָגען ווי פריהער. עס איז געווען אַ פאַל ווען ער האָט אין די עלטערע יאָהרען, באַשטראָפט אַ גאַנץ יונגען בחור פון דער ישיבה, און האָט ערפאַהרען נאָכהער אַז דער ישיבה־מאַן איז ניט אַזוי שלעכט ווי ער האָט גערעכענט, האָט ער געבעטען ביי דעם באַשטראָפטען ער זאָל איהם מוחל זיין.

### צוויי און אַכציג

# דער ראש־ישיבה

מען קען זיך פאַרשטעלן וואָס פאַר אַ גייסטיגן כח מען דאַרף באַזיצן, זייענדיג פון די גרעסטע מענשען אין דער אידישער וועלט, טיף אין יאָהרען, בעטען מחילה ביי אַ זעכצעהן יעהריגען בחור. (דער באַ־טרעפענדער איז שפּעטער געוואָרען אַ רב אין אַ גרויסער שטאָדט אין אַמעריקאַ). דער פאַקט ווירקט אָבער מאָראַליש אויף טויזענדער מענשען מעהר ווי אירגענד וועלכע מוסר־רייד. און די גייסטיגע קראַפט האָט מען געזעהן טאָג־טעגליך. די התמדה וועלכע ער איז באַזעסען אין דער יוגענד האָט איהם ניט אָפּגעלאָזען ביז אין די ווייטע עלטער. דער ווילענס־קראַפט איז געווען אונערשיטערליך און די ענערגיע איז געווען אונבאַ־גרענצבאַר. דאָס וואָס איז געווען ביי איהם אָפּגעטאָן אין איין טאָג האָבען אַנדערע מענשען, זאָגאַר פעהיגע, געדאַרפט טאָן אין מעהרערע טעג. אגב איז זיין טאָג געווען גרעסער, דען די נאַכט איז געווען אַ טייל דער־פון. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז קיינמאָל ניט געשלאָפען, ווייל אָנהויב נאַכט, אין מיטען נאַכט, און גאַנץ פריה פאַרטאָג איז ער אימער געווען אין דער ישיבה אריין און ארויס. ווען דער טאַטע ז"ל פלעגט אין מיטען נאַכט אריינגעהן אין דער ישיבה האָט מען געפיהלט ווי אַ שטראַהל ליכט און וואַרעמקייט קומט אריין צווישען די צעהנדליגע ישיבה־לייט וועלכע האָבען דאָרט געלערנט. אַ באַזונדער זכיה איז געווען פאַר דעם ישיבה־מאַן צו וועמען ער איז צוגעגאַנגען און געפרעגט וואָס ער לערנט, און אויך עפּעס געפרעגט אין דעם ענין אָדער אויפמערקזאַם געמאַכט אין דער סוגיא וואו דער בחור אָדער דער יונגערמאַן האָט געהאַלטען. דאָס איז געטאָן געוואָרען ניט מיט דער אַבזיכט צו „פאַר־הערען", נאָר צו ווייזען אַ צייכען פון „התקרבות". דען אַזאַ אינערליכע ליבע צווישען דעם ראש ישיבה און דעם ישיבה־מאַן ווי עס איז געווען אין וואָלאָזין, אין דעם טאַטענ'ס ז"ל צייטען, איז נאָך ניט וואו געווען. עס איז ניט נאָר געווען „אהבת התורה" אַבסטראַקט, נאָר אַ פּשוט'ע ליבע צו דער פּערזאָן וועלכער לערנט די תורה, ליבע צו זאָרגען פאַר דעם ישיבה־מאַן ער זאָל האָבען וואָס צו עסען, ער זאָל האָבען אַ וואַרעמען בגד, ער זאָל זיך פיהלען ווי אין דער היים. די פּשוט'ע איבערגעבענהייט צו מענשען האָט ניט געשטערט צו דעם העכסטען באַגריף פון התלהבות צו געטליכקייט, צום ריינעם אידעאַל פון הייליגקייט. דאָס האָט מען געזעהן און געפיהלט ביים דאַווענען יעדען פריהמאָרגען און צו יעדער תפלה. אויך דאַביי איז געווען די גלייכקייט און די איינפאַכקייט מוסטערהאַפט. ניט געוואָרפען זיך, ניט צופיל געשאָקעלט זיך, ניט אויסערגעוועהנליך גע'דבקה'ט זיך, געדאַווענט שטיל, רוהיג, יעדער וואָרט אַ פּערל, יעדער

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

זאָץ ווי געטאָקט, און ווען מען איז געקומען צו דער תפלה פון „אהבה רבה" איז געווען די גאַנצע שטימע און דער גאַנצער אויסדרוק פול מיט ליבע צו תורה: „ל ל מ ו ד ו ל ל מ ד, ל ש מ ו ר ו ל ע ש ו ת", און פול מיט האָפנונג צו ארץ ישראל: „ו ה ב י א נ ו ל ש ל ו ם מ א ר ב ע כ נ פ ו ת ה אָ ר ץ". און זאָגענדיג די האַרציגע ווערטער מיט טרערן אין די אויגען, און צוהערענדיג זיך צו דער טיפער בקשה, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט ביי „שמונה עשרה" ביי די ווערטער: „ח נ נ ו מ א ת ך ד ע ה ב י נ ה ו ה ש כ ל", אָדער צוקוקען די אונבאַגרענצטע שמחה זאָגענדיג ראש חודש אָדער יום טוב ה ל ל, האָט מען געזעהן בחוש, ווי אונטער די פשטות און גלייכהייט ליגט אַ נשמה מיט עקסטאַז פון היילינקייט, אַ געפיהל פון דער שעהנסטער פּאָעזיע צו דער אונבאַגרענעצטקייט, אַ גייסט וועלכער קען באַצייכענט ווערען „חלק אלק ממעל"...

עס איז קיין וואונדער ניט וואָס אין די לעצטע פערציג יאָהר פון דער ישיבה האָט דאָרט געהערשט אַ שטימונג וועלכע איז אונגעוועהנליך אין אַנדערע תורה־פּלעצער פאַר פילע דורות. דער גייסט פון רבי'ן האָט געמוזט משפיע זיין, באַוואוסטזיניג און אונבאַוואוסטזיניג, אויף די תלמידים און אויף דער גאַנצער סביבה. און ניט נאָר תלמידים וועלכע זיינען געבליבען אין דל"ת אמות של הלכה, פון זיי די גרעסטע גאונים און באַדייטענדסטע רבנים פון צוויי־דריי דורות, נאָר אויך געוועזענע וואָלאָזינער ישיבה־לייט וועלכע זיינען אין פאַרלויף פון דער צייט דער־ווייטערט געוואָרען פון דער לומדישער וועלט, און מאַנכע פון זיי וועלכע זיינען אַזוי ווי ארויסגעגאַנגען, נאָך די דאַמאָלסדיגע באַגריפען „לתרבות רעה" — זיינען זיי אַלע געבליבען צוגעבונדען מיט דער גרעסטער באַ־גייסטערונג פאַר דעם רבי'ן. פיר יעדען וואָלאָזינער ישיבה־מאַן, אפילו מיט צעהנדליגע יאָהרען שפּעטער, ווען דורך שווערע אומשטענדען און לעבענס־וואַנדלונגען איז אפילו דער רוח התורה פון די אַמאָליגע יאָהרען פאַרלאָרען געגאַנגען, איז נאָך אַלץ די פאַרשטעלונג פון דעם גרויסען רבין'ס געשטאַלט אַן עראינערונג פון ליכטיגקייט און וואַרעמקייט אין דער נשמה. די אָבער וועלכע זיינען געבליבען זיינע תלמידים, אין גייס־טיגען זינן, פאַר זייער ווייטערדיגע טעטיגקייט, די וועלכע האָבען פאָרט־געזעצט זייער תורה טעטיגקייט, ביי זיי איז ער געבליבען דער אמת'ער רבי דער ריכטיגער וועגווייזער אין זייער גאַנצער טעטיגקייט.

נעמענדיג אין באַטראַכט אַז אין די פערציג יאָהר און מעהר וועלכע דער טאַטע ז"ל האָט געפיהרט די ישיבה זיינען דאָרט דורכגעגאַנגען אַלס

פיר און אַכציג

## דער ראש־ישיבה

זיינע תלמידים א פּאָר צעהנדליג טויזענד יונגע מענשען, פון זיי די בעסטע אינטעלעקטועלען פונ'ם אידישען פאָלק, הונדערטע און טויזענדע פון זיי זיינען געוואָרען אין פארלויף פון דער צייט וועלט־פיהרער און וואָרט־פיהרער אויף פארשידענע געביטען — קען מען איהם באצייכנען אָהן איבערטרייבונג ניט נאָר אַלס דעם גרעסטען ראש ישיבה פון דורות און דורות, נאָר אויך אַלס איינעם פון די גרעסטע בעלי השפעה אינ'ם אידישען לעבען פאר די לעצטע הונדערטע יאָהרען.

פיוף און אַכציג

## יב.

# דער וועלט־מענש

עס איז שווער צו געפינען א צווייטע פערזאן וועלכער זאל קענען פארגלייכט ווערען צום טאטען ז"ל, ניט נאר אלס ראש ישיבה מיט זיין אונגעהייערער איבערגעבענהייט און אויסערגעוועהנליכע התמדה, נאר אויך אלס א מענש פון אזא באדייטונג מיט אזא שווערען מאראלען און פינאנציעלען לאסט אויף זיך, זאל זיין אין דער זעלבער צייט אזוי ענג פארבונדען מיט דער גרויסער אידישער וועלט און שטעהן אין אזא ענגען קאנטאקט מיט אלעם וואס איז פארגעקומען אין זיין צייט. צווישען די צעהנדליגע בריף — ממש צעהנדליגע — וועלכע דער טאטע ז"ל פלעגט כמעט יעדען טאג שרייבען אייגענהענדיג (ערשט אין די לעצטע יאהרען האט ער צוגענומען א „שרייבער" — וואס מען רופט היינט א סעק־רעטאר — און דאס אויך אם מייסטענס פאר די ווייניגער וויכטיגע קאר־רעספאנדענץ) זיינען געוועזן פיל בריף ניט קיין תשובות אויף שאלות, אויך ניט וועגען ישיבה'שע ענינים, נאר פארשידענערליי אנטווארטען אויף אנפראגען בנוגע געוויסע אנגעלעגענהייטען אין כלל־זאכען אדער אין קהלה ענינים אין פארשידענע שטעדט און לענדער. צום באדויערען איז דאן ניט געוועזן דער מנהג פון קאפירען די בריף, און די אלע טוי־זענדע און טויזענדע בריף וועלכע וואלטען געקענט דינען פאר א קוואל פון קולטור־היסטארישען לעבען אין פארלויף פון צוויי דורות, זיינען פארלארען געגאנגען. דער טאטע ז"ל האט אין זיין באשיידענהייט ניט געלעגט קיין געוויכט, ווי פיל קלענערע מענשען טוען, צו באטראכטען יעדען בריף, יעדען געדאנקען, פון וויכטיגקייט מען זאל דאס אמאל אפדרוקען.

ער האט געהאט זיינע השגות, וועלכע זיינען געווען גאנץ אנדערש ווי דער גרעסטער טייל פון רבנים, אפילו די באריהמטסטע, האבען געהאט אין זיין צייט און אויך פריהער. ווען מיט פירציג־פופציג יאהר צוריק האבען די גרעסטע רבנים און גאונים געדרוקט זייערע „שאלות ותשובות" און פילע פון זיי זיינען באקאנט געווארען אין דער וועלט נאך דורך זייערע „תשובות", האט דער טאטע ז"ל זיך באצויגען צו דעם ניט גאנץ ערנסט. ער פלעגט זאגען: „ווען מען פרעגט א שאלה דארף מען ענט־פערען, און אויב עס זיינען דא זאכען וועלכע זיינען ניט איינפאך, דארף

# דער וועלט מענש

מען נאטירליך מברר זיין די הלכה פון די מקורים, אבער מאכען פון א תשובה צו א שאלה א גאנצען חבור מיט „ענפים" און „סניפים" — ווי געוויסע גרויסע מחברים האבען דאן געטאן — דאס איז שוין אביסעל צופיל... דאס באווייזט, אז מען איז ניט אויסען די תשובה, נאר גלאט אזוי שרייבען תורה"... דאצו האט דער טאטע ז"ל אויך ניט פיל געהאלטען פון דרוקען סתם חבורים און ער האט געזאגט: „וואס פאר א ווערט האט דאס ווען יעדער איינער זאל אפדרוקען אלץ וואס ער שרייבט און מיינט אז עס איז גוט, דאס איז דאך „עשות ספרים הרבה אין קץ". אונזער חוב איז צו מ פ ר ש זיין די ראשונים, צו פארשטעהן וואס זיי האבען געמיינט, מאכען זיי נעהנטער צו דער לומדישער וועלט, אבער ניט סתם שרייבען און דרוקען"...

און אזוי האט ער באמת אליין ניט געדרוקט אנדערש ווי פרושים און באורים צום ח ו מ ש, צום ש א ל ת ו ת, צו ש י ר ה ש י ר י ם, צו ה ג ד ה ש ל פ ס ח, און צום באדויערען ניט געבראכט צום דרוק זיין פירוש צום ס פ ר י. אבער אויסער פירושים האט ער ניט געקלערט און ניט געוואלט דרוקען. ווען אין זיינע גאר לעצטע יאהרען, איז געווארען א פארלאנג פון הונדערטע און טויזענדע תלמידים אפצודרוקען זיינע תשובות, האט ער מיט גרויס שוויריגקייטען מסכים געווען צו דרוקען דעם „מ ש י ב ד ב ר", אבער די תשובות האט מען געמוזט אויפקלייבען פון פארשידענע פלעצער, וויל, ווי געזאגט, זיינען קיין קאפיעס פון די תשובות אזוי ווי פון די אנדערע בריף ניט געלאזען געווארען. און אין דער אמת'ן זיינען די געדרוקטע תשובות אין „משיב דבר" א גאנץ קליינער חלק פון דעם וואס ער האט געענטפערט. אבער די ביסעל תשובות וועלכע זיינען געדרוקט, זיינען זעהר אינטערעסאנט, און מען זעהט זעהר וועניג אזעלכע זעלטענע הייטען אנדערשוואו. עס איז דא צ. ב. ש. אין דעם ערשטען חלק א תשובה אין הלכות חמץ ומצה וואס די גאנצע תשובה איז געבויט אויף חומש אליין, א קשיא פון איין פסוק אויפ'ן אנדערען און דאפון ארויס־גענומען א דין. דאצו געהערט אן אונגעוועהנליכער כח ניט נאר אין תורה שבעל פה, נאר אויך אין תורה שבכתב, וואס עס איז אין דער רבנישער ליטעראטור א גרויסע מערקווירדיגקייט. איין תשובה איז דארט דא, וואס איז מעהר א מאמר וועגען באגריף פון „ר ע כ ט ס" און „ל י נ ק ס" אין דער אידישער רעליגיעזער אויפפאסונג. א טעמא, וועלכע איז זעהר וויט פון באגריפען פון געוועהנליכע לומדים און גאונים.

געווים זיינען אויך דא זעהר פיל מאמרים, וועלכע דער טאטע ז"ל

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

האָט געשריבען און זיינע געווען געדרוקט אין פאַרשידענע צייטונגען, אָבער ניט צוזאַמענגעקליבען, דען ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צו דעם באַגריף וואָס הייסט היינט ליטעראַטור. פרעמדע שפּראַכען האָט ער ניט געוואוסט, אָבער אין העברעאיש האָט ער זעהר פיל גע־לעזען, אַלץ וואָס איז איהם געקומען צום האַנד. ווען עס האָבען אָנ־געהויבען צו ערשיינען דער „הצפירה" און דער „המליץ" יעדען טאָג, און די פאָסט אין וואָלאָזין פלעגט אָנקומען צוויי מאָל אַ וואָך, איז ביי יעדער פאָסט געקומען אַ גאַנצער פּאַק צייטונגען, האָט דער טאַטע ז"ל מקפיד געווען, אַז ביז ער לעזט אַלעס דורך זאָל קיינער פון איהם קיין צייטונג ניט אָוועקנעמען. ער האָט אויך געהאַלטען, אַז מען מעג לייענען אַ צייטונג אום שבת, וואָס אַנדערע האָבען באַטראַכט אַלס אַן איסור (דאַריבער איז דאָ פון איהם אַ תשובה אין „עטור סופרים" פון הרב קוק). דאָס לעזען פון די צייטונגען איז ניט נאָר געווען אַ צייט־פאַרטרייב, נאָר ווי עס שיינט, אַן אינערליכע באַדערפניס צו שטעהן נאָהענט צו דעם וואָס עס געהט פאָר אין דער גרויסער וועלט. ער איז בטבע ניט געווען וועלט־פרעמד, צו קיין זאַך וואָס האָט פּאַסירט, ווי לאַנג נאָר עס איז ניט געווען קיין סתירה צו אהבת התורה. ער האָט זאָגאַר באַ־דויערט וואָס ער האָט ניט געקענט קיין אַנדער שפּראַך, און ער האָט גערעכענט, אַז דורכדעם וואָס ער וואָלט קענען רעדען דירעקט מיט די העכערע באַאַמטע, וואָלט די לאַגע פון דער ישיבה געווען אַ מעהר זיכערע.

דער טאַטע ז"ל איז אַמאָל אַריינגעקומען אין מיין צימער, וואו איך האָב דאַן גראַד געלערענט רוסיש מיט אַ לעהרער, אַ מינסקער ישיבה־מאַן, האָט דער טאַטע ז"ל געפרעגט דעם לעהרער ווי איך לערען, און ווי דער שטייגער איז, האָט זיך דער לעהרער באַקלאָגט, אַז איך מאַך ניט די „אוראָקען" (לעסאָנס), זאָגט דער טאַטע ז"ל צו מיר: „לערן, מיין קינד, הלואי וואָלט איך געקענט רוסיש, וואָלט פילע זאַכען אַנ־דערש געווען". אין דערזעלבער צייט אָבער, ווען דער טאַטע ז"ל האָט דערפיהלט, אַז עס געשעהט עטוואָס וואָס עס קען שטערען צום לערנען, האָט ער ניט נושא־פנים געווען אויב עס איז געווען אין רוסיש אָדער אין לשון קודש. עס איז געווען אַ פאַל ווען אַ גרופּע ישיבה־לייט האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אַ ישיבה'שע צייטונג מיט'ן נאָמען „הבוקר אור". די צייטונג אַן און פאַר זיך איז געווען אונ־שעדליך. עס איז אָבער געווען די געפאַהר, אַז דורך דעם וואָס איינער אָדער מעהרערע ישיבה־לייט וועלען זיין באַשעפטיגט מיט דער רע־דאַקציאָן פון דער צייטונג וועט ווערען אָפּגעשוואַכט די אינטענסיוויטעט

אַכט און אַכציג

צום לערנען, אדער ווי מען האט דאס פשוט גערופען די התמדה, האט דער טאטע ז״ל גערופען צו זיך די אנפיהרער פון דער צייטונג און האט אין גאנץ גוטען מוט זיי ערקלערט: „אויב איהר וועט מאכען „ה ב ו ק ר  א ו ר״, וועל איך מאכען „ו ה א נ ש י ם  ש ו ל ח ו״...״ און נאטירליך האט מען דעם פלאן אויפגעגעבען. אין וואלאזין אין יענע צייטען האט מען ניט געדארפט אנקומען צו „מורא רבך״, מען איז געווען „עובדים מאהבה״ און דער כבוד און רעספעקט צום רבי'ן איז געווען לאין שעור.

דאס וואס אין יענע צייטען איז געווען באקאנט אלס „השכלה״ און אין געוויסע פרומע קרייזען, כמעט אין אלע, איז געווען זעהר פאר־האסט און פאריאגט, איז ביים טאטען ז״ל געווען דאצו אן אנדער שטעלונג. ניט אין וואלאזין און ניט אין די שפעטערדיגע יאהרען, האט זיך דער טאטע ז״ל געאויסערט מיט שנאה געגען „בילדונג״ בכלל. זיין השקפה איז געווען דאצו, ווי צו אלע זאכען, פולשטענדיג גראד־ליניג, אביעקטיוו אהן וועלכע עס איז זייטיגע כונה. ער האט ניט פארהאסט דאס גוטע צוליב דעם בייזען און האט ניט פארקענט דאס שלעכטע אין דעם גוטען. ער האט זעהר ליב געהאט און אינטערעסע געהאט אין לערנען תנ״ך, ניט נאר חומש ווי שוין דערצעהלט, און אויך דקדוק. ער איז געווען פון די גרעסטע בעלי תנ״ך און מדקדקים אין זיין צייט. דאביי אבער האט ער זיך געאויסערט אויף א געוויסען פירוש פון תנ״ך פון איינעם פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט, וועלכען ער האט זעהר געשעצט, אז זיין פירוש אויף חומש איז הלכה, און דער פירוש אויף נביאים און כתובים איז דרוש, קיין פירוש איז דאס אלץ ניט... וועגען לערנען דקדוק האט דער טאטע ז״ל געזאגט אמאל אין א וויץ: „ב ן  ז א ב״ איז אפילו ניט ווערט אז מען זאל זיך דורך איהם אויסלערנען לשון קודש, וואס זאל מען אבער טאן? — זיין „תלמוד לשון עבר״ איז דאך דער גרינדליכסטער ספר אויף דעם געביט. צום אונגליק, דער איינציגער דקדוק ספר וואס אן עהרליכער איד האט געמאכט, דער „מסלול״, איז ניט גוט״... באזונדערס אינ־טערעסאנט איז, אז די פולשטענדיגע אביעקטיוויטעט, אונפארטייליכקייט, רוהיגקייט אין כאראקטער און זעלבסט־באהערשונג אפצושאצען יעדע זאך אין זיינע גוטע זייטען און שלעכטע, ניט אפרעכענענדיג איינס פאר די צווייטע, אן אייגענשאפט וואס וועניג מענשען אפילו פון די גרעסטע, באזיצען — איז געבליבען ביים טאטען ז״ל אין אלע צייטען, אפילו אין די שווערסטע פון זיין לעבען. דאס האט זיך ארויסגעוויזען אין

מאנכע קליינינקייטען, אָבער דאָס איז אַממייסטען כאַראַקטעריסטיש. ווי שוין דערמאָנט איז געוועזען זעהר שווערע צייטען ווען אין דער ישיבה האָט געהערשט אונרוה און מאנכע ישיבה־לייט האָבען דאַן געשריבען פּאַסקווילען, וועלכע האָבען פאַרביטערט דאָס לעבען, איז אויך דאַן אין דער צייט ווען אַ פּאַסקוויל איז געווען גוט און שעהן געשריבען, האָט דער טאַטע ז״ל, זיפצענדיג באַדויערענדיג דעם פּאַל צוגעגעבען: „אָבער זיי קענען גוט שרייבען״...

וויסענדיג און שעצענדיג זעהר הויך דאָס קענען פון תנ״ך, דקדוק, גוט שרייבען לשון קודש א. ד. גל. איז אָבער אין פאָדערגרונד געשטאַנען אהבת התורה אין דעם זין פון פיל לערנען תורה שבעל פּה און „האָרעווען אין לערנען״. דאָס איז געווען דעם טאַטענ׳ס ז״ל אויסדרוק ווען ער פלעגט ריידען וועגען לערנען. און ער האָט אָפט צוגעגעבען, אַז דער פּירוש פון דער תפלה: „ללמוד וללמד, לשמור ולעשות״ איז „לעשות — אויסצואַרבייטען״, „ט אָ ן א י ן ל ע ר נ ע ן״, דורך און דורך זיין אָנגעשטרענגט פון זוכען דעם אמת אין לערנען. ער האָט דערצעהלט אַ געוויזען עפּיזאָד, פון דעם וואָס ער ווערט דערמאָנט איינמאָל אין חדושי הרש״ש פון ר ב י ש מ ו א ל ש ט ר א ש ו ן פון ווילנא, ווי דאָס איז פאָרגעקומען. ער איז נאָך געוועזען גאַנץ יונג, האָט ער באַזוכט רבי שמואל שטראַשון, האָט איהם דער לעצטער געוויזען אַ קשיה אין אַ געוויסען ענין, וואו ער האָט קיין תירוץ ניט און בלייבט ביי „וצריך עיון״. דער טאַטע ז״ל האָט אַ געוויסע צייט געקלערט און געזאָגט אַ תירוץ, וועלכער איז זעהר געפעלען געוואָרען רבי שמואל שטראַשון. זאָגט צו איהם דער לעצטער: „ווי קומט דאָס וואָס איך האָב ניט געפונען דעם ריכטיגען תירוץ אזוי גוט ווי איהר?״ האָט איהם דער טאַטע ז״ל געענטפערט: „דאָס איז וויל איהר לערנט תורה נאָר פון וואוילטאָג, אין עושר און אין כבוד, און איהר האָרעוועט ניט אויף לערנען, אַנדערש איז ווען מען קריגט די תורה ב י ג י ע ה, מיט אָנשטרענגונג, דאַן עפענען זיך אַנדערע קוואַלען״...

אַזוי האָט אויך אַמאָל געקראָגען אַ תשובה דער באַקאַנטער געלעהרטער י ה ו ש ע ש ט י י נ ב ע ר ג, וועלכער האָט געשפּילט דאַן אַ גרויסע ראָלע ביי דער רעגירונג. ער אַלס „משכיל״ מיט אַלע חסרונות, וועלכע ווערען פאַרשטאַנען אונטער דעם באַגריף פון יענע יאָהרען, איז געוועזען אַ גרויסער שונא דער וואָלאָזינער ישיבה. ער האָט אויך וואָרשיינליך צום טאַטען ז״ל ניט געהאַט קיין באַזונדערע נייגונג, ער האָט

נײַנציג

# דער וועלט מענש

אָבער באַוואונדערט די טיפע ידיעות פון טאַטען ז״ל אין תנ״ך און העברעאיש אויף וואָס שטיינבערג איז געווען אַ גרויסער מבין. האָט ער אַמאָל געפרעגט דעם טאַטען ז״ל, פון וואַנען קומען צו איהם אָט די אַלע ידיעות ווען ער איז דאָך די גאַנצע צייט אַריינגעטאָן אין אַנ־דערע ענינים. האָט דער טאַטע ז״ל איהם געענטפערט, אַז דאָס וועט ער איהם אויך ערקלערען מיט אַ פּסוק. עס שטעהט אין משלי „סדין עשתה ותמכור, וחגור נתנה לכנעני״, דער פּשט איז, אַז די „אשת חיל״ האָט אַזוי פיל לייוואַנט — סדין — פּ אַ ר ק ו י פ ט צום סוחר — כנעני — אַז די קריקע, דער זוים אַרום די לייוואַנד — חגור — האָט זי ג ע ג ע־ב ע ן דעם סוחר אומזיסט — נתנה — ניט מכרה. דען זאָגסט מוז מען אויך פאַר די קרייקעס באַצאָהלען ווען מען וויל דאָס קריגען, נאָר אַז מען קויפט פיל לייווענט, קריגט מען דאָס אַלס געשאַנק אומזיסט. דער נמשל פון „אשת חיל״ איז די תורה, דאָס הייסט, דער וועלכער וויל קענען תנ״ך, מוז האָרעווען ביז ער קען, ווען מען האָרעוועט אָבער פיל אויף תורה שבעל פה, קריגט מען תורה שבכתב אומזיסט...

די אידעע פון האָרעווען אויפ׳ן לערנען איז געווען זעהר טיף דורכגעדרונגען אין די אויפפאַסונג פון טאַטען ז״ל, און ער האָט געזעהן דעם אידעאַל פון תורה לערנען אין דעם מאַסשטאַב פון התמדה. ער האָט זיך אַמאָל געאויסערט וועגען דעם זכות פון זיין אַ מ ש י ב, ענט־פערען תשובות אין דער וועלט, וואָס עס מיינט אין דער ווירקליכקייט, זיין דער אָנערקענטער אויטאָריטעט, אַז דאָס האָט צו טאָן ניט מיט דער גרויסקייט אין לערנען, דען זעהר פיל גאונים האָבען ניט קיין זכות, אַז מען זאָל זיי אָנפרעגען, נאָר דאָס איז אַ באַזונדער פאַרדינסט ווען מען ה אָ ר ע וו ע ט אויף לערנען, מען איז אַ שקדן און אַ מתמיד. און אין גרויס באַשיידענהייט האָט דער טאַטע ז״ל צוגעגעבען: „דער גרעסטער מתמיד אין אונזער דור איז ר ב י י צ ח ק א ל ח נ ן, דאַפיר איז ער דער גרעסטער משיב, נאָך איהם האָב איך פיל געלע־רענט, און ברוך השם מען פרעגט ביי מיר אויך״...

זייענדיג אַזוי שטאַרק פאַרטיפט איז לערנען און דאַדורך ניט פאַר־לאָרען געגאַנגען דער זין פיר וועלטליכע ענינים און מענשען קענטניס. ער האָט זעהר געשעצט מענשען מיט אַ וואַרעם האַרץ, מיט אַ ברען אין דער נשמה. אויסזעהענדיג אויסערליך קאַלטבלוטיג צו דעם וואָס געהט אָן אַרום איהם, איז דאָס נאָר געווען אַ פּראָדוקט פון גרויס איבערלייגונג, פון קלאָרען דענקען, אָבער טיף אינערליך איז געווען אַ נשמה פול מיט התלהבות, מיט אַ הייליג פייער. דאָס האָט מען

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

געקענט זעהן ניט נאָר פון זיין דאוונען און לערנען, פרעהען זיך יום־טוב און קלאָגענדיג תשעה־באָב, נאָר אויך אין געוויסע אויסדריקען. אויף צוויי גרויסע מענשען, א טאַטען און א זוהן, וועלכע זיינען געווען באריהמט אלס גאונים און כלל־טוער — ניט רבנים — האָט דער טאַטע ז"ל אמאָל געזאָגט: „דער טאַטע איז געווען א קאַלטער איד און דער זוהן א דערפראָרענער". דער אורטייל איז ארויסגעגעבען געוואָרען, ניט חלילה, ווייל ער האָט גרינגגעשעצט דיביידע פערזאָנען, אדרבא, ער האָט פון זיי געהאַלטען, און ווען דער דערמאָנטער זוהן איז געשטאָרבען האָט ער איהם מספיד געווען בפניו, נאָר ווייל עס האָט געפעהלט, נאָך זיין מיינונג, די התלהבות צו מלחמה האַלטען פאַר אידישקייט, פאַר לערנען א. ד. גל.

די איבערגעבענהייט פון טאַטען ז"ל צום געדאַנקען פון חבת ציון איז אויך א פראָדוקט פון וועלט־קענטנים און אינערליכע התלהבות. דאָס איז א גרויסער קאַפּיטעל פאַר זיך.

יג.

# אין שטוב און אין חדר

ניט קוקענדיג דארויף וואס אונזער הויז איז געווען אנדערש ווי אלע הייזער אין זיין אינהאלט און אויך אין דער פארם פון לעבען, וואכען טעג און שבת און יום טוב, האבען דאס אבער די קלענערע קינדער וויניג געפיהלט, זיי האבען געמיינט אזוי דארף זיין, אנדערש איז ניט קיין אידישע שטוב. עס האט אויסגעזעהן אז אלע טאטעס אין דער גאנצער וועלט טראגען טלית און תפילין ביז האלבען טאג, און ערשט דאן טוט מען זיי אויס. עס האט אויסגעזעהן אז אין אלע אידישע הייזער איז דער שבת אזוי קענטיג; עס קומט פרייטאג נאכ־מיטאג איז אין יעדען ווינקעל א הייליגע שטימונג, וואס נעהנטער צו שבת, אלץ מעהר די הייליגקייט און די פרעהליכקייט, די אינערליכע פרעהליכקייט, שטארקער און פיהלבארער. ווען די צייט קומט צום שוהל געהן, הערט זיך פון דער ווייטענס, ווי ה י ר ש ע ל ד ע ר ש מ ש, א געוועזענער ניקאלאיעווסקער סאלדאט, רופט אוים מיט זיין אייגענטימליכע האלב הייזעריגע שטימע: „אין שוהל אריין!” און דאן ווערען אלע צימערען באלויכטען, אלע זיינען שבת׳דיג אויסגעפוצט, און מען געהט אין ישיבה אריין. דארט אין ישיבה זיינען דא א טייל ישיבה־לייט, אויך נאטירליך מיט שבת׳דיגע פנים׳ער, און דער טאטע ז״ל געהט אום הין און צוריק מיט א וואונדערבארען ליכטיגען געזיכט, מיט א מין רוח הקודש׳דיגען בליק אין די אויגען, און זינגט שטילער־הייט זאנפטיג ש י ר ה ש י ר י ם.

דער קבלת שבת אין דער ישיבה טראגט עטוואס אן אנדער כאראק־טער ווי אין געוועהנליכע שוהלען און בתי מדרשים, דאדורך וואס „לכו נרננה” ווערט געזאגט אדער האלב געזונגען פון איינעם פון די ישיבה־לייט, אם מייסטענס פון די יוגענדליכע תלמידים מיט שעהנע זיסע אלט־שטימען. און ווי דער שטייגער, ווי אזעלכע „חזנים”, וועלכע זייער פרנסה איז דאס ניט, נאר „קינסטלערישע” שטימונג פיהרט זיי דאצו, טרעטען אויף, האט דער עולם הנאה. איינער קריטיקירט, דער צוויי־טער שטימט צו, דער דריטער באמקעט צו, און אלע ארומיגע שמייכלען שטילערהייט. איבערהויפט איז די „חזנות” קענטיג צו „לכה דודי”, קיינער איילט זיך ניט, אפילו די גרעסטע מתמידים לערנען דאן ניט,

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

נאָר — ווי קען מען זיך איינהאַלטען? — מען קוקט אַריין אין אַ ספר, על פי רוב אין אַ „ראשון", אָבער מען האָט געגוג צייט צו הערען אַלערליי דריידלאַך, און דער וועלכער שטעהט ביים „בימה" קען דאָס גוט אויסניצען. נאָך מעריב, ווען דער גאַנצער עולם קומט צו, און ווינשט „גוט שבת, רבי!" געהט מען אַהיים און עס הויבט זיך אָן די ברכות. דער טאַטע ז"ל בענשט די קינדער און די אייניקלאַך פון גרויס ביז קליין, מענער און פרויען, און ביי יעדער ברכה, ווערט יעדען קינד אָדער אייניקעל אַ גוט, מילד וואָרט צוגעלייגט, און דאַן פאַנגט אָן דער שעהנער, זיסער „שלום עליכם", מיט'ן „אשת חיל".

עס האָט אויסגעזעהן ביי די קליינע קינדער אַז ניט נאָר אַזוי דאַרף זיין איבעראַל, נאָר אַנדערש קען גאָר ניט זיין אין קיין אידישע שטוב. ניט נאָר אויף מנהגים, נאָר אויך בנוגע ידיעות איז געווען אונזער קינ־דערשער באַגריף זעהר „פרימיטיוו". מיר האָבען געמיינט אַז אַ גרוי־סער מענש מיינט נאַטירליך דער וואָס ווייס בבלי און ירושלמי, ספרי, ספרא, תוספתא, א. ד. גל. און ער קען דאָס אַלץ קלאָר, אויף אויסווייניג און איז אַליין מחדש פיעל תורה. אָבער אויך אַ „פשוט'ער איד" האָט דאָך מן הסתם אַ „ידיעה" אין אַ גרויסען חלק פון ש"ס, דען ווי קען דאָס אַנדערש זיין?.. וואָס פאַר אַ איד איז דאָס וועלכער ווייס ניט דעם טייל פון ש"ס וועלכער איז אַזוי „פשוט" און אַזוי נויטיג ווי מועד, נשים, נזיקין?... נאַטירליך, מיט דעם וואוקס פון די יאָהרען איז די אילוזיאָן ביסלאַכווייז פאַרשוואונדען, און אפילו אין וואָלאָזין גופא האָט מען באַגעגענט אַ רעכטע ביסעל עמי הארצים... עמי הארצים אין פולען זינען פון וואָרט, וואָס ניט נאָר זיי קענען ניט, נאָר זיי ווילען אויך ניט קענען און פאַרשטעהן ניט צו ווירדיגען דעם וואָס קען.

די גרעסטע אויפרעגונג אויף דיזען געביט פון גרינגשעצונג צו תורה, אין די אינגסטע יאָהרען, איז געווען דער פאַל ווען אַ געוויסער איד, פון די באַקאַנטע עזות פנים'ער אין שטעדטעל, איז געקומען אַמאָל שבת אין דער פריה, ווען מען איז געזעסען ביים טיש, מיט אַ שאלה אויף איינעם פון זיינע מאכלים וואָס זיין ווייב האָט פאַרבערייטעט פון נעכטען, און די ישיבה־לייט וועלכע זיינען ביי איהם איינגעשטאַנען, געוואוינט אין איינעם פון זיינע צימערען, האָבען אויסגעפונען אַז אויף דעם מאכל איז דאָ עפעס אַ שאלה.

דער איד איז אַריינגעקומען מיט אַ ברייטען חוצפה'דיגען: „גוט שבת, רבי, מיינע ישיבה־לייט האָבען מיך געשיקט פרעגען אַ שאלה", און דערצעהלט וואָס די שאלה איז. ער קריגט באַלד אַ תשובה: „עס

איז ניט רעכט צו עסען". דאָס איז געווען דער געוועהנליכער ענטפער, אָנשטאָט צו זאָגען: טרפה, אָדער אָסור. דער איד גיט א ברייטען געלעכטער און זאָגט: „נו, האָב איך ניט בעסער געטאָן ווען איך האָב אפּגעגעסען פריהער איידער איך בין געגאַנגען פרעגען?"... ווי עס שיינט, איז מען געוואוינט געווען צו דער חוצפּה פון דעם מענשען און מען האָט דאפון קיין פּירוש ניט געמאַכט. אָבער אין די קינדערשע נשמה איז דאָס געבליבען איינגעקריצט אַלס איינער פון די גרעסטע וואונדער. ווי קען א איד הנאה האָבען פון דעם וואָס ער האָט אָפּגע־געסען א זאַך וואָס ער ווייס איצט אַז עס איז ניט כשר?...

די עמי הארצות פון ניט קענען און ניט וועלען גרינגשעצען איז אָבער, ווי עס ווייזט אויס געווען א געוועהנליכע ערשיינונג אפילו אין דעם גרעסטען מקום תורה, אין וואָלאָזין.

עס זיינען אָבער געווען דאָן געוויסע טיפּען פון אידען, וועלכע זיינען געווען אַן אויסנאַהמע צום גוטען. עס איז געווען, למשל, א איד א סוחר, י ש ר א ל ד ע ר א י י ז ע ן ־ ק ר ע מ ע ר האָט מען איהם גערופען, אויף וועלכען דער טאַטע ז"ל האָט געזאָגט, אַז ער קען גוט לערנען. און דאָס איז שוין געווים א גוטער עדות. געווען א בעל־מלאכה, י ש ר א ל א י צ ע ד ע ר ש נ י י ד ע ר, ווי אויך מאַנכע אַנדערע, אויף וועלכע מען האָט געזאָגט, אַז ער זיצט און לערנט. דאָס איז אָבער ניט געווען דאָס געוועהנליכע. געוועהנליך זיינען געווען די וואָלאָזינער אידען, מן הסתם, ניט בעסער און ניט ערגער ווי אידען פון אַלע שטעדטלאַך. דאָן אָבער אין די יונגע יאָהרען, לעבענדיג אין דער סביבה פון דער ישיבה, האָט מען דאָס ניט געפיהלט.

דאָן, אין אונזער שטוב, ווען מען האָט גערעדט פון עמי הארצות איז דאָס אויך געווען מיט לומדות געמישט. דער שוחט פון וואָלאָזין, א זעהר חשוב'ער איד, אָבער ניט קיין גרויסער בריה, ווי עס שיינט, אין לשון קודש, פלעגט זאָגען חומש פרייטאָג־צו־נאַכט פאַר די פּשוט'ע בעלי בתים. ווען עס איז געקומען די סדרה פון תולדת, האָט ער גע־טייטשט דעם פסוק, ווי יצחק זאָגט צו עשו'ן, נאָכדעם ווי ער האָט אָוועקגעגעבען יעקב'ן די בכורה „ולך איפוא", עס מיינט: וואָס ווילסטו עשו, יעקב האָט געקראָגען „דגן ותירוש", תבואה וועלכע מען דאַרף ערשט דרעשען און גאַרבען און באַקען ברויט, אָדער אויסקוועטשען דעם וויין, און דיר עשו גיב איך פאַרטיגע ג ע ב א ק ט ע — ולך א י פ ו א. די „תורה" איז באַקאַנט געוואָרען צו ישיבה־לייט, האָט

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

מען זיך געוויצעלט איבער דעם איינפאַל פון טייטשען „איפוא — גע־באַקטע", און דאָס איז געקומען צו אונז אין הויז וואו קליין און גרויס האָבען זיך דאריבער זעהר אַמוזירט. דער טאַטע ז"ל האָט אויך גע־שמייכעלט און דאַצו באמערקט: „באמת, שטעהט דאָס אין מדרש וואו עס איז געזאָגט: „ולך איפוא — ברם פתך אפויה", אָבער, האָט דער טאַטע ז"ל צוגעגעבען: „ניט אַלץ וואָס שטעהט אין מדרש מעג מען פאַרטייטשען אין חומש ווען מען לערנט פאַר'ן עולם".

א לייכטער שפּאַס איז געווען ביי אונז קינדער, ווען איינער פון די ישיבה־אַנגעשטעלטע, „אליעזר דער מנהל", האָט גע־זאָגט „עין יעקב" פאַר אַ גרופּע בעלי בתים און איז ווי עס איז דורכ־געקומען מיט די לייכטע מאמרים, ווען עס איז אָבער געווען אַ מאמר מיט וועלכען ער האָט ניט געקענט פאַרטיג ווערען, פלעגט ער קוקען אין די מפרשים און ניט געפינען דעם ריכטיגען פשט, האָט ער דאַן געזאָגט צו זיינע צוהערער האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס: „איהר זעהט, וואו עס איז גרינג זיינען זיי אַלע, די מפרשים, דאָ, און וואו עס איז שווער לאָזען זיי אַלץ אויף מיך"...

נאָך ניט געהענדיג אין חדר האָבען מיר שוין געקענט אונטערשיידען פון אַ שטיקעל לומדות ביז „סתם אין דער וועלט אריין". זעהר פיל האָט דאַצו געהאָלפען ניט נאָר די סביבה אין גאַנצען נאָר אויך דאָס וואָס די גרעסערע ישיבה־לייט וועלכע זיינען געווען בני בית ביי אונז אין הויז האָבען זיך ווי געוועהנליך געשפּילט מיט אונז קליינע קינדער און דער שפּיל איז געווען באַגרינדעט אויף אַ מאמר חז"ל אָדער אַ שכל'דיגע קשיה מיט אַ תירוץ וועלכער האָט געהאַט אַ שייכות מיט לערנען אָדער מיט דאַוונען. אַ גרויסער מייסטער אויף דעם געביט איז געווען דאַן רבי חיים סאָלאָווייציק, וועלכער איז שוין דאַן געווען גרויס אלס ראש ישיבה, האָט נאָך אָבער געהאַט אין זיך פיעל יוגענדליכעס, און באַזיצענדיג פּעדאַגאָגישע כחות פון דער גרעסטער מאָס האָט ער אַ באַזונדער הנאה געהאַט צו פאַרברייננגען מיט קינדער און פאַרהערען זיי. נאַטירליך, די קינדער האָבען ניט שטענדיג הנאה געהאַט. דען מען האָט געמוזט זיין זעהר אויפמערקזאַם און אָנשפּיצען די אויערען און אָנשטרענגען דעם מוח אום ניט דורכצופאַלען. און דער בעסטער שכר פאַר „טרעפען" איז געווען „אַ קניפּ אין בעקעל" וועלכען מען האָט געהאַט צו געדענקען פאַר אַ רעכטע ווייל. אָבער וואָס שטאַרקער דער קניפּ איז געווען, אַלץ מעהר האָט מען געוואוסט אַז מען האָט בעסער געטראָפען.

**זעקס און נייַנציג**

## אין שטוב און אין חדר

איינע פון די שכל'דיגע שאלות איז געווען, למשל, ווען מען האט אונז געזאגט אז עס איז דאך באוואוסט אז „הרהור כדבור דמי", ווען מען טראכט איז אזוי גוט ווי מען רעדט. בכן, „טראכט איך א קשיה — האט געזאגט דער וועלכער האט געפרעגט — איז דאך ווי איך האב דיר געזאגט די קשיה, טא וואס איז דער תירוץ?" און ווען מען האט גע־וואוסט צו ענטפערען, האט מען מיט נצחון אויסגעשריען: „און איך טראכט א תירוץ, איז אזוי גוט ווי איך וואלט איהם געזאגט". פאר־שטעהט זיך, אז דאן האט מען געקראגען א קניפ אין באק אז די נשמה איז פארגאנגען... עס האט אבער געלוינט!

א שעהנער ווארט־שפיל איז געווען ווען איינער האט צוזאמענגע־קליבען די „קליינווארג" און האט זיי דערצעהלט אן „אמת'ע מעשה", מיט פעסטע פארזיכערונג אז אלץ וואס ער דערצעהלט איז אבסאלוט ריכטיג, נאר מען מוז גוט צוהערען און פארשטעהן. די מעשה איז אזא: „עס איז דא א שטעדטעל „ק א מ ע ן" — קאמען איז אויף רוסיש א שטיין — הייסט די שטעדטעל קאמען ווייל דארט איז דא א מערק־ווירדיגער שטיין. דער שטיין איז זעהר א גרויסער און ליגט אויפ'ן שוהל־הויף ניט ווייט פון שוהל. אין שוהל, ווי געוועהנליך, דאווענט מען ניט אלע טאג, נאר שבת און יום טוב. ווען אבער מען דאווענט יא אין שוהל, איז אז דער חזן קומט צו זאגען קדושה, דאן — דאס איז דער עיקר — אזוי ווי דער שטיין דערהערט די קדושה אזוי קעהרט ער זיך איבער". אלע קינדער שטעלען אויף אויגען און אויערען און הויבען אן צו מאכען אלערליי השערות. דער דערצעהלער אבער פאר־זיכערט נאך אמאל און נאך אמאל, אז עס איז „דברים כפשוטם" און מען זאל איהם גלויבען אז דער שטיין „אזוי ווי ער הערט די קדושה אזוי קערט ער זיך איבער", און דאן כאפט זיך ארויס איינער פון די יונגע חברה מיט א גרויס געלעכטער און זאגט: „געוויס איז דאס אמת, א ז ו י ווי ער הערט א ז ו י קערט ער זיך איבער — ניט ער הערט און ניט ער קערט זיך איבער!" און עס נעמט קיין סוף צום לאכען און צום פרעהען זיך.

אויך ווען מען איז שוין געגאנגען אין חדר און מען איז געווען צו־זאמען מיט אלע גלייך געשטעלטע קינדער פון שטעדטעל, איז אויסגע־קומען ביי אונז אנדערש ווי ביי די אנדערע חברים. מען האט דאס אבער דאן ניט געפיהלט. „עברי", צום ביישפיל, האט מען אין אונזער הויז ניט געלערנט. ווי אזוי האט מען דאך געקענט „עברי"? — בלייבט א פראגע ביז איצט. דער ערשטער חדר וואו מען איז געגאנגען איז געווען

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אָנהויבען חומש, און אין עטליכע וואָכען אַרום האָט מען שוין געלערנט חומש מיט רש״י און אויך אַביסעל תנ״ך. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, א „זמן״, — א האַלב יאָהר, העכסטענס צוויי „זמנים״, איז מען אַרויס פון דעם מלמד און מען איז אַריבער אין אַן אַנדער חדר מיט אַן אַנדער מלמד פאַר גמרא. נאַטירליך, ניט אַלע גמרא מלמדים אין וואָלאָזין האָבען געהאַט די זכיה אַז דער טאַטע ז״ל זאָל זיי אָנטרויען זיינס א קינד. דער טאַטע ז״ל האָט מקפּיד געווען ניט נאָר אַז דער מלמד זאָל זיין א למדן און א גוטער „בעל הסברה״. דאָס געווים. נאָר אויך א איד א בעל מדות. עס איז געווען אין יענער צייט איינער א מלמד וועלכער איז געווען אנערקענט אַלס דער בעסטער און גרעסטער אין זיין פאַך, צו איהם אָבער זיינען מיר פון אונזער הויז ניט געגאַנגען לערנען, ווייל דער טאַטע ז״ל האָט דעם מלמד געהאַלטען פאַר א „שלעכטען מענשען״. אויך מיט דעם מלמד ביי וועמען איך האָב אָנגעפאַנגען לערנען גמרא, א געוועזענער ישיבה מאַן, און באמת א גוטער רבי אין יעדער הינזיכט, איז געווען א שטיקעל צופאַל, וועלכער איז זעהר כאַראַקטעריסטיש. דעם שבת איידער איך האָב געדאַרפט אָנהויבען געהן צו דעם מלמד איז דער מלמד געקומען צו אונז אין הויז אַביסעל באַקענען זיך מיט׳ן נייעם תלמיד. איך בין שוין דאַן, בעפאָר דעם אַריינגעהן אין דעם חדר, ניט געווען פרעמד פון גמרא, ווייל „ניט אָפּיציעל״ האָב איך שוין געלערנט „שטיקלאַך״ גמרא, און אויף דעם געביט בין איך פאַר דעם נייעם רבי׳ן ניט געווען דערשראָקען, בפרט ווען דער טאַטע ז״ל איז געזעסען דערביי האָב איך געפיהלט אַז איך האָב א גוטע שטיצע, מען וועט מיר ניט פאַרטומלען דעם קאָפּ. דער רבי אָבער האָט, ווי עס שיינט, געוואָלט מאַכען אויף מיר „אַ שטאַרקען רושם״, און ווייסענדיג וואס עס מיינט התמדה אין דעם טאַטענ׳ס ז״ל אויגען, האָט ער, דער מלמד, אָנגעהויבען מיר באַקאַנט צו מאַכען וואס מיינט זיין חדר. „אַז מען קומט ניט צו דער מינוט איז מען א שלעכטער אינגעל; אַז מען פאַרשטעהט ניט גלייך ווי ער, דער רבי, רעדט אַרויס, איז מען „א גראָבער קאָפּ״, אַז מען שטיפט, טרייבט מען אַרויס פון חדר״ און נאָך, אַזעלכע מוסר־רייד. זייענדיג יונג און סענטימענטאַל האָב איך פון די מוסר רייד אַליין זיך פאַנאַנדערגעוויינט. דער טאַטע ז״ל האָט זיך באַלד אויפגעהויבען פון טיש און דער מלמד האָט פאַרשטאַנען אַז ער האָט ניט געטראָפען דעם אָרט און איז באַלד אַוועקגעגאַנגען, זאָגענדיג א טרוקענעם „גוטען שבת״. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, זאָגט דער טאַטע ז״ל צו מיר: „שרעק זיך ניט, מיין קינד. דיין רבי איז א

## אין שטוב און אין חדר

גוטער מלמד, נאָר אַ מלמד דאַרף האָבען שכל, און דאָס פעהלט איהם אמאָל"...

דעם צווייטען מאָל ווען איך האָב געוויינט פון דעם זעלבען רבי'ן אין זיין חדר, איז אויך געווען ניט איבער מיינע עברות נאָר איבער זיין ניט קלוגהייט. ביי אונז איז געווען דער מנהג, ווען דער טאַטע ז"ל פלעגט קומען צופאָהרען פון אַ נסיעה, דאָס האָט פּאַסירט העכסטענס צוויי מאָל אַ יאָהר, איז דאָס געווען אַ געשעהעניש. מען האָט גע־וואַרט אויף אַ געוויסע צייט אַז ער דאַרף קומען, גענוי דעם טאָג האָט מען ניט געקענט וויסען. טעלעגראַמען זיינען דאַן נאָך אין וואָלאָזין ניט געקומען דירעקט, דער וועג פון באַהן סטאַציאָן איז ניט געווען שטענדיג גלייך, אַמאָל ביי אַ „גוטען וועג", ווען עס איז געווען טרוקען אָדער אומגעקעהרט, אַ שנעע־וועג, איז מען געפאַהרען זיבען־אַכט שעה, איז דער וועג געווען שלעכט, איז מען געפאָהרען צוועלף־פערצעהן שעה. דאַרום ווען מען האָט דערהערט פון דערווייטענס די גלעקלעך פון דער פוהר, איז מען געלאָפען אַנטקעגען, און ווען מען האָט דערזעהן דעם טאַטען ז"ל קומענדיג בשלום, איז דאָס געווען אַ מין יום־טוב אין שטוב. עס זיינען געקומען פיעל מענשען, איבערהויפּט פון דער משפחה און פון דער ישיבה „געבען שלום". מען האָט געדעקט טישען, מען האָט גע־שמועסט וועגען דעם צוועק פון דער נסיעה און איהר הצלחה, דאַן ווען דער טאַטע ז"ל איז געקומען פון וועג, האָט מען געשיקט אַן עקסטרא מענשען אָנזאָגען דאָס אין חדר, און איך בין נאַטירליך באַלד געלאָפען אַהיים.

אין איינעם אַזאַ פאַל, האָב איך געהאַלטען אין אַ מיטען תוספות — אויב איך האָב ניט קיין טעות, אין „איזהו נשך" — האָב איך ניט אונטערבראָכען און ווייטער געלערענט ביז צום סוף. וואַרשיינליך בין איך געווען ניט ווייניג אויפגערעגט, ווייסענדיג אַז דער טאַטע ז"ל וואַרט אויף מיר אין דער היים, האָב איך ניט אַזוי גוט געזאָגט דעם תוספות ווי דער רבי האָט געוואָלט. האָט ער, דער מלמד, ניט פאַרשטעהענדיג דעם גייסטיגען צושטאַנד פון דעם מאָמענט, אָנגעהויבען זאָגען מיר מוסר: „דו ווילסט ניט לערנען", „דיין קאָפּ ליגט דיר אין די גוטע זאַכען וועלכע דו וועסט קריגען", א. ז. וו. מיין תשובה איז געווען — אַ גום טרערען. דען שווערע רייד האָבען אויף מיר שטענדיג שטאַרק געווירקט. אַ פּעדאַגאָגישער אמת, געוואוינט מען זיך צו קערפּערליכע שטראָף, העלפט דאָס אויך נישט, פאַרשטעהט מען ווי צו ווירקען, איז מוסר רייד די גרעסטע שטראָף.

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

ווען איך האָב אָנגעהויבען וויינען, האָט דער רבי געזאָגט, איך זאָל געהן אהיים. איך גלויב אז אויך פון די טרעהרען האָט דער טאַטע ז״ל זיך דערוואוסט, און ווי ווייט איך געדיינק, איז מעהר אזעלכע זאכען ניט פאָרגעקומען. מסתמא האָט מען דעם רבי׳ן געזאָגט אז „א מלמד דארף אויך האָבען שכל.״

איז מען אַלט געוואָרען אכט־ניין יאָהר, איז מען פון אונזער הויז, מעהר אין חדר ניט געגאַנגען. דאן האָט דער טאַטע ז״ל אויסגעקליבען איינעם פון די „יונגע לייט״ פון דער ישיבה און ער האָט מיט מיר געלערנט א פּאָר שעה א טאָג אין שטוב, און די איבריגע צייט, האָט מען געלערנט אין דער ישיבה אזוי ווי מען איז גליך צו אַלע ישיבה לייט. די גליכהייט איז אָבער ניט געווען שטענדיג. ווען עס האָט פּאַסירט אונרוהען אין דער ישיבה האָט מען געפונען פּאַר בעסער אז די, וועלכע געהערען צום „בית הרב״ זאָלען דאן ניט זיין אין דער ישיבה, מען זאָל ניט וויסען „ווער איז ווער״ אין מאכען דעם טומעל, אין אויסלעשען די לאָמפּען, און אמאָל אויך אין איבערקעהרען די טישען... מען האָט מיך דאן געבעטען אין זעהר אן אידעלען לשון, איך זאָל דעם אבענד געהן בעסער אין דער היים לערנען.

זייענדיג כמעט א ישיבה מאן און האָבענדיג צו טאָן מיט גרעסערע פאר זיך, האָט מען נאַטירליך פיל געלערנט ניט נאָר אין תורה נאָר אויך אין וועלטליכע ידיעות. מען איז געקומען צו באוואוסטזיין אז ניט אַלע אידישע הייזער זיינען ווי אונזערע, אז ניט אַלע ישיבות זיינען ווי וואָלאָזינער ישיבה, אז ניט אַלע ראשי ישיבות זיינען ווי דער טאַטע ז״ל. איין זאך איז אָבער געבליבען, ביי מיר אַם וויינינגסטענס, א טעות פאר יאָהרען לאנג. דאָס איז בנוגע פּסח און די „סדרים״. יאָהרען לאַנג בין איך נאָך געשטאַנען אונטער דעם איינדרוק, אז א „סדר״ איז נאָר מיט אזא פּאַראַד ווי ביי אונז, אָבער אַלע געוועהנליכע אידען האָבען מן הסתם ניט קיין סדר, נאָר מען קומט פון שוהל און מען עסט ווי אַלע יום טובים, דען וואָס פאר א טעם האָט א סדר מיט א היסב־בעט מיט׳ן גאנצען טאַראַראַם ווען עס זיצען ניט דאַביי הונדערטע תלמידים און מען איז ניט בכח צו זאָגען תורה און „אָבריכטען״ דעם סדר פאר שעה׳ן לאנג? ווען איך האָב שפּעטער אויסגעפונען אז אַלע אידען מאכען אויך סדרים, איז דאָס ביי מיר אויסגעמומען אביסעל קאָמיש... און נאָך היינט איז שווער פון דעם איינדרוק פון אמאָל אין גאנצען צו באַפרייען זיך...

ביי אונז אין הויז איז אָבער ניט נאָר דער סדר געווען גאנץ אוי־

הונדערט

# אין שטוב און אין חדר

סערגעוועהנליך ווי איבעראל, נאר אויך דער ערב פסח און א געוויסע צייט פריהער. מען האט גערעדט וועגען באקען מצה, צווייערליי: „שמורה" און פשוט'ע מצה, וואכען לאנג בעפאר פסח. מען האט געבאקען צוועלף פוד מצות, אכט פוד איינפאכע און פיער פוד שמורה. דאס קויפען די מעהל, דעם זיפען די מעהל דורך א אידענע וועלכע איז גע־וועען אנגעטהאן אין א ווייסען קיטעל און געזיפט האט מען דוקא אין זאאל, וועלכער איז געווארען צוגעשלאסען פאר די „קליינווארג". דאס אלץ האט געמאכט פיהלען אן אונגעוועהנליכען רושם. דערנאך עטליכע טעג פאר פסח איז מען געגאנגען ברייגנען „מים שלנו" — וועלכע פרעה־ליכקייט האט געהערשט אין די פאר אבענד־שטונדען: די זון האלט ביים אונטערגעהן, די לופט איז מילד און ווארעם, דער טאטע ז"ל געהט ארומגערינגעלט מיט א גרויסע גרופע ישיבה לייט, מאנכע פון זיי טראגען כלים צו שעפען דאס וואסער, נייע, בלישצענדיגע. היג־טער זיי פיהרט דער וואסער־טרעגער א שפאגעל נייע פאס וואו דאס וואסער זאל אנגעגאסען ווערען, און ארום און ארום איז אן אונבא־שרייבלאכע שמחה. מען איז גליקליך. מען האט דערלעבט דעם גרויסען און היילינען יום טוב און מען איז זוכה צו טהאן אזוי פיעל מצות, וועלכע זיינען מיט דעם יום טוב פון „יציאת מצרים" פארבונדען.

דעם טאג ווען מען באקט די מצה שטעהען מיר אלע, גרוים און קליין, אויף זעהר פריה, קוים ווען די זון הויבט אן צו שיינען. מען דא־ווענט אפ און אלע געהען אין „פאדריאד". דאס איז באמת א הויז ווי אלע הייזער, און דארט איז אן אויווען ווי אלע אויוועגס, אבער וויבאלד מ'באקט דארט מצה, איז דער פלאץ פאר די באשטימטע צייט געקרוינט געווארען מיט'ן נאמען: „פאדריאד". די נאכט פריהער האט מען לכבוד דעם טאטענ'ס ז"ל מצות געברענט דעם אויוועו און עקסטרא גע'כשר'ט. אין דער פריה געהט מען צו גלייך צו דער ארבייט. די בלעכען אויף די טישען זיינען פארבארייטעט. די קאטשעלקעס מיט וועלכע מען וואל־גערט די מצות זיינען אבער פאר אונז ספעציעלע, ניט קיין הילצערנע, נאר גלעזערנע; די קנעטערינס, די וועלגערינס, פרויען און מיידלעך; די רעדלער, מענער, ווי געוועהנליך, זיינען דיזעלביגע, אבער דאך איז דא פנים חדשות. דען פיעל ישיבה לייט קומען פון צייט צו צייט העלפען קנעטען, וואלגערען און רעדלען, דען אלע ווייסען, דאס היינט באקט מען „דעם רבין'ס מצה".

די מאמע ז"ל איז נאטירליך די אבער־קאמאנדירין אויף דעם אלעם וואס געהט פאר, אבער אויך דער טאטע ז"ל שטעהט פיעל צייט

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

פון טאָג און בעטייליגט זיך אין דער גרויסער ארבייט פון דעם טאָג. אויך דער טאָג אדער צוויי איז עפּעס אויסערגעוועהנליך אין אונזערע אויגען. מען פיהלט עטוואס ערהאבענעס, וואס מען זעהט ניט ביי קיין אנדערען אידען.

און דער עיקר קומט ערשט דעם טאָג פון ערב פסח. דאן באַקט מען „מ צ ת מ צ ו ה". אלץ איז שוין יום טוב'דיג דורך און דורך, אלע פּנים'ער און אלע כלים גלאנצען מיט א באזונדער פייערליכקייט. מען איז שוין אויך געוועזן אין מקוה און דער יום טוב איז שוין אָנגעפילט אין דער גאנצער לופט. דאן באַקט מען א האלבע שעה בערך די „מצת מצוה". דאביי באַשעפטיגען זיך אָבער נאָר די גרויסע. דער טאַטע ז"ל אליין, אין גאנצען יום טוב'דיג און שטראַהלענדיג מיט קדושה, גיסט די וואסער אין דער „מיירע" — די טויג פאַר די מצה — און די חשוב'סטע ישיבה לייט זיינען די קנעטער, די וואלגערער, די רעדלער, די בעקער, א. ד. גל. די האלבע שעה זעהט אויס כמעט ווי דער קרבן פסח אין בית המקדש. איינער דערלאַנגט דעם אנדערען, איינער רופט צו דעם אַנדערען. און אַלע צוזאַמען פרעהען זיך און זינגען פון טיעפען הארצען לויב-געזאנגען צו דעם געטליכען אויסלייזער...

איין מנהג איז מיר נאָך עד היום ניט גוט באַוואוסט, איז דאָס א ספּעציעל וואָלאָזינער אָדער אין יענע צייטען איז דאָס געווען איבעראל. ביי יעדער חתונה איז ניט נאָר דער טאַטע ז"ל געווען מסדר קדושין, נאָר דעם שבת נאָך דער חופּה האָט מען נאָכ'ן דאווגען אריינגעפיהרט די כלה צו אונז אין הויז און דער טאַטע ז"ל האָט איהר געגעבען א ברכה. עס האָט פּאסירט אמאָל צוויי-דריי חתונות א וואָך, זיינען אלע כלות, געוועהנליך מיט א פּאָר באַגלייטערינס, געקומען נעהמען די ברכה.

הונדערט און צוויי

יד.

# ארום דער ישיבה

לעהרנענדיג דעם גאנצען טאָג אין דער ישיבה און אויך וועלענדיג זיך פארגלייכען מיט גרויסע, בלייבענדיג מאנכע נעכט אין דער וואָך וואך ביז אין דער פריה, מוז מען ווילענדיג, ניט ווילענדיג, איינלעבען זיך אין דעם ישיבה'שען לעבען און פארטרויט ווערען מיט דעם כאראקטער פון די ישיבה-לייט.

ווי שוין דערמאָנט, זיינען אויך צווישען די ישיבה לייט ניט געווען אלע גלייך, ניט נאָר וואס אינדיווידועל האָבען זיך מאנכע אויסגעצייכענט און ניט נאָר אין לערנען, נאָר אויך אויף פארשידענע אנדערע געביעטען, ווי זינגען, שאך שפיעלען, מוזיקאלישע קענטניסע, שרייבען ארטיקלען, שירים, א. ד. גל. נאָר אויך זיינען געווען געוויסע „קלאסען", העכערע און נידריגערע. זעלבסטפארשטענדליך איז די קלאסען פארטיילונג ניט געווען אויף דעם מאטעריעלען באָדען. עס זיינען געווען צווישען די ישיבה לייט מאנכע רייכע בחורים, אָבער דאָס האָט אין וואָלאָזין ניט פארנומען קיין אָרט, און קיינער האָט זיך דאמיט ניט אינטערעסירט, דער אונטערשיעד פון העכער און נידריגער איז באשטאַנען אין לומדות און אנערקענונג פון מעהר ידיעות אדער כשרונות. די העכסטע מדרגה, אלס א גרופע איז געווען „די ב ר אָ ד ס ק י ם". די „בראָדסקים" האָבען זיך אזוי גערופען, ווייל דער דאמאלס באקאנטער מיליאָנער י ש ר א ל ב ר אָ ד ס ק י, דער צוקער פאבריקאנט פון ק י ע ו ו, האָט אוועקגעלייגט א גרויסען קאפיטאל פון צעהנדליגע טויזענדער רו.- בעלס, כדי פון די צינזען פון דעם געלד זאָלען די בעסטע צעהן יונגע לייט, ד. ה., פארהייראטע מענשען פון דער ישיבה, קריגען זייערע פולע באדירפנישע אין פארלויף פון פינף יאהר. יעדע פינף יאהר האָבען זיך די צעהן „בראָדסקים" געביטען, אויסער ווען איינער פון די צעהן איז אין פארלויף פון די פינף יאהר ארויסגעטראָטען. ער איז על פי רוב געוואָרען א רב. דאן האָט מען אין דער צייט גענומען אן אנדערען אויף זיין שטעלע. דאָס האָט אָבער ניט אָפט פאסירט, ווייל דער ווער עס איז געווען צווישען די „בראָדסקים" האָט געקראָגען אזוי פיעל שבירות ווי א רב אין א קליין שטעדטעל, וואו געוועהנליך קען אן אָנפאנגער אָנקומען, און עס האָט איהם ניט געלוינט אויסצובייטען דעם

רוהיג זיצען און לערנען אויף א קליין־שטעדטילדיגע רבנות. אָבער נאָך די פינף יאהר איז כמעט קיינער ניט פון די „בראָדסקים" געבליבען זיצען אָהן א רבנות, ווייל זיי, די צעהן יונגע לייט זיינען באמת געווען די בעסטע אין לערנען און האלטונג און האָבען געפּאַסט אלס רבנים זעהר גוט און האָבען דאָס על פי רוב געקראָגען.

נאַטירליך ווען עס איז געוואָרען ליידיג א פּלאַץ פאר א „בראָדסקי", האָבען אַלע יונגע לייט וועלכע זיינען געווען אין דער ישיבה זיך באַמיהט אום דעם כבוד און אויך די געהאַלט צו קריגען. דאָס איז אָבער ניט לייכט געווען. מען האָט שטאַרק געזוכט ביז מען האָט יעמאַנדען באַשטעטיגט אלס איינעם פון די „בראָדסקים". און ווי געוועהנליך אין אַזעלכע פּעלע, ווען איינער האָט דאָס יאָ געקראָגען, האָט מען איהם מקנא געווען און זיינע קאָנקורענטען האָבען געזוכט איהם קלענער צו מאַכען אין זיין ווערטה. ויהי היום, אין דער קורצער צייט ווען איך בין געווען כמעט א „ישיבה מאַן", איז אַזאַ שטעלע ליידיג געוואָרען און עס איז געוואָרען א פּראָבלעם: ווער זאָל זיין דער „גליקליכער" אריינגענומען צו ווערען אין די „בראָדסקים". איך, זייענדיג נאָך אפילו א קינד פון צעהן יאָהר בערך, האָב געוואוסט פון די אַלע שמועסען און השערות און אפילו רכילות'ן וועלכע זיינען געווען אין דעם ענין. דען, ווי געזאָגט, דאָס איז דאָך געווען ניט נאָר א שאלה פון מעהר פּרנסה פאר דעם „אויסערוועהלטען", נאָר אויך א געוויסע אנערקענונג, אויסצייכענונג, און דאָס איז דאָך שוין נוגע אַלע ישיבה לייט, קליין און גרויס, אַזוי ווי עס איז געוועהנליך ביי וואהלען, וואו יעדער מענש איז אינטערעסירט אז זיין ליעבלינג זאָל זוכה זיין לגדולה... דאָס לעצטע וואָרט צו באַשטימען איז געווען ביי די ראשי ישיבה מיט'ן טאַטען ז"ל בראש.

די ראשי ישיבה פון זייער זייט האָבען זיך ניט געאײַלט און האָבען געוואויגען און געמאָסטען די אַלע קאַנדידאַטען מיט זייערע מעלות און חסרונות, ביז ענדליך איז מען געקומען צום באשלוס ווער איז דער אויסערערוועהלטער. די פאַרהאַנדלונגען ווי אויך די מאָטיוען פאר און געגען יעדען קאַנדידאַט זיינען געהאַלטען געוואָרען בסוד. בפרט ווען עס איז דאַן געווען נאָר איין פּלאַץ און קאַנדידאַטען זיינען געווען א סך. ביי דעם פאַל, איז די החלטה געמאַכט געוואָרען ניט אין וואָלאָזין נאָר אין ווילנא, ווייל דאַן איז גראָד געווען אן אספה אין ווילנא אין וועלכער דער טאַטע ז"ל ווי אויך רבי חיים סאָלאָווייציק און אַנדערע פיהרער פון דער ישיבה ווי אויך די „גבאים" פון ווילנא האָבען זיך באַטייליגט,

# ארום דער ישיבה

און ביי יענער אספה איז די פראגע פון דעם אויסוועהלען דעם פאסענדען קאנדידאט געשטאנען אויף'ן טאגעס־ארדנונג. מיר איז אויסגעקומען צו זיין ביי דער אספה, ביי וועלכע עס זיינען פארהאנדעלט געווארען זעהר וויכטיגע ענינים בנוגע דער עקזיסטענץ פון דער ישיבה — עס זיינען שוין דאן געווען שווערע צייטען, וועלכע האבען ענדליך געפיהרט צום אונטערגאנג פון דער ישיבה — א שטומער עדות.

די אספה איז געווען אין הויז פון מיין פעטער, דעם טאטענס ז"ל ברודער, ר ב י ח י י ם ב ר ל י ן, א גרויסער סוחר און א איד א למדן און א עסקן אין כלל־זאכען. דער פעטער איז ניט געווען קיין גבאי פון דער ישיבה ווי עס זיינען געווען אנדערע עסקנים פון ווילנא און פון מינסק. און טראץ דעם, וואס די אספה איז געווען א געשלאסענע, וואלט קיינעם ניט איינגעפאלען דעם בעל הבית פון הויז ארויסצושיקען פון דעם צימער וואו די בעראטונגען זיינען פארגעקומען, בפרט אין טאטענס ז"ל געגענווארט, וואס ער איז דער גאסט פון הויז, ווען ניט איינער פון די גבאים, וועלכער איז דאן געווען א ווילנער בעל הבית — שפעטער איז ער באקאנט געווארען אלס וויסענשאפטסמאן אויף דעם געביעט פון דער אידישער געשיכטע — האט געהאט דעם מוטה צו זאגען דעם גאסט־געבער, ד. ה., דעם טאטענס ז"ל ברודער, אז ער זאל ארויסגעהן פון צימער. דאס איז געווען א חוצפה ניט נאר צוליעב דעם טאטענס ז"ל כבוד, נאר אויך צוליעב דעם פעטער אליין, דען דער פעטער איז געווען פיעל עלטער און אויך פיעל חשוב'ער אין דעם ווילנער אידישען לעבען ווי דער יעניגער וועלכער האט איהם געהייסען ארויסגעהן. ניט קוקענדיג דארויף האט דער פעטער, אין גרויס באשיידענהייט, ניט געזאגט קיין ווארט און אויפגעהויבען זיך ארויסצוגעהן. דער טאטע ז"ל האט אבער שארף רעאגירט אויף דער באליידיגונג, ער האט אבער ניט דיסקוטירט און קיינעם קיין פארוואורף ניט געמאכט, נאר מיט א פעסטען טאן געווענדעט זיך צום פעטער און געזאגט: „חיים, איך הייס דיר דא בלייבען". און זעלבסטפארשטענדליך איז דער פעטער געבליבען זיצען, און דער וועלכער האט איהם געהייסען ארויסגעהן האט שטיל געשוויגען.

צוזעהענדיג דעם צופאל האב איך ניט געווארט אז מען זאל מיך אויך ארויסשיקען, און בין אליין ארויסגעגאנגען. נאטירליך, מיט א צובראכענעם הארץ וואס איך קען ניט זיצען און הערען ביי אזא וויכטיגע פארזאמלונג. זייענדיג אויף יענעם זייט טיהר, איז דער טאטע ז"ל ארויסגעגאנגען און מיך געפרעגט: „ווילסטו בלייבען ביי דער

# פון וואלאזין ביז ירושלים

אספה? אויב דו וועסט מיר שווערען קיינעם ניט אויסזאגען וואס מען וועט דא ריידען וועט מען דיך אריינלאזען". דארויף האב איך געענטפערט מיט א וויינענדיגע שטימע: „ווי דער טאטע וויל. נאר שווערען וועל איך ניט. איך קען נאר צ ו ז א ג ע ן אז איך וועל האלטען אלעם בסוד, אויב דער טאטע גלויבט מיר איז גוט, אויב ניט וועל איך בלייבען דא אויסער דעם אספה צימער". דער טאטע ז"ל האט א ליעבליכען שמייכעל געטהאן און אריינגענומען מיך צו דער זיצונג.

די פראגע פון דעם אויסערוועהלטען אין די „בראדסקים" האט מיך דאן זעהר אינטערעסירט, מעהר אלס פיעל וויכטיגערע פראגען, ווייל מיט דער אנגעלעגענהייט בין איך געווען באקאנט פון די שמועסען אין דער ישיבה. מען האט נאך א קורצען ויכוח באשלאסען אויף איינעם פון די קאנדידאטען. דאס מערקווירדיגע איז, אז קומענדיג צוריק אין וואלאזין, און הערענדיג וואס די ישיבה־לייט האבען צווישען זיך גערעדט וועגען דעם באשלוס פון ווילנא, האב איך אין הארצען באוואונדערט ווי די מייסטע ישיבה לייט האבען צוגעטראפען די געשפרעכען וועלכע זיינען געפיהרט געווארען אין ווילנא בנוגע דעם זיעגרייכען קאנדידאט אונטער געשלאסענע טיהרען. קיין ספק ניט, אז קיינער פון די אנוועזענדע ביי דער אספה האט ניט מגלה סוד געווען, אבער די פקחות און דער שכל פון די ישיבה לייט האבען ריכטיג אפגעשאצט וואס מען האט געזאגט, און ווער עס האט געזאגט וועגען יעדען קאנדידאט און ווארום איז גראדע דער און ניט קיין אנדערער אנגענומען געווארען.

די דערמאנטע אספה אין ווילנא איז געבליבען ביי מיר אין זכרון צוליעב נאך צוויי אינצידענטען. איינינע טעג בעפאר דער אספה איז געווען א חתונה פון דער טאכטער פון דעם דאמאלסדיגען ווילנער שטאדט מגיד ר ב י ה י ר ש ר א ב י נ א װ י ץ, דער זוהן פון ר ב י י צ ח ק א ל ח נ ן מיט איינעם וואס האט געהאט א שטיקעל שייכות צו אונזער משפחה. איך בין דאן געווען אין ווילנא זייט איינינע וואכען צו גאסט ביי מיין פעטער און איך האב זעלבסטפארשטענדליך אויך געוואלט פאהרען אויף חתונה צוזאמען מיט אלע אנדערע קרובים אונזערע. דער טאטע ז"ל איז געווען אויף חתונה פון וואלאזין און פון דארט, צום חתונה פלאץ האט ער געזאלט קומען קיין ווילנא צו דער אספה. ביי מיר איז געווען א באזונדער חשק צו פאהרען ווייל איך האב געוואלט קענען ר ב י י צ ח ק א ל ח נ ן. פאסירט אבער א מעשה, די נאכט פריהער כאפט זיך אריין א גנב צום פעטער אין

# אַרום דער ישיבה

הויז און פון אַלע אַנטיקען האָט ער צוגע'גנב'עט מיין שבת'דיגען אַנ־צוג. און דאָס האָט צושטערט מיין גאַנצען פּלאַן. דען דער עסטעטישער געפיהל האָט ניט צוגלעאָזען פאָהרען צו אַזא חתונה אין אַ וואָכעדיגע קאַפּאָטע... און אַזוי בין איך געבליבען ניט זעהענדיג רבי יצחק אלחנן. ער היום, ווען איך דערמאָן זיך, בין איך בייז ניט נאָר אויף דעם גנב פאַר זיין רשעות, נאָר אויף זיך אַליין פאַר מיין טפּשות...

דעם אָבענד נאָך דער חתונה בין איך געגאַנגען צום באַהן אָבוואַר־טען דעם טאַטען ז"ל, וועלכער האָט בעדאַרפט אָנקומען. צוקומענדיג צום גאַס פון דעם באַהן, האָב איך געפונען אַ גרויסען עולם אידען און אויך אַ שטאַרקע וואַך פון פּאָליציי, ווייל ערוואַרטענדיג אַז מיט דעם צוג וועלען קומען צווישען אַנדערע מחותנים דער טאַטע ז"ל, רבי יצחק אלחנן און נאָך אַנדערע, האָבען זיך פאַרזאַמעלט פיעל אידען אום צו זעהן די גרויסע געסט. מען האָט אויך געזאָגט, אַז מען קלייבט זיך אויסשפּאַ־נען די פערד און פיהרען דעם וואָגען אום צו געבען כבוד התורה.

די רוסישע פּאָליציי האָט דאָס נאַטירליך ניט געקענט צולאָזען און מען האָט פאַרשפּאַרט אַלע וועגען. איך האָב געמוזט בלייבען שטעהן פון דערווייטענס און ערשט ווען דער טאַטע ז"ל איז דורכגעפאָהרען האָב איך נאָכגעשריען ביז דער וואָגען האָט זיך אָבגעשטעלט און איך בין אַרויפגעפאַלען אויף זיין האַלז. דער רושם איז אָבער געבליבען ביי מיר פון דעם אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט ווי גרויס עס איז געווען אין יענער צייט כבוד התורה אין „ירושלים דליטא", דען נאָך אַלעמען זיינען ביידע, אי דער טאַטע ז"ל, אי רבי יצחק אלחנן רעכט אָפּט געווען אין ווילנא, דאָך אָבער איז דער כבוד צו זיי געווען זעהר גרויס.

ווי שוין דערמאָנט, איז ביי דער ווילנער אספה באַהאַנדעלט גע־וואָרען זעהר חשוב'ע ענינים וועגען דעם ווייטערדיגען קיום פון דער ישיבה. דען דאַן זיינען שוין געווען שווערע צייטען און גרויסע צרות פון אינעווייניג און פון אויסענווייניג. מען האָט געזוכט נייע וועגען און מיטלען ווי צו העלפען אין דער שווערער לאַגע. איינע פון די מיט־לען וועלכע מען האָט געוואָלט דורכפיהרען איז געווען אָנצושטעלען אַ סעקרעטאַר אין דער ישיבה, אַ מענש וועלכער האָט אין יענער צייט גע'שם'ט פאַר אַ גרויסען שרייבער, אַ באַקאַנטער כלל טהוער, אַ „בריה" אויפצורודערען און דורכפיהרען פאַרשידענע ענינים אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד וואָס קיין אַנדערער האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען אַזוי גוט ווי ער. די גבאים פון דער ישיבה האָבען דאָס געוואָלט, אַנדערע רבנים און אויך די ראשי ישיבה אין וואָלאָזין האָבען מסכים געווען, נאָר

איין חסרון איז געווען, דער טאַטע ז״ל האָט דעם מענשען ניט געוואָלט האָבען נעבען זיך. ווי דער שטייגער, האָט דער טאַטע ז״ל ווייניג גע־רעדט. ער האָט געהערט וואָס אַנדערע זאָגען און ער האָט קורץ און שאַרף געזאָגט: „ניין". און דאַביי איז געבליבען. קיינער האָט ניט געהאַט דעם מוטה מיט׳ן טאַטען ז״ל אריינגעהן אין ויכוחים און פרעגען צופיעל שאלות. דער איינציקער וואָס האָט דאָס געקענט טהאָן איז געווען מיין זיידע, דער נאַווארעדקער רב, ר ב י י ח י א ל מ י כ ל ע פּ ש ט י י ן, דער מחבר פון „ערוך השלחן". דער זיידע איז געווען ניט נאָר דעם טאַטענס ז״ל שווער, נאָר אויך זיין שוואָגער. די באָבע מיינע איז געווען דעם טאַטענס ז״ל א שוועסטער — זיי האָבען זיך אויך געקענט פון די אינגסטע יאהרען, אַזוי אַז ער האָט געהאַט דעם כח געוויסע זאַכען צו דיקטירען און פרעגען טעמים: פאַר וואָס און פאַר ווען, וואָס קיינער האָט ניט געקענט. אויך דאָס מאָל איז אויסגע־פאַלען די שליחות אויפ׳ן זיידען, נאָכדעם ווי ער האָט אויך געהאַלטען פאַר ריכטיג אַז מען זאָל דעם באַטרעפענדען מענשען אַנשטעלען אלס סעקרעטאַר. דער זיידע האָט אָבגעהיט די צייט ווען דער טאַטע ז״ל איז געזעסען אליין און געלערנט, בעפאָר מיטען טאָג, אַנגעטהאָן ווי גע־וועהנליך אין טלית און תפלין, און ער האָט אָנגעפאַנגען מיט איהם דעם שמועס וועגען דעם שלעכטען צושטאַנד פון דער ישיבה און אלס פועל יוצא פאַרלאַנגט צו וויסען זיין מיינונג וועגען דעם פאָרשלאַג וואָס ווערט פון אלעמען גוטגעהייסען אַז דער און דער זאָל ווערען דער „שריי־בער", ווי מען האָט דאַן באַטיטעלט א סעקרעטאַר, און ער, מיט זיינע גרויסע בריה׳שאַפט וועט אויפטאָן גדולות ונפלאות. דער זיידע האָט גערעדט, ווי זיין שטייגער איז, מיט התלהבות, מיט איבערצייגונג, און דער טאַטע ז״ל האָט געהערט און געשוויגען. דער שווייגען איז געווען דער קלאָרער צייכען אַז דער טאַטע ז״ל איז געבליבען ביי זיין פריהער־דיגע מיינונג און ער איז ניט מסכים. דער זיידע האָט ניט נאָכגע־לאָזען און האָט געזוכט צו ברייננען מעהר איבערצייגונגען דאדורך וואָס ער האָט געזאָגט אַז דער באַטרעפענדער מענש איז א סעקרעטאַר ביי איינעם פון די גדולים און דארויף האָט דער טאַטע ז״ל אויך ווייניג רעאַגירט. ערשט דאַן ווען דער זיידע איז געוואָרען צודרינגליך און גע־פרעגט א קלאָרע תשובה איז דער טאַטע ז״ל אויפגעשטאַנען פון שטוהל און געזאָגט מיט א פעסטען טאָן: „דובר שקרים לא יכון נגד עיני".

עס איז שוין דערמאָנט געוואָרען וועגען „גבאים" פון דער ישיבה. דאָס איז אן אינסטיטוט וועלכער איז ווייניג באַקאַנט געווען אין דער

גרויסער וועלט, און, ווי עס שיינט, האָט דאָס אויך נאָר אַ פּאָר צעהנ־דליג יאהר עקזיסטירט. ווארשיינליך איז דאָס געשאפען געווארען אום די פינאנציעלע לאסטען ארונטערצונעהמען פון די ראשי ישיבה און אפשר ווען מען האָט נויטיג געהאט אַ ישוב הדעת וועגען אדמיניס־טראַטיווע ענינים האָט מען זיך מיט זיי מישב געווען. די מייסטע פון די גבאים זיינען געווען חשוב'ע בעלי בתים, עסקנים פאר תורה און טיילווייז אויך אַליין לומדים פון מינסק און פון ווילנא, די צוויי אידישע גרויסע שטעדט וועלכע זיינען געווען נאָהענט צו וואָלאָזין. דער נוצען אין פּראַקטישען זין, וועלכען די גבאים האָבען געבראַכט צו דער ישיבה מיט איהרע שוועריגקייטען, אפילו נאָר אין דעם מאַטעריעלען זין איז געווען אזוי פיל ווי עס ברייננט איצט אַן אדוויזאָרי באָארד אין יעדען אנשטאַלט. דאָס מיינט: עס זיינען דאָ בעלי בתים נאָר מען זאָל זיי פרעגען און אז עס קומט צו טראָגען די אחריות בלייבט דאָס פאר אַנ־דערע...

צווישען די גבאים זיינען געווען מענשען מיט מעהר אדער וויניגער באַקאַנטע נעמען אין דער אידישער וועלט: די ז ע ל ד אָ ו ו י־צ ע ס פון מינסק, באַקאַנטע בעלי צדקה ספּעציעל פאר תורה; מ ש ה ח י י ם ב ר ו י ד ה, אַ מינסקער באַנקיר מיט אַן איבערגעבענע אידישע הארץ; מ ר ד כ י ס אַ ל א מ א נ אָ ו, זעהר אַ קלוגער איד מיט אַ שארפען קאָפּ און אַ למדן, און א י י ז י ק ר אַ ב י נ אָ־ו ו י ץ, ווי ער האָט דאַן געהייסען, שפּעטער באַקאַנט געווארען אַלס י צ ח ק ה ל ו י, דער מחבר פון „דורות הראשונים". די גבאים פלעגען זיך איינמאָל אדער צוויי מאָל אַ יאָהר צוזאַמענקלייבען אין וואָ־לאָזין. די לומדים האָבען צוגעהערט די שעורים, אויך געכאַפּט אַ שמועס אין דברי תורה, און די וועלכע האָבען דאָס ניט געקענט, האָ־בען הנאה געהאַט פון דער ווייטען. אין דער ישיבה האָט די אנווע־זענהייט פון די גבאים קיין גרויסען רושם ניט געמאַכט, דען דער יחוס פון אַ גביר איז ניט געווען דאָרט זעהר גרויס און בנוגע לומדות זיינען די ישיבה לייט געוואוינט געווען צו גרעסערע לומדים. נאָר אין שטעדטעל האָט זיך אביסעל גערודערט. עס זיינען אנגעקומען ווילנער און מינסקער גבאים... אויך ביי אונז אין הויז איז געווען אַ האַלב יום־טוב'דיגע שטימונג: פּאַראַדנע מיטאָגען, גרויסער עמפּפאַנג, אָפּי־ציעלע שמועסען, א. ז. וו. דער אינטערעסאַנטסטער מענש, איבערהויפּט פאר אונטערהאַנדלונגען, איז געווען פון די אַלע גבאים דער דערמאָנטער מ ר ד כ י ס אָ ל אָ מ אַ נ אָ ו. ביי אַ געוויסען שמועס האָט דער

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

טאַטע ז״ל איהם געמאַכט אַ פאַרוואָרף פאַרוואָס ער איז דערוויטערט פון „מינסקער גדול״, דען עס איז געווען באַקאַנט, אַז ער, סאָלאָמאָנאָוו, איז מיט׳ן „גדול״ ניט שוה בשוה צוליעב פאַרשידענע טעמים. אַלס אַ תשובה האָט סאָלאָמאָנאָוו שמייכלענדיג געענטפערט: „איהר ווייסט דאָך, רבי, אַז דער גאַנצער ענין פון התקרבות איין מענש מיט דעם אַנדערען איז, ווייל יעדער מענש פאַר זיך אין אַן „עולם קטן״, מוז מען צוזאַמענקומען כדי צו שאַפען אַן „עולם גדול״. ווען אָבער דער „גדול״ אין מינסק איז אַן „עולם גדול״ אַן און פאַר זיך, וואָצו האָט ער נויטיג אַז איך זאָל זיך מתקרב זיין צו איהם?״...

די אַלע ענינים פון אספות און גבאים און אַלערליי אָנשטרענגונגען האָבען וויניג געהאָלפען די לאַגע פון דער ישיבה אויסצובעסערען. עס האָט זיך געפיהלט אין דער לופט אַ שטילקייט פאַר׳ן שטורם. עס איז געווען אַ נערוועזע שטימונג אין דער גאַנצער סביבה, אפילו דער טאַטע ז״ל וועלכער איז געווען אַ מייסטער פון רוהיגקייט און איבערלייגונג האָט אויך ניט שטענדיג בייגעהאַלטען זיין געמיטליכקייט. איין אויסברוך פון ניט אויסגעהאַלטענקייט איז געווען ביי אַ פאַל פון „סמיכה״. געוועהנליך האָט יעדער „יונגער מאַן״ פאַר׳ן אוועקפאָהרען פון וואָלאָזין געקומען צום טאַטען ז״ל נעהמען „סמיכה״ אויף רבנות. אין דער וועלט האָט געהייסען אַז דער טאַטע ז״ל איז ניט קיין מחמיר אין סמיכות געבען. דער אמת איז אָבער אַז ער האָט געקענט יעדען מוסמך און האָט יעדען גאַנץ גענוי אָבגעשאַצט וואָס פאַר אַ סמיכה ער איז ווערטה.

ויהי היום איז אַ „יונגער מאַן״ אוועקגעפאָהרען און דער טאַטע ז״ל האָט איהם ניט געפונען פאַר ראוי צו קריגען סמיכה און האָט איהם אָבגעזאָגט אין זיין בקשה. דער „יונגער מאַן״ איז געווען זעהר טרויעריג. אָבער פאָהרען אַהיים מוז ער. אַ קורצע ווײַלע פאַר דעם אָבפאָהרען האָט דער „יונגער מאַן״ אַריינגעשטורעמט צו אונז אין הויז און, ניט קוקענדיג וואָס מיר זיינען געזעסען ביים טיש און געגעסען, איז ער אַריינגעלאָפען אין עס־צימער און אַ קלאַפּ געטהאָן אויפ׳ן טיש און אַ זאָג געטהאָן: „רבי, איך פאָהר אַהיים, איהר גיט מיר ניט קיין סמיכה, דאָן הרג׳עט איהר אוועק מיך מיט מיין ווייב מיט מיינע קינדער.״

דער טאַטע ז״ל איז אוועק זאָפאָרט פון טיש און אויפגעשריבען אַ סמיכה. דער „יונגער מאַן״ איז גליקליך אַרויסגעגאַנגען אום אוועקצופאָהרען. די ישיבה לייט האָבען אָבער אינצווישען דורכגעלייענט די

הונדערט און צעהן

## אַרום דער ישיבה

סמיכה און געשמייכעלט אין זיך. דאָרט איז געשטאַנען, נאַטירליך זעהר קלוג פאַרדעקט, ווי נאָר דער טאַטע ז״ל האָט געקענט שרייבען, אַז „ווען מען וועט אויסגעפינען אַז דער באַטרעפענדער איז ראוי, דאַן איז „יורה דעה, ידין ידין״... עס קען זיין אַז דער „יונגער מאַן״ אַליין האָט אויך פאַרשטאַנען דעם ווערטה פון אַזאַ סמיכה, פאַר זיין שווער, אַ קצב אין זיין שטעדטעל, איז דאָס אָבער גענוג געווען...

טו.

# דער אָנהויב פון סוף

די וואָלאָזינער ישיבה איז שטענדיג געווען באוואוסט צו דער רעגירונג. קיינמאָל אָבער האָט זיך די רעגירונג ניט אינטערעסירט מיט דער ישיבה ווי אין די לעצטע יאָהרען. אויב די סבות דאָצו זיינען געווען אויסערליכע, צוליב דעם וואָס געוויסע פּערזאָנען האָבען געזוכט איהר צו אונטערגראָבען, אָדער די רעגירונג וועלכע איז אין יענער צייט געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון רוסיפיקאַציע און האָט געזעהן אין דער ישיבה א געגען־קראַפט, אַן אָרט פאַר שטאַרקער אידישקייט אין יעדער פאָרם, אָדער די סבות זיינען געווען אינערליכע, וואָס אין דער ישיבה אַליין האָט געהערשט אונרוהע, וועלכע עס זיינען געווים באקאנט געוואָרען דער רעגירונג, אפשר אפילו ווי אנדערע מיינען, אז עס זיינען געווען ישיבה־לייט אַליין וועלכע האָבען מיטגעטיילט „וואו מען דאַרף" אז מען זאָל אכטונג געבען... אָדער ווי עס איז געווען נאָך א מיינונג, אז ווי לאַנג דער טאַטע ז"ל איז געשטאַנען בראש פון דער ישיבה, האָט קיין קויל ניט געקענט צוקומען צו איהר, ווי באַלד ער האָט זיך אָפיציעל אָפּגעזאָגט, האָט יעדער שטן ומשחית געקראָגען א שליטה איבער איהר — דאָס אַלץ איז נאָך ביז איצט ניט באקאנט. אפשר ווען מען זאָל עפענען די רעגירונגס ארכיוען אין ווילנא און אין די געוועזענע פּעטערבורג בנוגע צו דער ישיבה, וואָלט מען אויסגעפינען אינטערעסאַנטען מאַטעריאַל וועגען דעם.

ניכער ווי אַלץ איז אָנצונעמען אז אויך אין דעם האָט דער טאַטע ז"ל רעכט געהאַט ווען ער פלעגט זאָגען ריידענדיג וועגען דעם אונטער־גאַנג פון וואָלאָזין, פאַרגלייכענדיג צו דעם חורבן ירושלים, אז דאָס וואָס עס שטעהט: „לא חרבה ירושלים אלא שהעמידו דבריהם על דין תורה", „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שנאת חנם", „לא חרבה ירושלים אלא על שלא ברכו בתורה תחלה", „אקמצא ובר קמצא חרבה ירושלים" א. ד. גל. איז דאָס ניט א סתירה איין מאמר צום אַנדערען און אויך ניט איין כונה אין די אַלע מאמרים, נאָר אַלע צוזאַמען זיינען איין אמת. ירושלים וואָלט ניט חרוב געוואָרען צוליב איין סבה, נאָר ווען אַלע זאַכען צוזאַמען זיינען געווען, איז דער חורבן ענטשטאַנען. דאָסזעלבע אויך

## דער אָנהויב פון סוף

בנוגע די ישיבה אין וואָלאָזין. ניט איין סבה, נאָר אַלעס צוזאַמען האָבען געבראַכט דעם צוזאַמענברוך.

אָפיציעל אָבער איז קענטיג געוואָרען דער אונטערגאַנג פון דער ישיבה דורך דעם וואָס די רעגירונג האָט גענומען שטאַרק קוקען אויף דעם וואָס קומט פאָר אין דער ישיבה און אַרום דער ישיבה. שוין מיט אַ פאָר יאָהר פריהער, ווען די ישיבה איז געוואָרען גרעסער און גרעסער, אַז געווען געוויסע אָרדנונגען פון דער רעגירונג בנוגע די ישיבה־לייט. עס האָט געמוזט זיין נאָר אַ באַשטימטע צאָהל, ניט מעהר ווי צוויי הונדערט און פופציג. יעדער ישיבה־מאַן האָט געמוזט אָפּגעבען אין דער „ישיבה'שע קאַנצעלאַריע" — ווי עס האָט געהייסען אָפיציעל — זיין פּאַספּאָרט, און האָט געקראָגען אָנשטאָט דעם אַ שריפטליכע באַשטעטיגונג, אַז ער איז אָנגעקומען אַלס תלמיד אין דער ישיבה.

יעדען יאָהר פלעגט קומען צופאָהרען דער „דירעקטאָר" פון ווילנא, ד. ה. דער אויפזעהער אויף אַלע פאָלקס־שולען אין ווילנער גובערניע, און ער פלעגט קומען אין דער ישיבה אַ קוק טאָן ווי מען לערנט. ער האָט אויך אונטערזוכט די פּאַספּאָרטען אויב עס איז אַלץ אין אָרדנונג. ער האָט אויך אַמאָל זיצענדיג אין דער ישיבה, געפרעגט אויב עס איז דאָ ישיבה־לייט וועלכע קענען ריידען רוסיש, און האָט מיט איינעם אָדער מיט דעם אַנדערען געהאַט אַ קורצען געשפּרעך. מיט די ראשי ישיבה — וועלכע זיינען געווען אָפיציעל פינף, דער טאַטע ז"ל, רבי חיים סאָלאָווייציק, דער משגיח פון דער ישיבה, רבי שלמה דוד דיסקין, רבי חיים הלל פריד און רבי אפרים סאַמסונאָוו, אַן איידעם פון מיין ברודער רבי חיים ברלין, האָט ער אויך געכאַפּט אַ קורצען געשפּרעך מיט דעם וואָס האָט געקענט רוסיש דירעקט, און מיט די וועלכע האָבען ניט געקענט, דורך אַן איבערזעצער.

איינמאָל איז דער דירעקטאָר געקומען פון ווילנע מיט זיין אייגענעם איבערזעצער, און דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער בעקאַנטער יהושע שטיינבערג. דאָס אַליין האָט שוין געשאַפען אַ געוויסע אונרוהיגקייט, צוערשט ווען דער דירעקטאָר נעמט מיט אַזאַ מענשען ווי שטיינבערג, וועלכער איז געווען אַ הויכער באַאַמטער אַלס „אוטשאָני יעוורעי" — געלערנטער איד — און שוין געווען דאַן אַן אַלטער מאַן, איז אַ סימן אַז דער באַזוך פון דעם דירעקטאָר איז ניט גאַנץ פּשוט... די הויפּט סבה צו זיין אומרוהיג איז געווען דאָס וואָס שטיינבערג איז געווען באַקאַנט אַלס אַ שאַרפער געגנער פון דער וואָלאָזינער ישיבה.

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

שטיינבערג האָט געהערט צו די אַלטע משכילים וועלכע האָבען פיינט געהאַט אַלעס וואָס איז אידיש אין גייסט און אין טאַט, דערצו נאָך אַלס פיהרער פון דעם ווילנער לעהר־אינסטיטוט, די ירושה פונ׳ם ראַבינער סעמינאַר, איז ער ביי געווען אויף אַזאַ מקום תורה ווי וואָ־לאָזין, וועלכער פאַרגרעסירט און האָט אויסגעזעהן אין זיינע אויגען — און מיט פולער רעכט — דער שאַרפסטער און ביטערסטער געגנער צו זיינע טעטיגקייטען און אונטערנעמונגען.

מען האָט אויך געזאָגט, אַז איינער אָדער צוויי פון די ישיבה־לייט „מרשיעי ברית״, וועלכע האָבען געזוכט די ישיבה צו אונטערברייגגען זיינען געשטאַנען אין שריפטליכע פאַרבינדונג מיט שטיינבערג׳ן פאַר זיין קומען אין וואָלאָזין, און אויך זייענדיג אין וואָלאָזין האָבען זיי געהאַט מיט איהם געהיימע אונטערריידונגען. יעדענפאַלס אָבער איז דער באַזוך פון דעם דירעקטאָר מיט שטיינבערג׳ן וועלכער האָט געדויערט צוויי טעג ניט געבראַכט קיין באַלדיגע רעזולטאַטען. די פּאַספּאָרען זיינען געווען אין אָרדנונג, אין דער ישיבה האָבען זיך ניט געפונען מעהר ווי די אָפּיציעל פאַרשריבענע תלמידים. מען האָט געוואוסט ווען דער דירעקטאָר האָט געדאַרפט קומען, מען האָט געוואוסט ווען ער איז אריינ־געפאָהרען אין שטאָדט און ביז ער האָט זיך אויסגערוהט און געקומען אין דער ישיבה, איז אַלעס געוואָרען כשר וישר. די ניט־איינגעשריבענע ישיבה־לייט, איבער די צוויי הונדערט פופציג האָבען געוואוסט אַז די פּאָר טעג ווען די „נאַטשאַלסטוואָ״ איז דאָ, דאַרף מען זיך ניט ארומ־דרעהען אין גאַס, מען דאַרף אויך אין די אייגענע צימערען ניט לערנען מיט אַ קול, עס קען שאַדען „עין הרע״ און „אוזן רעה״... דאָס איינ־ציגע וואָס דער דירעקטאָר מיט שטיינבערג׳ן האָבען נאָכגעלאָזען איז געווען אַ ביסעל פרעהליכקייט ווי מען האָט נאָכגעמאַכט ווי זיי ביידע, קליינינקע, קיילעכדיגע, דערצו דער דירעקטאָר מיט אַ גרויסען צלם, וואַרשיינליך אַן אָרדען, אויפ׳ן האַלז האָבען זיך אַזוי ווי אריינגעקייקעלט און ארויסגעקייקעלט... אָפּיציעל איז דער באַזוך דורכגעגאַנגען בשלום. מען האָט אַפילו פון אונזער הויז געשיקט שטיינבערג׳ן יעדען טאָג כשר׳ע מיטאָגען ער זאָל ניט „נכשל״ ווערען אין טרפות וואו ער איז איינגעשטאַנען מיט׳ן דירעקטאָר, און מען האָט זיך פריינדליך אָפּגע־זעגענט.

עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און אין אַ ווינטערדיגען אבענד, ווען די ישיבה איז געווען פול מיט ישיבה־לייט, נאַטירליך מעהר ווי די באַשטימטע צאָהל, און מיט הייליגע התלהבות, פון לערנען מיט התלהבות

הונדערט און פערצעהן

## דער אָנהויב פון סוף

און התמדה, איז פּלוצים אָנגעפאָהרען אַן אינספּעקטאָר מיט'ן גאַנצען טאַראַראַם פון באַגלייטער און איז מיט רעש אַריין אין דער ישיבה. די ישיבה־לייט דערזעהענדיג אַזאַ אונערוואַרטעטען אורח, און וויסענדיג אַז אויב מען וועט אונטערזוכען וועט מען געפינען פיל פון זיי ניט גאַנץ כשר'ע אין דעם אָפיציעלען זין, האָבען זיי באַלד באַגריפען די סיטואַציע און האָבען אָנגעהויבען אַרויסצולויפען פון דער ישיבה אַזוי ווי פון אַ פייער.

דער אינספּעקטאָר איז געבליבען שטעהן אַליין צוטומעלט און האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט אַלס אַריינקומען צו אונז אין הויז און מעלדען אַז ער איז דאָ. די סבה פון דעם אַרויסלויפען פון די ישיבה־לייט האָט מען איהם ערקלערט, אַז עס איז געווען אַן „אונאַנגענעמער טעות". איינער האָט זיך צוטומעלט זעהענדיג אונגעוועהנליכע געזיכ־טער און אויסגעשריען „אַ שרפה", און דעריבער איז מען אַרויסגע־לאָפען וויל מען האָט ווירקליך געמיינט אַז עס ברענט. אויב דער אינ־ספּעקטאָר האָט די ערקלערונג אָנגענומען פאַר גוט אָדער ניט איז אונבאַ־וואוסט. ער האָט אָבער געהייסען זאָפאָרט איהם איבערגעבען די קעס־טעלע מיט די פּאַספּאָרטען מיט אַלע ביכער וועלכע געהערען דאַצו און אָנגעזאָגט אַז מאָרגען פריה וועט ער קומען אין דער ישיבה.

די לאַגע איז קלאָר געוואָרען אַז דאָ האָט מען צו טאָן מיט עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס. שוין דער אַריינפאָהר אַליין וואָס האָט קיין מאָל ניט פּאַסירט אַז עס זאָל קומען אַ באַאַמטער דירעקט פון באַהן צו דער ישיבה, האָט באַוויזען אַז דאָ איז דאָ אַ שלעכטע כוונה. געוועהנליך, פאָהרענדיג פון באַהן שעה'ן לאַנג איז יעדער באַאַמטער אַריינגעפאָהרען צוערשט אַביסעל זיך אויסרוהען, אָרומוואַשען זיך. דאַן האָט מען שוין אונז תיכף געלאָזט וויסען „אַז מען איז געקומען". עס האָט גע־טראָפען אפילו אַז מען האָט געמאַכט הכנות און צו סוף האָט זיך אויסגעלאָזען אַז דער וואָס איז געקומען האָט צו דער ישיבה קיין שייכות ניט. אָבער אַזאַ פאַל אַז מען זאָל צופאָהרען גלייך פון באַהן צו דער ישיבה, דאָס האָט נאָך ניט פּאַסירט.

אויף מאָרגען ווען דער אינספּעקטאָר איז געקומען אין דער ישיבה, האָט מען ווידער דערקענט אַז עס איז עפּעס ניט גלאַט. ער האָט אַריינגענומען אַלע דאָקומענטען מיט די ביכער אין „שטיבעל" אַריין, ד. ה. אין דעם צימער לעבען דער ישיבה, וואו די פרויען פלעגען דאַווענען, אויך אַמאָל האָט מען דאָרט פאַרהערט ישיבה־לייט ביים אָנקומען. און האָט קיינעם פון די ישיבה־מענשען, אויך ניט די באַאַמטע, צו זיך ניט

צוגעלאָזען. אָנשטאָט דעם האָט ער לאַנגזאַם מיט גרויס געדולד אריינ־גערופען צו זיך יעדען ישיבה־מאַן איינציגווייז, און האָט מיט יעדען געהאַט אַ געשפרעך. ער האָט אויך ניט געהאַט פאַר זיך קיין איבער־זעצער. מיט די ישיבה לייט וועלכע קענען ניט קיין רוסיש האָט ער גערעדט דייטש. עס איז זאָגאַר געווען אַ מיינונג אַז ער פאַרשטעהט אידיש, און עס איז ארויס אַ קלאַנג, אַז ער איז אַ משומד. און אַזוי איז ער אָנגעגאַנגען מיט דער ארבייט אַ לענגערע צייט, האָט מיט איינעם מעהר, מיט איינעם ווייניגער גערעדט. ער האָט אָבער ביי די שמועסען ארויסגעפאָרשט אַלעס וואָס האָט צו טאָן מיט דער ישיבה אויסערליך און אינערליך: וויפיעל שעה לערענט מען? ווארום לערענט מען ניט קיין רוסיש? איז בילדונג ערלויבט? ווער זאָגט די שעורים? וויפיל צאָהלט מען? א. ד. גל.

עס איז קלאָר געוואָרען אַז פון דער חקירה ודרישה וועט קיין גוטס ניט ארויסקומען. ווער ווייס וואָס מאַנכע ישיבה־לייט האָבען איהם דערצעהלט, ווער פון בייזען ווילען — און אַזעלכע זיינען דאָן ליידער אויך געווען — און ווער פון ניט־פאַרשטעהענדיג וואָס מען דאַרף און וואָס מען דאַרף ניט זאָגען. דער באזוך האָט זיך געענדיגט. די רע־זולטאַטען האָבען ניט לאַנג געלאָזען וואַרטען אויף זיך.

עס האָבען אָנגעהויבען קומען פאַרשריפטען נאָך פאַרשריפטען, גזרות קלענערע און גרעסערע. עס איז ניט אָוועקגעגאַנגען קיין וואָך וואָס עס איז ניט אָנגעקומען קיין נייער „פאַפיר" פון ווילנא, און יעדעס „פאַפיר" האָט געפאָדערט אַ תשובה, און ווי צו ענטפערען די תשובה איז געווען ניט גאַנץ קלאָר. עס קען זיין אַז די „גוים" וואָס האָבען געשריבען די „פאַפירען" האָבען גאָר ניט געהאַט אַזוי פיל כוונות ווי מען האָט דאָס אין וואָלאָזין אריינגעלייגט. מען איז דאָן נאָך ניט געווען צוגעוואוינט צו פאַרהאַנדלען מיט דער רעגירונג, אין רוסיש—אודאי ניט. דער אָפיציעלער קאַנצעליארסקער לשון בפרט איז ניט געווען זעהר לויפיג און באַקאַנט. געזעהן האָט מען אַז מען זוכט עלילות, מען וויל געפינען בלבולים, מען האָט אַ כוונה ניט דעם פרט אָדער יענעם פרט, נאָר מען וויל די גאַנצע ישיבה חרוב מאַכען. האָט מען דאריבער געזוכט באהאַלטענע מיינונגען און פאַרשטעקטע פשטים אין יעדען וואָרט און אין יעדער שורה, און ווען עס איז געקומען אַ „פאַפיר" און מען האָט געדאַרפט דארויף ענט־פערען, איז דאָס געוואָרען אַ פּראָבלעם.

איין זאַך איז קלאָר געוואָרען, אַז אָהן רוסיש צו לערנען אין דער ישיבה וועט מען ניט אויסקומען, און מען האָט באשלאָסען דאָס גוט־

# דער אָנהויב פון סוף

צוהייסען. אָבער ביז דער באשלוס איז געפאַלען, זיינען געווען אספּות און אספּות, מען איז געפאָהרען אין ווילנא, געפאָהרען אין מינסק, געפאָהרען אין פּעטערבורג, און די לאַגע איז געוואָרען שווערער פון טאָג צו טאָג.

די לאַגע איז געוואָרען שווערער ניט נאָר אויסערליך, נאָר אויך אינערליך. דען דער טאַטע ז״ל איז אינצווישען געוואָרען געפעהרליך שוואַך, די עלטער האָט זיך גענומען פיהלען, און גייסטיג איז איהם פאַרגעשוועבט נאָך אַן אידעאַל אויסער די ישיבה. ער האָט געשטרעבט מיט׳ן גאַנצען הארצען און מיט זיין גאַנצער ענערגיע ארויסצופאָהרען אין ארץ ישראל. ער האָט געצוואונגען זיין עלטסטען זוהן, מיין ברודער רבי ח י י ם ב ר ל י ן, איבערצונעמען די ישיבה אין זיינע הענד. דאָס האָט אָבער געבראַכט צו נייע קאָמפּליקאַציאָנען. דער ברודער, ניט קוקענדיג וואָס ער איז געבאָרען געווען אין וואָלאָזין און ערצויגען געווען אין דער ישיבה, איז אינערליך געווען ווייט פונ׳ם ישיבה׳שען לעבען. ער האָט צעהנדליגע יאָהרען, פון זיין חתונה אין שקלאָוו אין א רייכער פאַמיליע, נאָכהער זייענדיג א רב אין מאָסקווע, און שפּעטער זיצענדיג אין ביאַלע—א שטעדטעל לעבען ווארשא—וואו ער האָט געלעבט זעהר רייך, זיך אָפּגעוואוינט פון ישיבה׳שע דאגות מיט ישיבה׳שע שמחות. אלס רב איז ער געווען איינער פון די גרעסטע סיי מיט תורה, סיי מיט ריידען און שרייבען, און ווירקליך אלס מייסטער פון וואָרט, סיי מיט הנהגה, אָבער אלס ראש הישיבה איז ער ניט געווען פּאָפּולער. איבערהויפּט ווען די ישיבה־לייט האָבען געמיינט אז ער וועט פאַרנעמען דעם טאַטענס ז״ל אָרט, דאָס מיינט, זיין דער ערשטער ראש ישיבה, און רבי ח י י ם ס אָ ל אָ וו י י צ י ק, וועלכער איז געווען דאַן די נשמה פון דער ישיבה, וועט בלייבען דער צווייטער.

דאָס האָט געפיהרט צו אינערליכע רייבונגען און אָנגעשטרענגטע באַציהונגען צווישען די ראשי ישיבה מיט די ישיבה־לייט פון איין זייט און צווישען מאַנכע ראשי ישיבה צווישען זיך פון דער אנדער זייט. און דער הויפּט־פיהרער וועלכער זאָל זיין דער הערשער און זאָגען זיין שטאַרקען וואָרט — דער טאַטע ז״ל, איז געווען שוואַך אין געזונד און האָט זיך באַטראַכט אלס געוועזענער. ווען מען האָט פון איהם פאַרלאַנגט ער זאָל ווידער נעמען די שטאַרקע פיהרערשאַפט אין זיינע הענד, האָט ער געענטפערט: „פּשטתי את כתנתי איככה אלבשנה״...

## יז.

# אינווייניגסטע שוועריגקייטען

דער גרעסטער און דער שטארקסטער בנין ווען ער ווערט שוואך פון אינעווייניג און דאצו צושטערט מען איהם פון דרויסען, מוז ער איינפאלען. נאך מעהר, אינעווייניגסטע שוואכקייט רופט ארויס און פראוואצירט א דרויסענדיגע צושטערונגס קראפט, פיל מעהר ווי אן אויסערליכע מלחמה רופט ארויס אן אינעווניגסטע צוריסענקייט. דאס אונגליק פון דער וואלאזינער ישיבה, וואס דאדורך האט זי זיך געשלאסען, איז געווען קודם כל אין דעם וואס דורכ'ן טאטענס ז"ל רעזיגנאציאן און איבערגעבענדיג, אויב נים פאקטיש, אבער טעארעטיש, אויב ניט אין דער גרויסער עפענטליכקייט, אבער אין זיין באשלוס, די ממשלה צום עלטסטען זוהן, מיין ברודער רבי חיים ברלין, איז דער גאנצער כח פון פיהרערשאפט ווי מיט אמאל אפגעטאן געווארען און די ישיבה איז געבליבען ווי א שיף מיט פיל פיהרער, וואס עס מיינט, באמת א שיף אהן א פיהרער.

דער פראצעס פון „איבערגעבען" די ישיבה־פיהרערשאפט איז געווען ניט לאניש, צוליב פארשידענע סבות. אויסער דעם וואס דער, וועלכער האט געזאלט איבערנעמען די הנהגה איז ניט געווען אינערליך וויליג און פאסענד דאצו, איז אויך דער וועלכער האט געזאלט איבער־געבען די פיהרערשאפט איז ניט געווען ביי דעם גאנצען ווילען בכח דאס צו טאן. עס זיינען פאראן אמאל פיהרער וועלכע זיינען אזוי אידענטיש מיט דעם וואס זיי פיהרען, אז עס קען ניט העלפען ווען זיי ווילען רעזיג־נירען אדער אנדערע ווילען זיי דערוויטערען, בלייבען זיי אלץ די גע־קרוינטע אדער ניט־געקרוינטע פיהרער. דאס זיינען אזעלכע וועלכע ווערען גערופען פיהרער „בחסד אלקים", ווייל קיינער האט זיי ניט געמאכט, ניט שטימען האבען זיי אויסערוועהלט, נאר זייער פעהיגקייט און זייער איבערגעבענהייט, זייער צוגעבונדענקייט צו דעם וואס זיי פיהרען, וואס שטעהט ביי זיי העכער פאר אלץ אין דער וועלט, אהן יוצא מן הכלל — דאס האט זיי געשטעלט בראש און דאס קען קיינער ביי זיי ניט אוועק־נעמען אפילו זיי אליין אויך ניט.

די פיהרערשאפט פון טאטען ז"ל פון די וואלאזינער ישיבה געהערט געוויס צו דעם, און ווען ער האט ערקלערט מינדליך אדער שריפטליך,

## אינווייניגסטע שווערינקייטען

האלב אָפיציעל און גאנץ אָפיציעל, אז ער איז ניט מעהר דער ראש ישיבה און ער גיט דאָס איבער אַן אנדערען, האָט דאָס דאָך קיינעם ניט איבערצייגט אז עס איז אזוי, דער ראש ישיבה איז ע ר געבליבען און ניט קיין אנדערער, אפילו ווען דער אנדערער האָט געזאָלט זיין דער אייגענער זוהן, אזוי צו זאָגען דער נאַטירליכער יורש. דער פּועל יוצא פון דער רעזיגנאַציאָן איז נאָר געווען וואָס די גרויסע ענערגיע און דער אייזערנער ווילען פון טאַטען ז״ל איז אָפּגעטאָן געוואָרען און קיינער האָט דאָס ניט איבערגענומען...

דער טאַטע ז״ל האָט געוואָלט זיין צוריקטריט פון וואָלאָזין דורכפיהרען מיט אַלער שטאַרקייט ווי ער איז שטענדיג געוועהנט געוועזען אין זיין לאַנג־יעהריגע פיהרערשאַפט, דורכצוזעצען זיין ווילען און שטרעבען מיט אַלער רוהיגקייט אָבער מיט אַלער קראַפט. פאָרמעל איז דאָס דורכגעפיהרט געוואָרען פון דאָס קלענסטע, די רבנות אין וואָלאָזין, ביז דאָס גרעסטע, די אָפיציעלע אָנמעלדונג דער רעגירונג. עס האָט געהייסען אַז דער טאַטע ז״ל איז געווען רב אין וואָלאָזין, ווען ער האָט אפילו קיין שכירות ניט גענומען, איז גערופען געוואָרען אַן אספה פון די וואָלאָזינער חשוב׳ע בעלי בתים, און דער טאַטע ז״ל האָט זיי מודיע געווען אַז ער האָט באשלאָסען צו פאָהרען אין ארץ ישראל, דען דאָס איז געווען דער איינציגער מאָטיוו פאַר די גאַנצע „איבערקערעניש״, און דאריבער זאָגט ער זיך אָפּ פון רבנות און בעט אויפנעמען זיין זוהן אויף זיין אָרט. נאַטירליך האָט קיינער פון די וואָלאָזינער בעלי בתים ניט געהאַט דעם מוט צו זאָגען עפּעס דאַגעגען. מען איז געזעסען אומעטיג און טרויעריג, נאָר מען האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי מען איז צופרידען, מען האָט געזאָגט מזל טוב דעם נייעם רב, מען האָט געוואונשען דעם טאַטען מיט׳ן זוהן אריכת ימים, מ׳האָט געטרונקען „לחיים״ און מ׳איז מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ און וויינענדיגע אויגען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. ביי זיך אין הארצען האָט מען געוואוסט, פון וואָלאָזינער רבנות קען מען זיך אָפּזאָגען, אָבער פון דער ישיבה העלפט ניט דער אָפּזאָגען זיך אפילו ווען מען וויל. און אַפילו נאָכדעם ווי דער טאַטע ז״ל האָט מודיע געווען די רעגירונג אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין דער ערשטער ראש ישיבה און בעט אויפנעמען זיין זוהן אויף זיין אָרט, איז דאָס אויך נאָר געבליבען אויף פּאַפּיר.

נאָר אויב די רעזולטאַטען אין פּאָזיטיווען זין זיינען קיינמאָל ניט פארווירקליכט געוואָרען זיינען אָבער נעגאַטיווע ערשיינונגען געווען מעהרערע. צו אַלעם ערשטען די אינערליכע צוריסענקייט. דען אין דער

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

ווירקליכקייט איז דאָן ענטשטאַנען אַ דריי־עקיגער קאַמף: דער טאַטע ז״ל פון איין זייט, דער ברודער רבי חיים ברלין פון צווייטען זייט, און די ישיבה לייט פון דער דריטער זייט. און אַלע האָבען געקעמפט, אַזוי צו זאָגען, בשלילה. דער טאַטע ז״ל האָט ניט געוואָלט מעהר בלייבען אין וואָלאָזין, ער האָט געביינקט נאָך ארץ ישראל ווי אַ קינד נאָך אַ מוטער, און האָט נאַטירליכערווייזע געוואָלט זעהן דעם עלטסטען זוהן אַלס ממלא מקום. דער ברודער אָבער, רבי חיים ברלין, פון זיין זייט האָט נאָר געוואָלט מקיים זיין כבוד אב און אָננעמען דעם אמט, אינערליך איז ער געוועזן ווייט פון צו זיין באַגייסטערט דאַפון. און די ישיבה־לייט האָבען ווידער דירעקט אויסגעדריקט זייער אונצופרידענהייט מיט דעם פאָרשלאַג און האָבען געזוכט דאָס צו שטערען, ניט פאָרלייגענדיג עטוואָס אַנדערש, אויסער דעם וואָס זיי האָבען געזאָגט, עס זאָל אַלץ בלייבען ווי געוועזן. און דאָס האָט דער טאַטע ז״ל ניט געוואָלט צוגעבען.

די פאָר יאָהר, די לעצטע פון דער עקזיסטענץ פון דער וואָלאָזינער ישיבה, האָבען פילע דונקעלע בלעטער אין דער געשיכטע פון דעם וועלט־באַריהמטען תורה אַנשטאַלט, אָבער עס זיינען דאָן אויך געווען געוויסע ליכטיגע שטראַהלען וועלכע מען קען אַם בעסטען ערקענען מיט פיל יאָהרען שפּעטער. דער קאַמף געגען ברודער, רבי חיים ברלין, איז אַם מייסטענס געפיהרט געוואָרען דורך „מלחמה של תורה", דאָס הייסט, מען האָט געזוכט איהם אָפּצושוואַכען אינערליך און אויסערליך ווען ער האָט געזאָגט דעם שעור. דען דאָס האָט אויך דער טאַטע ז״ל איהם איבערטראָגען. ער האָט איהם געלאָזען זאָגען דעם שעור דריי מאָל אַ וואָך אַנשטאַט איהם. געוועהנליך האָט מען אין וואָלאָזין ביי די שעורים ניט אונטערבראָכען, מען האָט ניט געפרעגט אין מיטען שעור. ווען איינער האָט געהאַט עטוואָס צו באַמערקען בנוגע דעם שעור, איז ער געקומען צום ראש ישיבה פּריוואַט נאָכ׳ן שעור און האָט איהם פאָרגעבראַכט וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגען, וועלענדיג אָבער אין דעם פאַל שטעלען דעם שעור־זאָגער אין פאַרלעגענהייט, האָט מען לכתחילה געמאַכט אַ מין אָב־סטרוקציע און מען האָט כסדר אריינגערעדט און געפרעגט. נאָך מעהר, מען האָט דאָס געמאַכט פאַר אַ שיטה און די בעסטע ישיבה־לייט האָבען זיך פאָרבאַרייטעט צו יעדען שעור וואָס ער האָט געזאָגט און מען האָט פון פאַרשידענע זייטען, גאַנץ סטראַטעגיש, געפרעגט איינער נאָך דעם אַנדערען. עס איז קיין וואונדער ניט, אַז ווען די בעסטע קעפּ פון דער ישיבה האָבען געזוכט צו שווער מאַכען די לאַגע, איז דאָס זיי געלונגען. בפרט דאָס וואָלט וואַרשיינליך פּאַסירען מיט דעם גרעסטען ראש ישיבה.

## אינווייניגסטע שוועריגקייטען

נאָך ווען דער ברודער רבי חיים ברלין, מיט זיין גאַנצער גרויסקייט, איבער־הויפּט אין בקיאות, איז צעהנדליגער יאָהרען געוועזען ווייט פון דעם ישיבה'שען שטייגער אין לערנען און אין שעורים זאָגען, און די ישיבה בכלל האָט דאָך גראָד אין די לעצטע צעהנדליגע יאָהר זעהר פּראָגרעסירט ניט נאָר אין לערנען בכלל און תורה זאָגען, נאָר ספּעציעל אין טיפקייט אין שעורים, וואָס דאָס איז אַ גאַנץ באזונדער געביט, דורך דעם וואָס אויסער דעם טאַטען ז"ל איז געווען ראש ישיבה רבי חיים סאָלאָווייציק, דער טיפסטער מאַן און דער לאָגישסטער למדן פון זיין דור.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פון דער גאַנצער געשיכטע איז, אַז אום צו זיין פאַרבאַרייטעט צו פיהרען די מלחמה געגען דעם ברודער רבי חיים ברלין, האָבען דאָך די ישיבה־לייט נויטיג געהאַט פאַרשידענע ספרים, און די ספרים האָבען זיי אמבעסטען באַקומען טאַקע אין זיין ביבליאָטעק, אין דער ביבליאָטעק פון דעם „פיינד". דען דעם ברודער'ס ביבליאָטעק איז געווען איינע פון די באַריהמטהייטען מיט דער צאָהל און מיט דער וויכטיגקייט פון די ספרים. ספּעציעל אויף דעם תלמוד'ישען געביט. (אַ גרויסער חלק פון דער ביבליאָטעק איז נאָך איצט דאָ אין ירושלים). און די ביבליאָטעק אַז געווען זעהר גוט מסודר אזוי, אַז יעדער האָט געקענט באַלד געפינען דעם ספר וועלכען ער האָט געוואָלט. מען האָט נאָר נאַטירליך גערארפט האָבען רשות פון בעל־הבית צו באַ־נוצען די ספרים. דעם רשות האָבען אָבער די ישיבה־לייט שטענדיג געקראָגען, אפילו ווען עס איז געוועזען גוט באוואוסט צו וועלכען צוועק די און די ישיבה־לייט האָבען נויטיג גראָד די און די ספרים. אָבער ווי קען דאָס איינפאַלען ניט צו לאָזען באַנוצען אַ ספר צוליב פּאָליטישע טעמים?

דער נאָבעלער כאַראַקטער פונ'ם ברודער, רבי חיים ברלן, איז נאָך מעהר כאַראַקטעריסטיש דורך דעם פאָלגענדען פאַל. איינער פון די הויפּט־אָנפיהרער פון דעם קאַמף געגען איהם, אַן עלטערער בחור, ניט גראָד פון די בעסטע אין לערנען, האָט נויטיג געהאַט אָוועקצופאָהרען פון וואָלאָזין אין אַ פּלאַץ וואו עס האָט געוואַרט אויף איהם אַ שטעלע פון שחיטה. דער ישיבה־מאַן, זייענדיג זאָנסט אַ גאַנץ באַשיידענער מענש, איז אָבער אין אַזאַרט פון אָפּאָזיציאָן געגאַנגען אזוי ווייט, אַז ער האָט דעם ברודער טיף באַליידיגט. ווען דער זעלבער האָט גערארפט אָוועקפאָהרען, האָט ער ווי געוועהנליך געמוזט קומען נעמען אַ בריף מיט קבלה אויף שחיטה, זאָנסט וואָלט ער די שטעלע ניט געקראָגען. דער טאַטע ז"ל, זייענדיג אין דעם סטאַטוס פון רעזיגנאַציאָן, האָט אַלעם

אָפּגעשיקט צום ברודער. ווען דער באַטרעפענדער איז געקומען צום ברודער בעטען דעם בריף מיט קבלה, האָט ער געקראָגען אַ גאַנץ געוועהנליכען קבלת־פּנים, ניט ווי ער האָט ערוואַרטעט נאָך דעם צווישענפאַל. ערשט נאָכדעם ווי דער ברודער האָט גערעדט מיט איהם אין הלכות שחיטה און אַלץ וואָס געהערט דאַצו, האָט ער איהם אַ פראַג געטאָן „ווייסט איהר וואָס אַ שוחט דאַרף קענען?" דער ישיבה־מאַן האָט ווידער אויס־גערעכענט געוויסע דינים. דאַרויף זאָגט איהם דער ברודער: „ווייסט איהר אָבער, אַז אַ שוחט דאַרף אויך וויסען ווי צו זיין אַן עהרליכער איד, און צו עהרליכער אידישקייט געהערט אויך, אַז מען זאָל ניט זיין קיין „מביש פני חברו ברבים?" דער באַטרעפענדער האָט פאַרשטאַנען וואוהין עס צילט און האָט געענטפערט גאַנץ פּשוט און עהרליך, אַז עס פאַרדריסט איהם און ער האָט חרטה און בעט מחילה. דאַרויף זיינען מעהר קיין צוויי ווערטער ניט איבערגערעדט געוואָרען און ער האָט גע־קראָגען דעם בריף מיט דער „קבלה" ווי ער האָט געווינשט.

ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס אַלס „בעל־מדות" האָט זיך דער ברודער, רבי חיים ברלין, געקענט פאַרמעסטען מיט אַלע גרויסע אין זיין צייט, איז ער אָבער אַלס „ראש־ישיבה" ניט געווען דאָס וואָס עס איז געוועזען די טראַדיציע פון וואָלאָזינער ראשי ישיבה. באַזונדערס איז געווען שטאַרק דער קאָנטראַסט, נעמענדיג אין באַטראַכט די השקפות פון טאַטען ז"ל וועגען דער ישיבה.

די צעהנדליגע יאָהרען, וועלכע דער ברודער האָט געלעבט אַלס מאָסקווער רב און אַ געוויסע צייט נאָכדעם אַלס רייכער פּריוואַט־מאַן, האָבען אין איהם איינגעפלאַנצט אַנדערע נייגונגען ווי עס איז געווען אָנגענומען אין דער ישיבה. ער האָט געהאַט באַשטימטע צייטען צו עמפּפאַנגען ישיבה־לייט און ריידען מיט זיי אין לערנען. דאָס איז גע־וועזען אַ נייאיגקייט אין דער ישיבה. דאָרט האָט מען גע־וואוסט, אַז פאַר ריידען אין לערנען און בכלל פאַר צוטריט צום ראש־ישיבה איז אַלע מאָל צייט: טאָג און נאַכט. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז מען קען ניט צונעמען מעהר ישיבה־לייט ווי די הכנסה ערלויבט. דאָס איז ניט געווען נאָך די געפיהלען, וועלכע האָבען דאָרט געהערשט, דען צוערשט איז געוועזען שטענדיג דער געדאַנקען וואָס מעהר תורה צו פאַרשפּרייטען, און ערשט נאָכהער האָט מען גע־קלערט וועגען געלד. און ווען דער ברודער האָט נאַאיוו געשטעלט די פראַגע וויפיל וועט זיין געהאַלט אין דער ישיבה, ווי ער איז געוואוינט געוועזען זיין גאַנצען לעבען אַלס רב, צו וויסען אַ

## אינווייניגסטע שווערינקייטען

קלאָרען חשבון, האָט דער טאַטע ז"ל איהם מיט פּאַרדרום געענטפערט:
„דו מיינסט דאָס איז אַ ברוויז, וואָס דו פרעגסט וועגען געלד. אין אַ ישיבה איז מען אַ ראש ישיבה, וועגען געלד רעדט מען ניט, מען שטאַרבט ניט פון הונגער"...

און אין אַזאַ צייט וואָס די שטאַרקע האַנד איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען, דער מאַן פון דער אונבאַגרענצטער איבערגעבענהייט האָט זיך אין שאָטען געשטעלט, קיין נייער כח איז ניט געקומען, די טראַדיציע איז איבערגעריסען געוואָרען, דער אויטאָריטעט איז געפאַלען, די מיינונגען זיינען פאַרטיילט — אין אַזאַ צייט איז נאָך געקומען דער דרוק פון דרויסען, די רעגירונג האָט פאַרפאָלגט, געפאָדערט ערנייערונגען אין רעפאָרמען, צו אַלעם ערשטען לערנען ר ו ס י ש, און אויך די פינאַנציעלע לאַגע איז געוואָרען שווערער און שווערער. מען האָט מורא געהאַט, אַז די טעג פון דער ישיבה זיינען געצעהלט. מען האָט אָבער דעם קאַמף ניט אויפגעגעבען. מען איז געשטאַנען אויפ'ן שלאַכטפעלד ווי לאַנג מען האָט געקענט...

יז.

# וואָלקענדיגע טעג

דער צוואַנג פון דער רעגירונג און דער באַשלוס נאָכצוגעבען איינ־צופיהרען דאָס רוסיש לערנען אין דער ישיבה, איז געווען שווער דורכ־צופיהרען ניט אַזוי צוליב פּרינציפּיעלע טעמים ווי צוליב טעכנישע שוועריגקייטען. און וואָס אַנבאַטרעפט דעם פּרינציפּ איז דאָס אויך ניט געווען צוליב „פינסטערקייט" ווי עס שרייבען אָדער דענקען די יעניגע וועלכע פאַרשטעהען ניט די סיטואַציע און באַטראַכטען אַלעס אויסערליך. ביל־דונג בכלל און דאַרונטער אויך לערנען די רוסישע שפּראַך איז ניט געווען אין וואָלאָזין פאַרפאָלגט אָדער פאַרהאַסט. דער טאַטע ז"ל אַליין האָט געלעזען צייטונגען און געהאַט אינטערעסע פאַר העברעאישע ביכער, נאַטירליך, האָט ער זיך באַצויגען צו מאַנכע נעגאַטיוו, און האָט אויך געהייסען זיינע קינדער לערנען רוסיש. אויסער העברעאישע צייטונגען זיינען צו אונז אָנגעקומען רעגעלמעסיג אויך דייטשע צייטונגען, וועלכע מאַנכע פון די בני בית האָבען געלייענט, און אויך געוויסע ישיבה־לייט וועלכע האָבען געהאַט אינטערעסע האָבען זיי גענומען צום לעזען אָהנע אויסצובאַהאַלטען זיך אויף איין האָר. די אַלע איבריגע וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהענט צו דער פיהרערשאַפט פון דער ישיבה, מיט דער איינציגער אויסנאַהמע פון רבי חיים סאָלאָווייציק, וועלכער איז געווען אַ שאַרפער געגנער, זיינען אַלע געווען מיט דער מיינונג אַז לערנען רוסיש איז ניט נאָר מען מעג, נאָר עס איז אויך נויטיג אונטער די אומשטענדען.

אין יענער צייט איז רוסיש קענען אויך געווען אַן אַנגעלעגענהייט וועלכע האָט באַריהרט דירעקט כמעט אַלע ישיבה־לייט וועלכע האָבען געהאָפט צו ווערען רבנים. דען דאַן איז געווען אַ געזעץ אין פּוילען, דאָס הייסט, אין די צעהן רוסישע גובערניעס וועלכע האָבען געהייסען רוסיש־פּוילען, אַז קיין רב קען ניט אויפגענומען ווערען אויב ער האָט ניט אַ געוויסען עקזאַמען, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס „רבנ'ישע עקזאַ־מענס". דער עקזאַמען איז ניט געווען אַזוי פיל וויפיל עס האָט נויטיג געהאַט אַ קאַזיאָנער רב, אַ פּולען ארביטוריענטען־עקזאַמען, אָבער דאָך אום אויסצוהאַלטען דעם רבני'שען עקזאַמען האָט מען געמוזט קענען ריידען און שרייבען רוסיש אָהן פעהלערען, און דאָס האָט געמיינט צו

# וואָלקענדיגע טעג

באהערשען די שפּראַך מעהר אָדער ווייניג. און נאַטירליך, האָט יעדער ישיבה־מאַן, איבערהויפּט די „יונגע לייט" וועלכע זיינען געשטאַנען אויפ'ן שוועל ארויסצוגעהן אין דער גרויסער וועלט אלס רבנים, ניט געוואָלט אָפּשניידען די מעגליכקייט צו פאַרנעמען אַ רבנות־שטעלע אין אַ שטאָדט וועלכע געהערט צו די ״ערמאָנטע צעהן גובערניעס. טראָץ אַלעם דעם איז אָבער דער טאַטע ז"ל געשטאַנען פעסט אויף זיין מיינונג, וועלכער איז אבסאָלוט בארעכטיגט פון פּעדאַגאָגישען שטאַנדפּונקט, אַז א י ן דער ישיבה איז ניט קיין פּלאַץ צו לערנען רוסיש. מען האָט גוט אַנגעזעהן ווען איינער איז געקומען אין דער ישיבה און האָט געהאַט אַ געוויסע בילדונג פון פריהער, מען האָט אויך גוט פאַרשטאַנען דעם יעניגען וועל־כער האָט ארויסטרעטענדיג פון דער ישיבה זיך פאַרבארייטעט צו דעם עקזאַמען. אין דער ישיבה גופא האָט מען פאַרלאַנגט פולע אינטערעסע און אינטענסיוויטעט פאַר לערנען און ניט מעהר ווי לערנען.

דאָס פּראָבלעם פון „קענען רוסיש" פון איין זייט און דאָס זאָל ניט זיין קיין סתירה צום לערנען פון דער אנדער זייט איז געווען ניט נאָר אין דער וואָלאָזינער ישיבה. זי האָט באשעפטיגט פיל גדולים אין יענער צייט וועלכע אַן און פאַר זיך זיינען זיי ניט געווען דאַגעגען פון מעהר אָדער ווייניגער בילדונג ווען דאָס זאָל ניט שטערען צום טראַדיציאָנעלען גייסט און צו צענטראַליזירען די גייסטיגע כחות אין ש"ס און פוסקים. מאַנכע רבנים אפילו פון די גרויסע אין יענעם דור זיינען בדיעבד געווען צופרידען פון דעם „רבנישען עקזאַמען" וועלכער איז פאַרלאַנגט געוואָרען פון די וועלכע פאַרנעמען רבנות־שטעלען אין פּוילען, ווייל דאַדורך איז מען פּטור געוואָרען פון די קאַזיאָנע רבנים מיט אַלע איבלען וועלכע דער אינסטיטוט פון קאַזיאָנע רבנות און פילע פון אזעלכע „רבנים" האָבען געבראַכט דער אידישער וועלט. מען האָט געהאָפט אַז אויב דער „רבני־שער עקזאַמען" וועט זיך גוט איינגעבען, וועט מען דאָס איינפיהרען אין גאַנץ רוסלאַנד און דער אמת'ער רב וועט זיין אויך אַנערקענט ביי דער רעגירונג אָהן דעם „צרת הרב" פון דעם קאַזיאָנעם ביי דער זייט.

מאַנכע גדולים זיינען געקומען צו אַבסורדען דורך דער שווערער סיטואַציע. מען האָט דערצעהלט, צ. ב., אויף רבי י ה ו ש ע ק ו ט נ ע ר — איינער פון די גרעסטע גאונים אין יענער עפּאָכע — אַז ער האָט ניט געגעבען קיין „סמיכה" צו רבנים־קאַנדידאַטען אויב זיי האָבען איהם ניט געוויזען אַז זיי האָבען שוין דורכגעמאַכט דעם נויטיגען עקזאַמען. ער האָט געזאָגט: „וואָצו זאָל איך איהם געבען סמיכה איצט און נאָכהער וועט ער לערנען רוסיש און פאַרגעסען די תורה וואָס ער קען, זאָל ער

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

פריהער האָבען געלערנט רוסיש און געמאַכט דעם עקזאַמען און דאַן וועל איך זעהן אויב ער איז ראוי צו זיין א רב, אָדער ניט"...

און ווען עס איז געקומען דאַצו אַז עס איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען, מען האָט געמוזט מסכים זיין איינצופיהרען דאָס רוסיש לערנען אין דער ישיבה, האָט מען דאָס געטאָן מיט א זעהר שווערען הארצען און מען האָט געזוכט ווי ווייט מעגליך צו באַגרעניצען די צאָהל פון די וואָס דאַרפען לערנען רוסיש, און אויך די צייט פון דעם רוסישען אונטער־ריכט. מען האָט אויסגעווירקט ביי דער רעגירונג אַז ניט אַלע ישיבה־לייט וועלכע זיינען געווען אָפיציעלע צוויי הונדערט און פופציג אין צאָהל, נאָר איין פינפטעל פון זיי, ד. ה. נאָר פופציג, דאַרפען זיך באַשעפטיגען מיט די רוסישע למודים. די פופציג ווידער זיינען געווען אויסגעקליבען די גרעסערע און די עלטערע. צום אַלעם ערשטען די יונגע לייט, וועל־כע האַלטען שוין ביים אַרויסגעהן פון דער ישיבה און קלערען וועגען אָנ־נעמען רבנות. די צייט פון רוסיש לערנען איז געווען באַשטימט פאַר צוויי שעה א טאָג, די לעצטע שעה'ן פון דער געוועהנליכער צייט צום לערנען, דאָס האָט געהייסען פון האַלב נאָך זיבען ביז האַלב נאָך ניין אין אָבענד.

אָבער אויך דאָס אַלעס האָט זיך אָנגעשטויסען אויף שוועריגקייטען. צו אַלעם ערשטען איז געוואָרען א שאלה ווער זאָל זיין דער לעהרער? מען האָט געדאַרפט האָבען אַן אָנערקענטען לעהרער מיט א צענז, און אַזעלכע זיינען געוועזען אין וואָלאָזין דריי: צוויי אידען, וועלכע האָבען געענדיגט דעם אידישען לעהרער סעמינאַר אין ווילנאַ און זיינען געוועזען אין וואָלאָזין די לעהרער פון דער אידישער פאָלקס־שולע, און איין קריסט, דער לעהרער פון דער קריסטליכער שולע, וועלכע איז געוועזען האַלב פאָלקס שולע, האַלב רעליגיעזע שולע. וואָס אַנבאַטרעפט אינטעליגענץ און קענטניסע איז דער קריסטליכער לעהרער געשטאַנען פיל נידעריגער ווי די אידישע לעהרער. אָבער גראָד פאַר די אידישע לעהרער האָט מען מורא געהאַט, אַז זייער השפעה קען ביסלאַכווייז אַריינדרינגען צווישען די ישיבה־לייט, ניט נאָר די וועלכע וועלען ביי זיי לערנען, און די השפעה פון אַזעלכע מענשען, וועלכע זיינען תלמידים פונ'ם ווילנער לעהרער־סעמינאַר, מחללי שבת בפרהסיא, איז נאַטירליך ניט געווען גינסטיג און ווינשענסווערט אין דער ישיבה. פון דער אַנדער זייט אָבער איז גראָד געוועזען א מיינונג, אַז עס איז בעסער די אידישע לעהרער, ווי ניט פאַסענד זיי זיינען צום ישיבה־גייסט, האַלטען זיי נעהנטער אַלס דער־ווייטערען זיי... מען האָט געזוכט צו געפינען אַן אויסוועג פון דער דילעמאַ, ברייננענדיג א געוויסען לעהרער, אַן אָנערקענטער פאָלקס־לעהרער

פון מינסק, אַן אמת'ער פרומער איד. אָבער דער לעהרער איז לאַנג ניט געבליבען צוליב פאַרשידענע סבות, און מען האָט געמוזט אויסקלייבען איינעם פון די שטעדטישע לעהרער, אַ אידען אָדער אַ גוי. דאָס פּראָבלעם איז געווען ניט לייכט צו לייזען, דען צוויי שטאַרקע מיינונגס־פאַרטרעטער זיינען געווען פוןביידע זייטען. פון איין זייט רבי חיים סאָלאָוויי־ציק, וועלכער איז געווען געגען די אידישע לעהרער און האָט זיך גע־שטיצט אויף „כל שכן דפקר טפי". און פון דער אַנדער זייט מיין זיידע, דער נאוואַרידאָקער רב, וועלכע האָט אין יענער שווערער צייט פיל אינטערעסע גענומען, קומענדיג אָפט אין וואָלאָזין, אין אינערליכע ישיבה'שע אַנגעלעגענהייטען, און ער איז געוועזען ביי דער פעסטער מיינונג, אַז עס איז נויטיג אָנצושטעלען אַ אידישען לעהרער, און האָט זיך ווידער גע־שטיצט אויף „אף על פי שחטא"...

רבי חיים'ס מיינונג האָט אָבער געזיגט און דער אָפיציעלער לעהרער פון דער ישיבה איז געוואָרען דער גוי. ווי אַלע קריסטליכע לעהרער אין די קליינע שטעדטלאַך, וועלכע האָבען צו טאָן נאָר מיט פּויערשע קינדער, דען די אידען האָבען אַזעלכע שולעס ניט באַזוכט, איז אויך דער לעהרער געווען זעהר אַ באַגרענצטער מענש, זיין בילדונג איז געווען זעהר קליין און זיין פּעדאַגאָגישע קענטניס נאָך ווייניגער. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז אַ ישיבה'מאַן מיט אַ זעהר אינטעלעקטועלען מח, אפילו ווען ער הויבט אָן רוסיש לערנען פון אָנהויב, קען ניט אונטערריכטעט ווערען ווי, להבדיל, אַ קליין פּויער'ל... דאָסזעלבע ווען עס איז געקומען צו לערנען מאַטעמאַטיק, וואָס עס איז אויך געוועזען אין פּראָגראַם, האָט דער לעהרער מיט זיין „ערפאַהרונג" „פאַרשטאַנען", אַז מיט „אָנפאַנגער" דאַרף מען אָנהויבען צו לערנען „חבור" און „חסור". ער האָט געמיינט, אַז ער האָט פאַר זיך זיינע „תלמידים" פון דער „פּריכאָדסקאָיע אוטשי־לישטשע" — רעליגיאָנס שולע. דאַצו נאָך האָט דער לעהרער, וועלכער האָט געוווינט ביז דאַן מיט אידען גאָר ניט צו טאָן געהאַט, ניט געקענט קיין וואָרט אידיש, און די ישיבה־לייט האָבען דאָך ניט פאַרשטאַנען קיין רוסיש, האָט ער געמוזט לערנען דורך „פאַקטען", אַזוי אַז ער האָט געבילט ווי אַ הונד, געשפּרונגען ווי אַ ציג, געקרעהט ווי אַ האָהן א. ד. גל. דער פּועל־יוצא פון אַזאַ „לערנען" איז געוועזען, אַז קיין ישיבה־מאַן האָט ניט געוואָלט מבטל זיין צייט פאַר אַזעלכע „למודים" און דער גאַנצער ענין איז געוואָרען אַ מין חוכא וטלולא...

אויסערליך האָט דאָס געהייסען מען לערענט רוסיש אין דער ישיבה, עס איז געווען אַ גרויסער צימער אין דעמזעלבען בנין, אונטען, אויס־

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

געשטאַטעט אלס א שולע, שווארצע „סקאַמעיקעס״—שול־בענק—מיט א באַזונדער פּלאַץ פאַר׳ן לעהרער. אויפ׳ן וואַנד איז געהאַנגען דעם קיסר׳ס בילד, אלעקסאַנדער דער דריטער מיט זיין גרויסע גלע באָרד, און ווען אַן אינספּעקטאָר איז געקומען זיינען אויף אַלע בענק געזעסען געהאָרכ־זאַמע תלמידים און דער לעהרער איז געווען אויסגעפּוצט מיט זיין גע־שניטענעם פראַק און „גאָלדענע״ קנעפּ און געלערענט רוסיש... אין דער אמת׳ן אָבער האָט דאָס אַלעס קיין ווערט ניט געהאַט און עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דער לעהרער פלעגט קומען צו דער באַשטימטער צייט און קיינעם ניט געפינען אין „קלאַס״. דער לעהרער האָט קיין אַנ־דער ברירה ניט געהאַט ווי צושליסען דעם צימער און אַרויפקומען צו אונז אַנגוואַרימען זיך מיט א גלעזעל טעע, און דרך־אגב, אויסגיסען זיין ביטער הארץ, אַז מען וויל ניט לערנען...

דאָס איז אַזוי ווייט געגאַנגען ביז מען האָט געמוזט אָננעמען מיט־לען, עס זאָל דער קאָמישער צושטאַנד ניט באַוואוסט ווערען צו דער רעגירונג. מען האָט אויך, מיט גרונד אָדער אָהן גרונד, מורא געהאַט, אַז די אידישע לעהרער, וועלכע זיינען דאָך געווען ניט ווייניג בייז, וועלען געבען צו וויסען „וואו מען דאַרף״ איבער די אָרדנונגען פון רוסיש לערנען אין דער ישיבה, וואָס די רעגירונג האָט אַזוי אייפעריג איינגע־פיהרט. דער שטאַרקסטער מיטעל איז געווען, ווען דער טאַטע ז״ל פלעגט אַליין אַריינגעהן אין דער ישיבה, צוגעהן צום טיש וואו עס לערנען די יעניגע וועלכע זיינען פאַרשריבען „אין קלאַס״ און בעטען זיי: „איך בעט אייך, קינדערלאַך, זייט מבטל פון תורה און געהט אַרונטער אין קלאַס, דער לעהרער וואַרט שוין א האַלבע שעה און קיינער איז ניטאָ. דאָס טוט פאַר די ישיבה וועגען, תלמוד תורה דרבים״... און די ישיבה־לייט, ווילענדיג, ניט־ווילענדיג, האָבען געמוזט צומאַכען די גמרות אָדער „יורה דעה׳ס״ — וואָס אַממייסטען „יונגע לייט״ האָבען געלערנט — און אַרונטערגעהן. די אינערליכע יסורים סיי פון דעם גרויסען רבי׳ן, וועל־כער האָט געמוזט בעטען די בקשה און אויך פון די ערוואַקסענע תלמידים, וועלכע האָבען געמוזט צוליב־טאָן, קען זיך יעדער דענקענדער מענש פאַרשטעלען.

אויב די רעגירונג האָט געוואוסט גענוי וואָס עס געהט פאָר אין דער ישיבה אָדער ניט, איהר שטאַרקע האַנד האָט מען געפיהלט אַלץ מעהר און מעהר. עס איז דאַן פאָרגעקומען א זאַך, וועלכע האָט איי־גענטליך ניט געהאַט צו טאָן דירעקט מיט די געוועהנליכע ישיבה אַנגע־

לעגענהייטען, און דאָך האָט דאָס געהאָלפען צו פאַרגרעסערען די פּאַניק און אונטערדריקען די שטימונג.

אין אַ געוויסען אבענד איז געקומען די פּאָליציי און אַרעסטירט אַ ישיבה־מאַן, און, ווי געוועהנליך, געמאַכט ביי איהם אַ שטאַרקע אונטערזוכונג און געפונען אַ שרעקליכען פאַרברעכען . . . אַ קאָפּיר־מאַשין אין פּרימיטיוועסטען זין, דאָס וואָס מען רופט היינט אַ מימיאָגראַף, וועלכער האָט באוויזען, אַז דער ישיבה־מאַן האָט זיך באַשעפטיגט מיט פאַנאַנדערשיקען בריף. אַזאַ „מאַשין" איז געוועזען דאַן אַ סימן פון רעוואָלוציע. און דער ישיבה־מאַן איז געזעסען אַרעסטירט און אָפּגעשיקט קיין א ש מ י נ ע—די שטאָדט צו וועלכע וואָלאָזין האָט געהערט אַדמיניסטראַטיוו און פּאָליציייליך — אַלס „מורד במלכות". דער אַרעסט, די געפאַהר פאַר דעם ישיבה־מאַן — איינער פון די פיינסטע און פרימסטע בחורים, היינט איז ער און זיינע קינדער קאָלאָניסטען אין ארץ ישראל — און וועלכע קאָנסעקווענצען דער גאַנצער ענין קען ברייגנען פאַר די ישיבה, האָט ערשראָקען אַלעמען און אין דער ישיבה און אַרום דער ישיבה איז געווען אַ שרעקליכע צוטומלעניש. געוואוסט האָבען אָבער אַלע, אַז די גאַנצע „מרידה במלכות" מיט דער „מאַשין" איז באמת ניט מעהר ווי אַן אנגעלעגענהייט פון ישיבה־לייט, וועלכע האָבען געהאַט אַ חברה וועגען „חבת ציון" און דער אַרעסטירטער בחור איז דאָס געווען דער סעקרעטער.

די חברה האָט געהייסען „נ ס צ י ו נ ה", און בקיצור האָט מען זי גערופען „נץ" און חברים „נאַצניקעס". צו דער חברה האָבען דאַן געהערט די בעסטע און די חשוב'סטע ישיבה־לייט, פיעל פון זיי זיינען שפּעטער געוואָרען באַריהמטע רבנים, עסקנים און אָנגעזעהענע מזרחי־פיהרער. מאַנכע פון די דאַמאָלדיגע „נאַצניקעס" זיינען היינט אפילו אויסגעשפּראָכענע אַנטי־ציוניסטען און טיילווייז פיהרער פון „אגודת ישראל". אין יענער צייט האָט די חברה „נס ציונה" פון וואָלאָזין געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף געוויסע קרייזען אין יודענטום, איבערהויפּט צווישען לומדים, ווייל די בריף, וועלכע זיינען אין דעם נאָמען פון דער חברה פאַרשיקט געוואָרען האָבען ענטהאַלטען פיל מאַטעריאַל פיר דעם געדאַנקען פון ישוב ארץ ישראל און אָפּוועגדונגען פון די טענות פון די געגנער. און דאָס מאַטעריאַל איז געוועזען מיט לומדות און מיט ידיעות און מיט יראת שמים. די פיהרער פון דער חברה זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט פאַרשידענע פאַקטאָרען אין דעם אידישען לעבען, גרויסע גאונים, געוויסע שרייבער, צייטונגס מענשען און באַזונדערס עסקנים בנוגע ארץ ישראל. אָבער ניט נאָר אין גייסטיגען זין איז געווען די

השפעה פון דער חברה „נס ציונה", נאָר אויך טיילווייז פּראַקטיש האָט זי סטימולירט צו אַרבייט אין ארץ ישראל. איינער פון איהרע חשוב'ע חברים, פון די בעסטע בחורים אין יענער צייט, היינט אַ באַקאַנטער גרויסער ראש ישיבה, איז דאַן באַלד נאָך זיין חתונה געפאָהרען אין ארץ ישראל אין דעם נאָמען פון אַ גרופּע אידען און געקויפט לאַנד אום צו גרינדען אַ קאָלאָניע.

ווי אַלע חברות אין יענער צייט, די צייט ווען דער צארישער רעזשים איז געווען שטאַרק און שטרענג, איז אויך די חברה געווען אַ געשלאָ־סענע, ד. ה. מען האָט ניט צוגענומען קיין חבר בעפאָר מען האָט איהם דורך פאַרשידענע שמועסען אונטערזוכט אויב ער איז ווירדיג גענוג צו זיין אַ מיטגליד אין דער געזעלשאַפט, און ווען מען האָט דאָס אויסגע־פונען אין פּאָזיטיווען זינען, האָט מען איהם פאַרטרויט די „סודות" און ער האָט געשוואָרען טריההייט צו דער חברה און איהרע אידעאַלען. ווען מען האָט דעם סעקרעטער פון דער חברה אַרעסטירט און די שרעק איז געוואָרען זעהר גרויס, האָבען די ראשי ישיבה מורא געהאַט טאָמער איז באמת דאָ אין דעם פּראָגראַם פון דער חברה עטוואָס פאַרבאָטענעס, וואָס האָט צו טאָן מיט „מרידה", האָט מען געזוכט צו געפינען אַ היתר צו דער שבועה, כדי די חברים זאָלען מעגען איבערגעבען די ראשי ישיבה דעם אינהאַלט און די טעטיגקייט פון „נס ציונה" ווי עס איז.

עס שיינט, אַז די וועלכע האָבען אַרעסטירט דעם באַטרעפענדען ישיבה־מאַן, האָבען זיך באַלד איבערצייגט, אַז ער איז ווייט פון זיין אַ רעוואָלוציאָנער, און מען האָט איהם אין אַ גאַנץ קורצער צייט באַפרייט. עס איז גראַד אויסגעקומען פרייטאָג פאַר נאַכט, ווען דער „אַרעסטאַנט" איז געקומען צוריק אַלס פרייער מענש, און דעם פרייטאָג אַבענד האָט ער ביי אונז געגעסען. זיין אויסזעהן איז געווען שרעקליך, דען ווי קען זיך אַ וואָלאָזינער ישיבה־מאַן צוגעוואוינען צום רוסישען אַרעסטאַנטען־רעזשים אפילו פאַר אַ קורצער צייט? דער ישיבה־מאַן איז מעהר אין וואָלאָזין ניט געבליבען, ער איז אַוועקגעפאָהרען אהיים, אָבער ווי געזאָגט, איז ער טריי געבליבען זיין אידעאַל ביז היינט, ניט נאָר אין געדאַנקען, נאָר אויך אין פּראַקטיק.

יח.

# ארץ ישראל און וואָלאָזין

אין יענער צייט, אין די אַכציגער יאָהרען, ווי עס ווערט געוועהנליך געצעהלט, איז דער גערדאַנקען פון ישוב ארץ ישראל געווען זעהר שטאַרק אין דער גאַנצער אידישער וועלט און האָט אויך געהאַט זיינע שטאַרקע אָנהענגער אין וואָלאָזין. ניט רעדענדיג פון דעם טאַטען ז״ל, וועלכער איז געווען מיט זיין גאַנצער גרויסער נשמה איבערגעגעבען צו דעם גערדאַנקען פון „חבת ציון״, פון דעם תורה ומצוה שטאַנדפונקט, און אויך זעהענדיג די ווייטסטע קאָנזעקווענצען פון דעם גערדאַנקען, ווי עס איז קלאָר צו זעהן פון זיינע בריף און מאמרים, געדרוקט אין „שיבת ציון״, און וועלכע ער פאַרגלייכט טיילוויז, די עפּאָכע פון דער נייער באַוועגונג צו דער תקופה פון עזרא ונחמיה. אויך ניט רעדענדיג פון די ישיבה־לייט, וועלכע זיינען דאָך געווען אין דער ווירקליכקייט די בעסטע אינטעלעקטועלע כחות פון דער אידיש טראַדיציאָנעלער יוגענד, און נאַטירליך האָט אַזאַ גרויסע טיף־אידישע באַוועגונג געמוזט אין זייער הארצען און געפיהלען שלאָגען טיפע וואָרצלען — נאָר אויך אין דער שטעדטעל אליין, ביי די בעלי בתים פון וואָלאָזין איז געוואָרען דער גע־דאַנקען פון „ישוב ארץ ישראל״, ווי עס האָט דאַן געהייסען, אַן אַנגע־לעגענהייט פון טאָג־טעגליכע אַרבייט. עס איז געגרינדעט געוואָרען אין וואָלאָזין אַ חברה צו דעם צוועק מיט אַ „פּנקס״, ווי דער מנהג איז געווען. דער פּנקס און די חברה זיינען, ניט ווי אַנדערע חברות און פּנקסים פון דיזער אַרט, געבליבען היסטאָריש, ווייל אויף דעם ערשטען זייט פון דעם בוך האָט דער טאַטע ז״ל געשריבען זיינע ווערטער וועגען דעם גאַנצען גערדאַנקען, און די ווערטער זייענדיג נאָכהער אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט האָבען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג.

דער „חבת ציון״ גערדאַנקען איז נאָך דאַן געווען זעהר פּרימיטיוו און די קליינשטעדטעלדיגע אידען, אַפילו אויך מאַנכע גרויס־שטעדטישע, האָבען געמיינט, אַז מען דאַרף זיך „אָנשטרענגען״ און שאַפען ע ט ל י־כ ע צ ע ה נ ד ל י ג רובעל, דאַן קען מען האָבען אַ נחלה אין ארץ ישראל און זיצען יעדערער תחת גפנו ותחת תאנתו... דאַן איז געווען די צייט פון די פאַרשיידענע „אגודות״ פאַר לאַנד־קויף מיט אַלערליי פּלענער און אויסרעכענונגען וועלכע האָבען „באַוויזען״ אַז מיט אויס־

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

צאָהלונגען פון אייניגע רובעל אַ יאָהר אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר, קען מען באַזעצען הונדערטע און טויזענדע פאַמיליעס. איינע פון די „אגודות" איז געווען דאָן „אגודת האלף", פון וועלכע די הויפט־טוער זיינען געזעסען אין מינסק און זיי האָבען געשיקט די שלוחים נאָך ארץ ישראל און זיי האָבען אויסגעאַרבייט די פּלענער און זיי האָבען געקויפט דאָס לאַנד — היינט דער פאַרלאָזענער ווינקעל „עין זיתים" לעבען צפת — און זיי האָבען צוגעזאָגט איינצואָרדנען טויזענד פאַמיליען דורך געוויסע יעהרליכע אָפּצאָהלונגען. די מינסקער „אגודת האלף" האָט געהאַט איהרע חברים אויך אין וואָלאָזין. עס שטעהט מיר פאַר די אויגען ווי איינער אַ מלמד, אַ שעהנער יונגער מאַן מיט אַ געלע בערדעל, איז געלאָפען אין גאַס פאַר'משכונ'ען זיין סאַמאָוואַר אום פאַר די געלד מאַכען אַ צאָהלונג אין די „אגודת האלף". דער רוף איז געווען: „מען פאָהרט אין ארץ ישראל"...

היינט קלינגט דאָס אַלץ אַזוי קינדיש און נאַאיוו, ווען ניט אָבער יענע „קינדער" און נאַאיווע מענשען וואָלטען מיר היינט ניט געהאַלטען וואו מיר זיינען אפילו נאָך אַלע שוועריגקייטען!...

ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס די ישיבה'שע אינטערעסען זיינען געווען אין יענע צייטען זעהר פאַרוויקעלט און דער טאַטע ז"ל איז געווען אין גאַנצען פאַרטאָן אין דער ישיבה, האָט מען דאָך זעהר פיל גערעדט וועגען ארץ ישראל ענינים ביי אונז אין הויז און עס האָט זיך געפיהלט די ארץ ישראל'דיגע אַטמאָספערע אויף יעדען שריט. ווען די פּאָסט איז אָנגעקומען איז שטענדיג געווען צווישען די צעהנדליגע בריף פילע וועלכע האָבען געהאַט אַ שייכות מיט ארץ ישראל און חבת ציון. עס פלעגען אָנקומען בריף פון אדעס, פון דעם דאָרטיגען „ועד", פון וועלכען דער טאַטע ז"ל איז געווען פון די „גבאים", עס זיינען ערהאַלטען געוואָרען בריף פון פאַרשידענע עסקנים, צווישען זיי פון רבי שמואל מאָהילעווער, רבי מרדכי בויסקער, צדוק הכהן און ערלאַנגער פון פּאַריז, א. ד. גל. אויך פון ארץ ישראל אַליין איז געווען אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ אי פון די רבנים, פון די אַנערקענטע עסקנים, און אויך פון פּריוואַטע מענשען. עס האָט דאָן געלעבט אין ירושלים דעם טאַטענ'ס ז"ל שוועסטער'ס אַ זוהן, אַ באַקאַנטער עסקן אין דעם אַזוי גערופענעם „ישוב הישן", רבי זיסעל שחור, האָט ער אויך געשריבען און געענטפערט אויף פאַרשידענע אָנפראַגען וואָס דער טאַטע ז"ל האָט איהם געפרעגט. עס האָט אויך ניט געפעהלט קיין בריף וועלכע זיינען אָנגעקומען פון געגנער צום

# ארץ ישראל און וואָלאָזין

ארץ ישראל געדאַנקען. און ווי דער שטייגער איז, האָט דער טאַטע ז״ל אַלעמען געענטפערט, וועמען קירצער און וועמען לענגער. אויך די בריף, אין פילע הונדערטער, אפשר נאָך מעהר, זיינען לײדער, אַזוי ווי די „תשובות״ ניט געהיט געוואָרען און ניט געזאַמעלט געוואָרען. די איינציגע בריף וועלכע זיינען פאַרעפענטליכט, זיינען נאָר איינצעלנע, וועלכע מען האָט אויסגעקליבען מיט געוויסע טענדענציעזע אַבזיכטען. געוויינליך האָט דער טאַטע ז״ל רעאַגירט גאַנץ שאַרף אויף דעם וואָס עס איז גע־קומען צו זיינע אויערען וועגען פריִע האַנדלונגען אין געוויסע קאָלאָניעס, און אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגען נויטיגע שריט אויסצובעסערען די לאַגע, אויב דורך דיזעלבע קאָלאָניסטען אָדער דורך אַנדערע, אָבער די איבערגעבענהייט צו דעם ישוב ארץ ישראל געדאַנקען און זיינע פּראַק־טישע מעשים איז קיינמאָל ביי איהם ניט קלענער געוואָרען אויף איין ווײלע. אומגעקערט, ער האָט ניט געוואָלט לײדען ווען מען האָט דער־צעהלט ניט גוטעס וועגען ארץ ישראל, אַפילו ווען ער האָט ניט חושד געווען אין אַ בייזער כוונה.

ווען עס איז געקומען צו פאָהרען אַמאָל אַ איד פון ארץ ישראל, האָט מען איהם ביי אונז אין הויז אַרומגערינגעלט און שעה׳ן לאַנג אָפּ־געהאַלטען, אויספרעגענדיג איבער אַלע קליינינקייטען אָדער גרויסע זאַכען. מיט׳ן טאַטען ז״ל פלעגט אַזאַ אורח געוועהנליך אַריינגעהן אין אַ באַ־זונדער חדר און שמועסען אונגעשטערט. אַזאַ אורח איז געקומען אַמאָל, אַ משולח פון דער ישיבה, האָט מען איהם גערופען **יחיאל מיכל דער ירושלמי**. ער איז געווען אַ שעהנער, געלאַסענער איד, און האָבענדיג אַ שייכות מיט ארץ ישראל, ווײל ער איז דאָרט געווען אַ פּאָר מאָל, איז ער געווען באַזונדערס חשוב. קומענדיג דאַן פון ארץ ישראל, איז ער, ווי דער שטייגער איז, נאָכ׳ן געוועהנליכען „שלום עליכם״, אַריינ־געגאַנגען אין טאַטענ׳ס ז״ל צימער אום איבערצוגעבען די לעצטע נייעס וואָס ער האָט געזעהן און געהערט אין ארץ ישראל. נאָך אַ רעכטע ווײלע הערט מען ווי דער טאַטע ז״ל זייענדיג זעהר אויפגערעגט, — וואָס עס איז געווען ביי איהם אַ זעלטענהייט — שרייט צו דעם משולח:

— „מרגל, אַרויס פון דאַנען!״

דער משולח, שטעהענדיג נעבען טיר אַ בלייכער, אַ צושראָקענער, קוים וואָס ער רעדט, פרעגט:

— „רבי, גלויבט איהר מיר ניט? בין איך חשוד פאַר אַ ליגנער?״

און דער טאַטע ז״ל ענטפערט איהם:

— „ניין. די מרגלים האָבען אויך קיין ליגענס ניט געזאָגט, נאָר

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אויף ארץ ישראל טאָר מען ניט רעדען קיין שלעכטס אפילו ווען עס איז אַן אמת. ווען מען רעדט בייז אויף ארץ ישראל איז מען א מרגל".

דער איד האָט זיך ענטשולדיגט און צוגעזאָגט מעהר ניט רעדען קיין שלעכטס, און איז שטילערהייט ארויסגעגאַנגען.

ווען איינער א ישיבה־מאַן — היינט איינער פון די גרעסטע גאונים און וואָרט־פיהרער אין דעם אידישען לעבען און ציוניסטיש־מזרחישע טעטיגקייט — וועלכער איז זעהר באליבט געווען ביים טאטען ז"ל, האָט געענטפערט אויף דער פראגע: „ווי פיהלסטו דיך אין דער ישיבה?" מיט דער תשובה:

— „איך פיהל מיך ווי איך וואָלט געווען אין ארץ ישראל", — איז די תשובה געווען ביי דעם טאטען ז"ל זעהר חשוב.

און ניט נאָר אין גייסט, נאָר אויך אין דער טאַט איז דער טאטע ז"ל געווען אקטיוו בנוגע צו ארץ ישראל. ער איז געווען א חבר אין דער דערמאָנטער „אגודת האלף". ער האָט זיך אזוי פיל אינטערעסירט מיט דעם אדעסער קאָמיטעט, אז ווען עס איז געקומען ערב יום כפור און מען האָט צו מנחה אויסגעשטעלט פארשידענע „קערות" אין דער ישיבה, האָט ער מיר געהייסען איך זאָל שטעהן ביי דער „קערה" פון „ישוב ארץ ישראל", און ער אליין איז מעהרערע מאָל צוגעקומען צו דער „קערה" וואו איך בין געשטאַנען. נאַטירליך האָט מען דאָס באמערקט, און די „קערה" האָט געמאַכט א סומע פון איבער ניין רובעל. דאָס איז געווען, ווי עס שיינט, א גרויסע סומע אין יענע צייטען, דען אָפּשיקענדיג דאָס געלד האָב איך געקראָגען א דאַנק־בריף מיט אַן עקסטרא באַשטעטיגונג מיט דער אונטערשריפט פון דעם דאַמאַלדיגען פּאָרזיצענדען א ב ר ה ם ג ר י נ ב ע ר ג.

אויך ווען ד״ר. פּ י נ ס ק ע ר האָט געלעבט, וועמען דער טאטע ז"ל האָט נאָר געקענט דורך בריף און ל י ל י ע נ ב ל ו ם וועלכער איז געווים ניט געווען באליבט ביים טאטען ז"ל, איז געווען דער פאַקטישער פיהרער פון דעם אדעסער קאָמיטעט, האָט דער טאטע ז"ל געצייגט פיעל אינטערעס אין דעם קאָמיטעט'ס טהעטיגקייט. ווען עס איז אָנגעקומען צו אונז די טעלע־גראמע אז פינסקער איז געשטאָרבען, האָט דער טאטע ז"ל זעהר באַדויערט. איך געדענק נאָך אַן עפּיזאָד דאַביי. אין דער טעלעגראמע איז געשטאַנען אין רוסיש: „פינסקער סקאנצשאַלסיא", ד. ה. פינסקער האָט זיך גע־ענדיגט (דער רוסישער אויסדרוק פאַר געשטאָרבען), האָט דער טאטע ז"ל זיך אויסגעדריקט: „עס איז ניט קיין אידישער באַגריף. ווען מען שטאַרבט, ענדיגט זיך ניט, נאָר עס הויבט זיך אָן".

# ארץ ישראל און וואָלאָזין

אין יענע יאָהרען איז געוועזן דער ערשטער שמיטה־יאָהר זייט דער נייער ישוב האָט זיך אָנגעהויבען. דאָס איז געוועזן דער יאָהר תרמ״ט. דער טאַטע ז״ל האָט געהאַלטען אַז על פי דין טאָר מען ניט אַרבייטען אַפילו דורך די היתרים, וועלכע אַנדערע רבנים האָבען דאָן מתיר געווען. נאָך מעהר, ווי ס׳איז צו זעהן אין זיינע תשובות וועגען דעם ענין אין „משיב דבר״ איז געוועזן זיין מיינונג, אַז מען דאַרף ניט זוכען קיין היתרים פאַר דעם שמיטה יאָהר, וועלכער איז געגליכען צו שבת, ווייל אין דעם רוהען ליגט קדושה און עס איז ניט נאָר אַ פראַגע פון דעם אויב מען מעג אָדער מען טאָר ניט, נאָר מען נעהמט אַוועק די היילינקייט פון דעם לאַנד אין דעם יאָהר אויב די מצוות און די דינים פון שמיטה ווערען ניט געהאַלטען. די ויכוחים איבער דער פראַגע האָבען אָנגעהאַלטען חדשים לאַנג און זיי זיינען געוועזן ניט נאָר פון פריוואַטען כאַראַקטער, ווי עס פיהרט זיך געוועהנליך ווען עס ענטשטעהען שאלות אין אַ דין, נאָר עס האָט געטראָגען אַן עפענטליכען כאַראַקטער. יעדע צייטונג האָט געבראַכט ידיעות און מאמרים און מיינונגען און די אַנגעלעגענהייט האָט באַשעפטיגט דעם דעת הקהל, גאַנץ באַזונדערס אין וואָלאָזין וואו די ליעבע צו ארץ ישראל און אין דערזעלבער צייט די אהבת התורה ושמירת המצוות זיינען געשטאַנען אין מיטעל־פונקט פון די געדאַנקען. דער טאַטע ז״ל האָט איבערגעלעבט דאָן שווערע צייטען ניט נאָר ווייל איהם איז אויסגעקומען צו שטעהן אין קאַמף מיט אַ גרויסען טייל פון די גרעסטע רבנים, דאַרונטער אויך: רבי יצחק אלחנן, רבי שמואל מאָהילעווער, רבי יהושע קוטנער, רבי מרדכי בריםקער און אַנדערע, נאָר דער גאַנצער ענין איז געוועזן אין זיינע אויגען, ווי געזאָגט, אַ מין חלול הקודש. און ווייל ער איז געוועזן איינער פון די גרעסטע בעלי השפעה פאַר די באַוועגונג פון ישוב ארץ ישראל, און ווייל די אויפלעבונג פון דעם לאַנד איז געוועזן אַ חלק פון זיין גרויסער נשמה, דאַפיר האָט דאָס איהם נאָך מעהר וועה געטאָן.

אָבער אויך דאָן ווען דער גרעסטער טייל פון די קאָלאָניסטען האָבען אָנגענומען די היתרים וועלכע גרויסע רבנים האָבען זיי פאַרגעשריבן, איז דער טאַטע ז״ל ניט ווייטער געוואָרען צום געדאַנקען און צו די בעדירפניסע פון די קאָלאָניסטען.

און געווים האָט דאָס ניט געווירקט אויף די פאַרהעלטניסע צווישען איהם און די רבנים מתירים, נאָך אַלעמען איז דאָך „את והב בסופה״. נאָר בנוגע רבי מרדכי בויסקער, מיט וועמען ער איז געוועזן זעהר באַפריינדעט, זיי זיינען אויך געוועזן יוגענד חברים, איז פאַרגעקומען אַ גע־

וויסער שינוי. די סיבה דערפון איז ניט געווען קלאָר באַקאַנט. מען האָט אָנגענומען דאָס ס'איז געשעהן צוליעב דעם, וואָס רבי מרדכי בויסקער איז געווען ניט נאָר פון די מקילים, אין דער שאלה פון שמיטה, נאָר ער איז ארויסגעטראָטען געגען די ירושלים'ער גדולים פון יענער צייט: רבי יהושע ליב דיסקין, רבי שמואל סאַלאַנט, א. אַז. וו., וועלכע זיינען געווען מחמירים אין דער פראַגע, און דאָס זאָל האָבען דעם טאַטען ז"ל זעהר פאַרדראָסען.

עס איז אויך געקומען אין יענער צייט צו א פערזענליכען געשפּרעך צווישען דעם טאַטען ז"ל און רבי מרדכי בויסקער ביי א חתונה פון דעם טאַטענס ז"ל אן אייניקעל, און דער חתן איז געווען א וויטער קרוב פון רבי מרדכי בויסקער. עס האָט געהייסען אז רבי מרדכי בויסקער איז געקומען ניט צוליעב דער חתונה, און ער איז באמת אין מיטען דער חתונה, וועלכע האָט געדויערט איינינע טעג, אוועקגעפאָהרען, נאָר אום צו טרעפען זיך פנים אל פנים מיט'ן טאַטען ז"ל. ווי לאַנג רבי מרדכי בויסקער איז געווען אַנוועזענד, האָט דער טאַטע ז"ל זיך איינגע־פונען וויינינער צווישען די מחותנים, נאָר איז געזעסען אין א באַזונדער צימער מיט איהם און זיך אונטערהאַלטען ביחידות. מאַנכעס מאָל איז ביי דעם שמועס אויך געווען דער אבי הכלה, מיין ברודער, רבי חיים ברלין, אָבער דער גרעסטער טייל פון די געשפּרעכען איז געווען נאָר צווישען די צוויי: דער טאַטע ז"ל און רבי מרדכי בויסקער. ווי עס שיינט, האָבען זיך די פאַרהעלטניסע צווישען די ביידע גדולי הדור ניט פיעל געענדערט צום בעסערען, אויך נאָך די לאַנגע אינטימע גע־שפּרעכען. ניט לאַנג נאָכדעם איז רבי מרדכי בויסקער נפטר געוואָרען.

דער אויסזעהן פון רבי מרדכי בויסקער איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי מען קען זיך פאָרשטעלען פון זיין טהעטיגקייט און זיינע אידעען אויסגעדריקט אין זיין ספר „שביל הזהב". זעהר א נידריגער, גאַנץ שטיל, די אויגען שוואַך און רויטליך און קוים געגאַנגען, קוים גערעדט. דאָרט וואו די חתונה איז געווען, לאַנדוואָראָווע, נעבען ווילנא, איז מען געלאָפען זעהן די גרויסע מחותנים. רבי מרדכי בויסקער איז אויך געווען א גרויסער מפורסם און מען האָט זיך אויף איהם אָפּגע־שטעלט קוקען אַזוי גוט ווי אויף אַנדערע.

די חתונה איז געווען זעהר א רייכע. אלס בדחן איז דאָרט געווען אליקום צונזער. ער איז דאַן געווען אין זיינע גלאַנץ־יאָהרען, שעהן געוואַקסען, מיט א שעהנע פאַרפּוצטע באָרד און א זעהר געשמאַקע שטימע. וויסענדיג וואָס פאַר א מחותנים עס זיינען דאָ אויף דער חתונה, האָט ער

זיך באַמיהט צו זיין אם בעסטען אין זיין „בדחנות“, אין סיי די אומעטיגע בעפאר דער חופה מיט דער הזכרה נאָך דער מוטער פון דער כלה, און סיי די פרעהליכע צו דער חופה-וועטשערע איז געווען זעהר געפעלען אפילו די מחותנים און די גדולים. ווען עס איז געקומען צו דרשה-געשאַנק, האָט ער, אליקום צונזער, געוויזען קונסט־שטיק אויפרופענדיג יעדע מתנה מיט יעדען געבער מיט פארשידענע וויצען. די מתנה פון טאַטען ז״ל איז געווען א זילבערנע בשמים האַלטער. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעזאָגט אלערליי „חכמות“ וועגען דעם געשאַנק, ווענדעט ער זיך צום חתן, און זאָגט:

— חתן, ווי שמעקט אייך דעם זיידענס מתנה?

דער עולם האָט הנאה געהאַט. דער איינציגער וואָס האָט געהאַט א „פסק“ פונ׳ם באַריהמטען בדחן בין איך געווען. אלס א קליינער אינגעל בין איך געווען נייגעריג אריינצוקוקען און באַטאַפּען די פארשידענע מוזי־קאַלישע אינסטרומענטען, און ער, אליקום צונזער, שטעהענדיג לעבען די מוזיקער, איז דאַדורך געשטערט געווארען ווען ער האָט געדאַרפט קאָנ־צענטרירען זיינע געדאַנקען.

ניט וויסענדיג וואָס פאר א שייכות איך האָב צו דער חתונה, ווייל א סך אינגלאַך האָבען זיך ארומגעדרעהט, האָט ער מיך א שטויס געטהאָן זעהר באַליידיגענד. איך בין וויינענדיגערהייט אבגעטראָטען. ווי עס שיינט האָט מען איהם נאָכהער אויפמערקזאַם געמאַכט אז ער האָט פוגע בכבוד געווען „דעם רבין׳ס אינגעל“. איז ער בכבודו ובעצמו געקומען מיך מחילה בעטען און איינלאַדען צו שטעהן לעבען איהם און לעבען די כלי־זמר אונגעשטערט.

## יט.

# דער אונטערגאַנג

דאָס וואָס מען האָט מיט שרעק ערוואַרטעט איז געקומען. די לאַגע אין דער ישיבה מצד דער רעגירונג דרויסען און מצד די אונרוהיגקייט אינערליך איז געוואָרען ערגער און שווערער. מען האָט אויך געוואוסט אז דער ענין פון דער וואָלאָזינער ישיבה איז אַרויסגעגאַנגען פון די פיער ווינקלען. ניט נאָר די אידישע צייטונגען האָבען געשריבען וועגען דעם, נאָר אויך אין אַלגעמיינע רוסישע צייטונגען, וועלכע זיינען ערשינען אין פעטערבורג זיינען געווען פון צייט צו צייט געדרוקט אַרטיקלען וועגען דער ישיבה, און נאַטירליך ניט אין סימפּאַטישען זין.

די „נאָוואָיע וורעמיא”, איינע פון די גרעסטע צייטונגען דאַן און שטאַרק אַנטיסעמיטיש, האָט זאָגאַר געשיקט אַ ספּעציעלען קאָרעספּאָנדענט אין וואָלאָזין אום צו באַשרייבען וואָס ער האָט געזעהן און געהערט. אין יענער צייט איז אַזאַ זאַך געווען אַ גרויסע זעלטענהייט. ווי ווייט דער קאָרעספּאָנדענט האָט ריכטיג באַשריבען קען דיענען דער פאַקט, אַז ריידענדיג וועגען פריטאָג־צו־נאַכט, דערצעהלט ער ווי די ישיבה־לייט מיט די ראשי ישיבה שטעהען אין טלית ותפילין.

מען האָט אויך געוואוסט אַז אין די רעגירונגס קרייזען, אין ווילנא און אין פּעטערבורג איז מען באַשעפטיגט מיט אויסאַרבייטען נייע סטאַטוטען וועגען דער ישיבה. עס איז באַקאַנט געוואָרען אַז ס'וועט אינגיכען ערשיינען געוויסע געזעצען, צוויי און דרייסיג אין צאָהל, לויט וועלכע די ראשי ישיבה דאַרפען האָבען אַ געוויסען עקזאַמען; אַלע ישיבה־לייט מוזען לערנען רוסיש און עלעמענטאַרע וויסענשאַפטען נאָך אַ געוויסען פּראָגראַם; די צייט פון תורה־לערנען איז באַגרעניצט, א. ד. גל. אָבער דאָס ביז דאַן וועט מען די ישיבה אין גאַנצען צושליסען און אָפיציעל מבטל זיין — דאָס האָט מען אויף דעם געדאַנקען ניט געוואָלט צולאָזען.

דאָס שרעקליכע איז אָבער געקומען.

עס איז געווען אין אַ געוויסען פריהמאָרגען, אָנהויב חודש שבט — דעם יאהר תרנ״ב — צווישען ניין און צעהן אין דער פריה. אין דער ישיבה זיינען אַלע ישיבה־לייט שוין דאָ נאָך פריהשטיק און מען לערנט מיט די געוועהנליכע מתיקות און התלהבות. ביי אונז אין הויז זיצט דער טאַטע ז״ל, ווי שטענדיג, אין טלית ותפילין און שרייבט. מען ווייס

## דער אונטערגאַנג

אז עס זיינען אָנגעקומען אין שטעדטעל העברעע בעאַמטע און מען איז דאָצו פאַרבערייטעט. קיין „פּסול" איז ניטאָ. וואהרשיינליך וועט ווידער קומען אן אינספּעקטאָר דורכקוקען די פּאַספּאָרטען אדער מאכען וועלכע עס איז חקירות. אָבער מען איז שוין צו צרות געוואוינט... ערשט מען זעהט דורכ'ן פענסטער עטוואס אונפּעוועהנליכעס: עס געהט „נאַטשאַל־סטוואָ", דער איספּראַווניק, דער פּריסטאַוו, זשאַנדאַרען, א פּאָר פרעמדע מענשען, און הינטער זיי א רייהע פון גוים. די גוים בלייבען שטעהן אין א שורה אויסגעשטעלט לעבען דער ישיבה און די בעאַמטע געהען אריין אינוויינ[י]ג. מען זעהט אַז עס איז ניט דאָס וואָס מען האָט ער־וואַרטעט, קיינער ווייס אָבער ניט וואס ס'געהט געשעהן. דער טאַטע ז"ל בלייבט ניט מעהר זיצען אין הויז, נאָר געהט אין דער ישיבה. מיר, די שטוביגע, שטעהען זעהר אויפגערעגט ביי די פענסטער פון אונזער הויז און קוקען צו פיליכט וועט מען עפּעס זעהן אָדער עפּעס הערען. עס דויערט ניט לאַנג, מען זעהט ווי די ישיבה־לייט הויבען אָן ארויסגעהן מאסענווייז פון דער ישיבה, יעדער מיט דער גמרא אונטער'ן ארעם און אויף די פּנים'ער ליגט טיעף טרויעריגעס. מיר לויפען ארויס פון הויז און מיר הערען: אזוי שנעל ווי די בעאַמטע האָבען זיך צוזאַמענגע־קליבען אין דער ישיבה, האָט איינער פון זיי געבעטען עס זאָל שטיל ווע־רען, מען זאָל אויפהערען לערנען, און ווען עס איז שטיל געוואָרען האָט אן אַנדער בעאַמטער פאַרגעלעזען פון א פּאַפּיער א באַפעהל פון דער רעגי־רונג, אַז די ישיבה ווערט צוגעשלאָסען, דער בנין ווערט פאַר'חתמ'ט און די ישיבה לייט זאָלען קומען אָפּנעהמען זייערע פּאַספּאָרטען, און אין פאַרלויף פון דריי טעג מוזען זיי אַלע, אָהן אויסנאַהמע, ארויספאָהרען פון וואָלאָזין.

דער טומעל, וועלכער איז ענטשטאַנדען הערענדיג דאָס אַלץ, איז לייכט צו פאַרשטעהן און אונמעגליך צו באַשרייבען. דער טאַטע ז"ל, וועלכער האָט קיין רוסיש ניט פאַרשטאַנען, האָט געפרעגט וואס מיינט דאָס, און קריגענדיג די אויפקלעהרונג, איז געבליבען זיצען אויפ'ן שטוהל אין האַלבען אָהנמאַכט. דער ערשטער איינדרוק פון דער שרעקליכער פּאַסירונג האָט געווירקט, אַז די ישיבה־לייט זיינען לאַנגזאַם ארויסגעגאַנ־גען פון דער ישיבה מיט די ספרים אונטער די הענד. אָבער באַלד איז מען צוריק געקומען און פאַרשטאַנען, אַז אויב דער בנין פון דער ישיבה ווערט פאַר'חתמ'ט, מוז מען דאָך אַלץ וואס דאָרט איז דאָ צונעהמען. האָט מען זיך אומגעקעהרט צוריק אין דער ישיבה און דאַן איז דער חורבן קלאָהר געוואָרען פאַר זיך און פאַר די גאַנצע אומגעבונג. אין דער צווישען

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

צייט איז די פּאַסירונג באַקאַנט געוואָרען אין שטאָדט און אַלע אידען, אַלט און יונג, מאַן און פרוי האָבען גענומען שטראָמען צו דעם ישיבה־בנין. דעם טאַטען ז״ל האָט מען אונטער די הענד ארויסגעפיהרט, שרעקליך בלאַס, אין גאַנצען מיט טרערען באַגאָסען. מען האָט גענומען ארויסטראָ־גען די ספרי תורה, מען האָט ארויסגעבראַכט די אַלע ספרים, וועלכע האָבען זיך געפונען אין אַן עקסטרא צימער, אין דער הויף פון דער ישיבה אַלס אַן אַרט ביבליאָטעק. און טראָגענדיק יעדע ספר תורה, און בריינגענדיג יעדען פּאַק ספרים, זיינען די יללות געוועזן עד לב השמים. דער געדרענג צו קושען די ספרי תורה׳ס פון דעם עולם וואס איז גע־שטאַנען ארום איז אָהן א סוף. אַלץ ווערט אריינגעבראַכט צו אונז אין הויז אין אונזער קינדער־צימער, וועלכער ווערט אויף שנעל אויסגעליידיגט צו דעם צוועק. דער טאַטע ז״ל זיצט אין זיין צימער און ארום איהם שטעהען די מקורבים אַזוי ווי ארום אַן אָבל, ר״ל, און מען געפינט ניט קיין ווערטער פון טרייסט. מענער ברעכען די הענד, פרויען וויינען אויפ׳ן קול, קינדער געהען אום ווי פאַר׳יתומ׳ט, מעהר ווי קלאָג־ווערטער און אויסגעשרייען: „חורבן בית שלישי״ הערט מען ניט. ווען אַ שיף טרינקט זיך און מען נעהמט ארויס די רייזענדע קען ניט זיין מעהר אויפ־רעגונג און טרויער ווי עס האָט דאַן געהערשט. מען האָט געפיהלט, אַז דער גרעסטער מקום תורה, די שיף פון דעם אידישען פאָלק אין פארלויף פון כמעט הונדערט יאָהר, געהט אונטער, און עס גיט קיין רעטונג ניט! מען האָט געזעהן דעם אונטערגאַנג פאַר די אויגען און מען קען ניט העל־פען. די ספרי תורה און די ספרים טראָגט מען ארויס, אָבער זייערע אותיות און זייער אינהאַלט בלייבען פאַר׳חתמ׳עט און פארשלאָסען אין די פיער ליידיגע ווענט!

די שרעקליכע שטימונג האַלט אָן א פּאָר שעה. די בעאַמטע שטע־העהן אויך ווי פאַרגליווערט, זיי האָבען דאָס ניט ערוואַרטעט. זיי האָבען זיך פאַרגעשטעלט, אַז מען וועט זיך שטעלען אַנטקעגען, און דארום האָבען זיי געבראַכט א מחנה פויערים, וועלכע זאָלען דינען אַלס שמירה אין פאַל פון נויט. זיי זעהען, אַז דאָס איז ניט נויטיג, מיט כח קלערט קיי־נער ניט צו באַנוצען זיך. די גוים ארום די ישיבה קריגען א באַפעהל צוריקציהען זיך און זיי געהען אוועק. דאַגעגען דעם טרויער און דעם יאָמער וועלכען זיי האָבען געבראַכט מיט זייער באַפעהל איז פאַר די בעאַמטע א גרויסע איבערראַשונג געוועזן. זיי שטעהען אַלע שטיל ביז אַלץ ווערט ארויסגעטראָגען און דאַן נעהמען זיי זיך צום צווייטען אַקט פון דער שרעקליכער טראַגעדיע.

הונדערט פערציג

# דער אונטערגאַנג

ווען זיי איבערציייגען זיך דורך א גענויע אונטערזוכונג, אז קיינער איז ניטאָ מעהר אין דער ישיבה, ניט וואו מען לערענט, ניט אין די אנדערע אָבטיילונגען, געהען זיי די לעצטע ארוים און נאָכדעם ווי זיי באזאָרגען זיך מיט די נויטיגע מכשירים שליסען זיי צו די טיהרען און לייגען ארויף אויף די דרויסענדיגע הויפּט־טיהר א גרוסען זיגעל מיט רויטע טריוואקס באגאָסען און עס ווערט מיט א רעגירונגס־שטעמפּעל אָפּ־געדריקט און דאמיט ווערט באקאנט געמאכט, אז יעדער ווער עס וועט דעם שטעמפּעל אָפּברעכען, דעם שלאָס אויפרייסען און די טיר עפענען, באגעהט א שטרענגען פארברעכען געגען די רעגירונג און וועט באַקו־מען א שטארקע שטראָף. די פּראָצעדור איז דאמיט געענדיגט און דער טרויער ווערט גרעסער און טיעפער. אויב די פּאָר שעה פריהער האָט מען געפיהלט ווי די גרויסע, הייליגע, אַלטע ישיבה, דער סימבאָל פון יודענטהום און זיין תורה, פאר עטליכע דורות, געהט אונטער און ווערט חרוב, פיהלט מען איצט ווי דער חורבן איז שוין דאָ, דער גרויסער נפטר, די פארקערפּערונג פון אידישען גייסט, איז שוין געקומען צו דער קבורה...

— ניטאָ מעהר אונזער הייליגע ישיבה!

— די הייליגע טויערען זיינען פארשלאָסען!

— תורה, תורה חגרי שק!

דער גרויסער עולם, וועלכער איז ארומגעקליבען פון אַלע זייטען פון דער ישיבה, קענען זיך ניט באשליסען אוועקצוגעהן פון דעם אָרט. מען שטעהט גרופּענווייז, מען וויינט איינציגווייז, מען דיסקוטירט דעם טיע־פען אונגליק, מען קלעהרט וואס וועט זיין ווייטער... איין אָרט איז דאָ וואו עס איז שטיל, אויסער ש ט י ל ע שלוכצען פון געוויין, און גע־רוישלאָזע שלינגען פון טרעהרען הערט העו דאָרט ניט. דאָס איז ביי אונז אין הויז. דער טאַטע ז"ל זיצט אין זיין שטוהל אין גאנצען א דער־שלאָגענער, ניטאָ קיין כח צו וויינען, ניטאָ קיין ווערטער אויסצודריקען, און אַלץ ארום איהם, אייגענע און פרעמדע, ישיבה־לייט און שטאָדטישע מענשען געהען אום ווי שאָטענס ארום די וואנד מען האָט מורא פאר זיך אַליין, עס הערשט א לוידיגקייט אין דער נשמה, מען זעהט פאר זיך דעם בית־המקדש צושטערט און דער כהן גדול זיצט אויף זיינע חורבות... וואו נעהמט מען דעם ירמיהו צו זאָגען זיינע קינות?!

עס געהט אוועק א שעה נאָך א שעה. מען דאַרף דאווענען מנחה. דער צימער וואו דער טאַטע ז"ל זיצט און אויך די ארומיגע חדרים זיי־נען פול מיט מענשען, און איינער פון די ישיבה־לייט הויבט אָן זאָגען:

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אשרי. דער קוואל פון טרערן ווערט אָפען און זאָגענדיג א פסוק נאָך א פסוק ווערט דער יאָמער און קלאָג שטאַרקער און קרעפטיגער:

— „ועזוז נוראותיך יאמרו וגדולתך אספרנה".

— „מלכותך מלכות כל עולמים וממשלתך בכל דור ודור".

און עס קלינגט מיט א „צדוק הדין" ווען מיט א געוואַלדיגען געוויין ווערט ארויסגעזאָגט:

— „צדיק ד' בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו". און א טויטע שטילקייט הערשט ווען מען שטעהט שמונה עשרה. דער טאַטע ז"ל דאַוונט לענ-גער ווי געוועהנליך און א טייך מיט טרעהרען איז אונטער איהם. אפשר האָט מען אזעלכע מנחה'ס געדאַוונט אין דער צייט פון די מסעי הצלב, ווען מען האָט געוויינט און געקלאָגט ניט אויף איינצעלנע פערזאָנען, נאָר אויף דעם גאַנצען כלל ישראל וואס ער געהט אונטער, די שווערד פון'ם תליון איז אויפ'ן האלז און קיינער קען זיך ניט שטעלען אנט-קעגען... נאָך „עלינו" זאָגט קדיש רבי חיים הלל פריד, איינער פון די אָפיציעלע ראשי ישיבה, א דירעקטער אייניקעל פון רבי איצעלע וואלא-זינער און אור-אייניקעל פון רבי חיים'ן, דער גרינדער פון דער ישיבה. זאָל דער „קדיש" זיין דער אָבשלוס פון דעם גרויסען, גלאָררייכען פּרק פון דער וועלט באריהמטער וואָלאָזינער ישיבה, וועלכע האָט עקזיסטירט כמעט הונדערט יאהר און האָט באלויכטען די אידישע וועלט ניט נאָר מיט דעם וויסען פון תורה, נאָר אויך מיט דעם גלאַנץ פון תורה? זאָל דער „קדיש יתום" זיין דער לעצטער קאַפּיטעל פון דעם ריזיגען ספר שבעל פה, וואס דער גרויסער זיידע האָט אָנגעפאַנגען און זיין זוהן און אייניקלעך האָבען דאָרט גאָלדענע בלעטער אריינגעזעצט?

עס געהען אוועק וויטערדיגע שעה'ן. עס ווערט דונקעל. די גאַסען ארום דער ישיבה באקומען ביסלאכוויז זייער געוועהנליכען כאַראַקטער. דער שוהל-הויף, וואו די ישיבה שטעהט, איז באדעקט מיט שנעע, די האַל-בע לבנה מיט דונקעלע שטערן שיינען ווי שטענדיג, מענשען געהען הין און הער. נאָר איינס פעהלט! דער גרויסער בנין פון דער ישיבה איז דונקעל! דאָס האָט מען נאָך ניט ערלעבט. מען איז געוואוינט, אז די ליכטער פונ'ם ישיבה בנין זאָלען באלייכטען די גאַנצע סביבה, דער תורה-געזאַנג זאָל פארהילכען די גאַנצע אומגעגענד. און, פּלוצלונג, טויט-שטיל און קבר-פינסטער. מעהר און מעהר מענשען קוקען דורך די פענסטער אָנצוזעהן דאָס אינערליכע. דאכט זיך, אז מען זעהט פאַר זיך די אידישע תורה אָנגעטאָן אין א זאק און איינגעטונקט אין אש!!

אין צווישען דערמאָהנען זיך די הונדערטער ישיבה-לייט, אז זיי-

## דער אונטערגאַנג

ערע אייגענע צרות זיינען נאָך ניט צו ענדע. זיי זיינען אנגעזאָגט געווארען, אז אין פארלויף פון דריי טעג מוזען זיי פון וואָלאָזין ארויספאָהרען. דאָס מיינט אויב זיי וועלען עובר זיין, וועט מען זיי אוועקשיקען „עטאפּנים פּאָריאדקאם”, ד. ה. מען וועט זיי ארעסטירען און שיקען ווי אלע אנדערע ארעסטירטע צו־פוס פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, פון איין טורמע אין דער צווייטער ביז זיי וועלען אָנקומען אין זייערע שטעדטלעך און היימען. און דאָ ענטשטעהט אַ פּראָבלעם שוין ניט רעדענדיג פון דעם גייסטיגען זייט, אז קיינער וויל ניט פארלאָזען אזוי שנעל דעם אָרט; אפילו נאָכדעם ווי די ישיבה איז געשלאָסען, דוכט זיך, אז מען איז דאָ צוגעבונדען און יעדע שטיקעל ערד לעבען דער ישיבה באקומט א מין קדושה — שוין ניט רעדענדיג דאַפון איז דאָך אַ מאַטעריעלע פראגע. יעדער ישיבה־מאן איז דאָך געוועהנליך א שטיקעל בעל־חוב, וואו ער וואָהנט, אמאָל אנדערש־וואו אויך, און די הוצאות אהיים קאָסט דאָך אויך געלד. וואו נעהמט מען דאָס? אין געוועהנליכע צייטען, ווען א ישיבה־מאן דארף אוועקפאָהרען, באקומט ער פון זיינע עלטערן, א געוויסע סומע קריגט ער אויך פון דער ישיבה און בשעת הדחק באָרגט מען פון אַ חבר און מען שיקט אָפּ שפּעטער. אָבער אין אזאַ בהלה, ווי קען מען אין פארלויף פון דריי טעג — און איין טאָג איז שוין באלד אַוועקגעגאנגען — צוזאמענרעדען זיך און קריגען דאָס געלד פון דער היים? פון דער ישיבה קאסע קען אויך קיין רייד ניט זיין אין אזא פּאַניק, און באָרגען איינער ביים אַנדערען, אפילו ווען איינער זאָל האָבען, איז אויך אונמעגליך אין אזא צושטאַנד וואו אלע מוזען זיך פאנאנדערפאָהרען. און דאָ האנדעלט זיך ניט וועגען איינצעלנע אדער צעהנדליגע, נאָר הונדערטע מענשען. דען אויב מען האָט געמיינט, אז די ניט אָפיציעלע ישיבה־לייט ד. ה. די וועלכע זיינען ניט איינגעשריבען אין די אָפיציעלע ביכער, און דעריבער האָבען זיי זייערע פּעסער ביי זיך, זיינען אין א בעסערע לאגע, זיי זיינען פרייע מענשען, קיינער וועט זיי ניט זוכען — איז קלאָהר געווארען, אז דאָס איז א טעות. דען מען האָט געגעבען צו פארשטעהן פון דער פּאָליציי, אז ווען די דריי טעג וועלען זיך ענדיגען וועט מען מאכען אונטערזוכונגען, אויפ׳ן רוסישען שטייגער, נאכט־אָבלאוועס, און דאן, אויב מען וועט געפינען א „טרפה׳ן” ישיבה־מאן, קען נאָך זיין ערגער ווי מען שטעלט זיך פאָר.

עס איז שנעל יענעם אבענד צוזאמענגערופען געווארען א בעראטונג פון די ישיבה־לייט און ניט קוקענדיג אויפ׳ן גרויסען טרויער האָט מען גע־

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

נומען זוכען עצות ווי צו שאפען די נויטיגע מיטלען. ביז וואנען אָבער עס וועט ערלעדיגט ווערען, זאלען אלע ישיבה־לייט ארויספאָהרען פון וואָלאָזין אין די ארומיגע שטעדטלאך, נאָכדעם ווי זיי וועלען נאַטירליך אָבנעהמען זייערע פאספאָרטען מיט דער ערקלעהרונג, אז זיי פאָהרען אין זייערע היימען, און פון די שטעדטלאך וועלען זיי שפעטער, קריי־גענדיג מיטלען, ריהרען זיך ווייטער.

ווי שלעכט עס איז, א שטיקעל אויסוועג איז דאָס, און יעדער ישיבה־מאן קלעהרט: עס איז אביסעל גרינגער אויפ'ן הארצן, מען וועט בלייבען דאָך נאָהענט צו וואָלאָזין, ווער וויים, אפשר וועט מען קענען קומען באלד צוריק...

## כ.

# די ערשטע טעג נאָכ׳ן חורבן

אויף מאָרגען נאָכ׳ן צושליסען די ישיבה איז דער טאַטע ז״ל ארויס־געגאַנגען פון הויז, געהענדיג דאַוונען, אָבער ניט ווי אלע מאָל. דאָס מאָל איז ער ניט געגאַנגען אין ז י י ן ישיבה, וואו ער איז געקומען מלא שמחה, געפינען די ישיבה־לייט לערנענדיג, געפרעהט זיך מיט יעדען בחור, מיט יעדען „יונגען מאַן״, פארנומען מיט א באזונדער פארגעניגען דעם קול פון יעדען ישיבה־מאַן, דעם אויסגעשריי פון יעדער שטיקעל גמרא. ער איז דעם פריה־מאָרגען געגאַנגען פארביי די ישיבה, און דאָרט איז קיינער ניטאָ, מען הערט ניט לערנענדיג, עס איז פארשטומט געוואָרען דער „רנה של תורה״, דער געזאַנג פון לערנען, אלץ איז פאר׳יתום׳ט, מען קען אפילו ניט אריינגעהן אויסגיסען דאָרט די אנגעוויטאָגטע הארץ. מען מוז געהן דאַוונען אין בית המדרש.

און דאָ איז א נייע טראַגעדיע. ווען האָט דער בית המדרש זוכה גע־ווען צו זעהן דעם טאַטען ז״ל אויסער יום כפור צו כל נדרי און אמאָל שבת תשובה אדער שבת הגדול? דאן אבער ווען דער טאַטע ז״ל איז געקומען אין בית המדרש אריין באגלייט פון א סך ישיבה לייט, איז גע־ווען א יום טוב פאר דעם בית המדרש און פאר זיינע בעלי בתים וועלכע זיינען זיך צוזאמענגעקומען פון אלע טיילען פון שטאָדט צו הערען דעם גרויסען וועלט גאון, וואס זיי האָבען די זכיה צו רופען איהם זייער רב. דער איצטיגער קומען אָבער אין בית המדרש איז ביי קיינעם קיין יום טוב. מען פיהלט אז מען זעהט ביי זיך דעם קעניג ווייל ער האָט זיין טראָן פארלאָרען... ווען דער טאַטע ז״ל איז אריין אין בית המדרש, איז א שוידער דורכגעגאַנגען יעדען אויפ׳ן לייב. „אָך און וועה וואס מיר האָבען דערלעבט, דער רבי האָט מעהר ניט קיין אָרט צו דאַוונען אויסער ביי אונז... אוי לעינים שכך רואות!״

אין דעם טאָג, מאָרגען נאָכ׳ן צושליסען די ישיבה, זיינען נאָך כמעט אלע ישיבה־לייט געווען אין וואָלאָזין און האָבען זיך ארומגעדרעהט אויפ׳ן שוהל־הויף לעבען דער ישיבה. ער האָט זיך ניט געוואָלט צו־שיידען פון דעם הייליגען אָרט וועלכער איז איצט נאָך געוואָרען טהייערער און ליעבער. מען האָט זיך צוזאמענגעקליבען גרופען אום צו פאר־אייניגען זיך און פאָהרען צוזאמען. דאָס איז געווען ניט נאָר א פראגע

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

פון געלד־שפּאָרען, ווען מעהרערע מענשען זיינען צוזאמען געפאהרען האָט אויסגעמאכט יעדען ביליגער, נאָר עס איז אויך געווען א פּראָבלעם פון קריגען פוהרען. עס איז ניט גרינג געווען אין אַזאַ שטעדטעל ווי וואָלאָזין, איבער פיער הונדערט מענשען אריבערפיהרען טיילווייז צום באהן און דעם גרעסטען חלק אין די פארשידענע שכונת׳דיגע שטעדטלאך, אין פארלויף פון צוויי־דריי טעג. מען האָט פארזוכט די גזרה פון די דריי טעג צו לינדערען און פארלענגערען די צייט. עס איז אָבער ניט געגאנגען. ווי עס שיינט, איז דאָס געווען פארגעשריבען פון די „הויכע פענסטער״, ווילנא אָדער פעטערבורג, אז מען זאָל אָנגעהן מיט אַלע שטרענגקייט. מען האָט געמוזט פאַנאַנדערשיקען שלוחים אין די ארו־מיגע דערפער אום צו קריגען איינפאַכע פויערים מיט פערד־און־וואָגען וועלכע זאָלען, פאַר גוט געלד נאַטירליך, ווערען פוהר־לייט. די ניי־געבאַקענע פוהר־לייט זיינען אָבער געווען זעהר שלעכט פאָרבארייטעט צו דער אויפגאבע, און אויסער דעם וואס די ישיבה־לייט האָבען געמוזט זיצען אויף די פּראָסטע דאָרפישע וואָגענעם און ווערען צוטרייסעלט אין דעם גאנצען קערפער, זיינען זיי געפאָהרען צוויי און דריי מאָל אזוי פיעל צייט ווי מען האָט געדארפט. טיילווייז, ווייל די שלעכטע פערד, און טיילווייז ווייל די פויערים האָבען ניט געוואוסט דעם וועג. דאצו איז דאָס געווען אין רעכטען ווינטער, חודש שבט, און דער פראָסט האָט געברענט, און דער שנעע האָט געשאָטען. דער רחמנות אויף די ישיבה־לייט, יונגע מענשען, וועלכע זיינען דורכאוים ניט געווען געוואוינט צו אזעלכע אומגעבונגען, און פלוצים האָבען זיי געמוזט זיך פארבערייטען צו אזא שווערע נסיעה — דער רחמנות איז געווען גרויס. וויפיעל מען האָט זיך אָנגעשטרענגט צו געפינען ווארימע קליידער, קי־שענס און דעקעס, איז ניט געווען מעגליך אלע ישיבה־לייט דאמיט ארויס־צוהעלפען. עס איז געווען אַ פאַל ווען אַ גרופּע בחורים זיינען געפאָהרען אין אַ נאָהענטער שטעדטעל, ה א ר אָ ד אָ ק, זיינען זיי ארויסגעפאָהרען דאָנער־שטיג פאַרנאַכט און זיינען געפאָהרען און געפאָהרען די גאַנצע ווינטער־נאַכט און אויף מאָרגען, פרייטאָג אין דער פריה, זיינען זיי צוגעפאָהרען... צוריק אין וואָלאָזין. דער פויער, וועלכער האָט זיי געפיהרט, האָט, ווי עס שיינט, ארומגעדרעהט זיך די גאנצע נאַכט אַרום וואָלאָזין און ניט גע־וואוסט וואו ער איז. די בחורים פון דער נסיעה זיינען קוים מיט׳ן לעבען ארונטערגעגאנגען פון דעם באשנעעטען, פארפראָרענעם וואָגען.

און ווען די דריי טעג האָבען זיך געענדיגט, האָט די פּאָליציי מקיים געווען איהר התראה און מען האָט געמאכט נאַכט־אונטערזוכונגען פון

# די ערשטע טעג נאָכ'ן חורבן

פּלאַץ צו פּלאַץ, וואו נאָר מען האָט געקענט רעכענען עס איז נאָך דאָ אַ באהאַלטענער ישיבה־מאַן. די מורא איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז וואו עס איז געווען אין אַ הויז אַ יונגער־מאַן אַן אורח, צוליב וועלכע עס איז אַנגעלעגענהייט, האָט ער אויך געמוזט אוועקפאָהרען, דען ווער האָט געקענט גאַראַנטירען אַז די פּאָליציי וועט ניט אָננעהמען איהם פאַר אַ „טריפה'נעם" ישיבה־מאַן און וועט איהם אוועקשיקען בדרך המלך?...

דער אוועקפאָהרען פון די ישיבה־לייט אין די אַרומיגע שטעדטלעך איז אָבער געווען נאָר אַ חיי שעה, דען עס האָט ניט געקענט זיין קיין געדאַנקען און געווים ניט קיין ווילען, אַז צעהנדליגע בחורים זאָלען בלייבען זיצען אין ערטער וועלכע זיינען ניט קיין מקום תורה. מען האָט געמוזט זוכען עצות, שנעל ווי מעגליך, די גאַנצע מחנה אַריבערצושיקען צו זייערע עלטערען. צו דעם צוועק זיינען איינִיגע פון די עלטערע ישיבה־לייט אוועקגעפאָהרען קיין ווילנא און קיין מינסק, די צוויי נאָהענטסטע גרויסע שטעדט, און עס האָט לאַנג ניט געדויערט, די אַנגעלעגענהייט איז געאָרדענט געוואָרען. די „גבאים" פון דער ישיבה, איבערהויפּט אין מינסק, האָבען אַליין געטהאָן דאָס מעגליכסטע און אויך אַנדערע האָבען געהאָלפען, און די נויטיגע מיטלען זיינען געשאַפען געוואָרען, אין אַ פּאָר וואָכען אַרום זיינען אַלע ישיבה־לייט געווען אין זייערע היימען.

אין וואָלאָזין אָבער איז דער אויפרוהר פון דער גאַנצער שרעקליכער פּאַסירונג נאָך ניט געשטילט געוואָרען. דער גרויסער בנין פון דער ישיבה, וועלכער איז געשטאַנען פאַרשלאָסען און פאַר'חתמ'עט, פאַרלאָזען און פינסטער, האָט געוואָרפען אַן אימה אויף די גאַנצע אומגעבונג. און עס איז נאָך צוגעקומען אַ זאַך, וועלכע האָט נאָך צוגעגעבען אַ מיסטעריעזען כאַראַקטער און האָט פאַרגרעסערט די שרעק.

איינִיגע טעג נאָכדעם ווי דער בנין איז פאַרשלאָסען געוואָרען, האָט מען באַמערקט אַז אויף די טרעפּ, וועלכע פיהרען צו דעם הויפּט אַריינגאַנג פון דער ישיבה זיינען דאָ טריט. דאָס איז באַזונדערס קענטיג געווען, נאָכדעם ווי עס איז געווען איבעראַל פאַרשנעעט, אויך דער אַרויפגאַנג און די טרעפּ פון דער ישיבה, נאָר מענשליכע טריט איז געבליבען קענטיג אויף דעם ווייסען שנעע. ווער קען דאָס זיין וואָס געהט אַרויף די טרעפּ און קיינער באַמערקט ניט? עס איז געוואָרען אַ רעטעניש. מאַנכע האָבען געזאָגט אַז פון דער פּאָליציי געהט מען זעהן אויב דער שלאָס איז ניט אָפּגעריסען און די חתימה פון דער רעגירונג ניט אַבגעבראָכען. האָט מען אָבער געזאָגט, אויב די פּאָליציי — וואָלט זי דאָס

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

געטהאָן בייטאָג, ווען אלע געהען פארביי, און ניט אויסבאהאלטען זיך אין דער נאכט־פינסטערניש. אנדערע האָבען געזאָגט, אז דער טאטע ז״ל שטעהט ביינאכט ביי דער טיהר און וויינט. וואָלט מען דאָך ביי אונז אין הויז וויסען. עס זיינען געווען פארשידענע מיינונגען, קלאָר איז די אנגעלעגענהייט ניט געוואָרען און דאס האט אָנגעהאלטען אייניגע וואָכען וואס מען האט געמערקט, אז אימיצער באזוכט די ישיבה אם ווייניגסטענס ביז צו דער טיהר, און מען האט ניט געוואוסט ווער.

אויב די ישיבה איז געשלאָסען, האט דאס ניט געקענט מיינען אז די פיהרערשאפט פון דער ישיבה האט אויפגעהערט צו עקזיסטירען. אמת, וועגען שתדלנות צו עפענען די ישיבה איז דאן ניט געווען מעהר קיין רייד. עס איז שוין דאן באקאנט געוואָרען אפיציעל די צוויי און דרייסיג געזעצען, לויט וועלכע די ישיבה דארף זיך פיהרען, און דאס האט געמיינט, אז אזא ישיבה ווי עס איז געווען וועט מען ניט קענען עפענען און דאס וואס די רעגירונג האט פארגעשריבען איז דאָך ניט קיין ישיבה. די הויפטזאך איז אָבער געווען וואס דער טאטע ז״ל האט אין דער לעצטער צייט ניט מעהר געהאט זיין ענערגיע און זיין שטארקען ווילען, און נאָכדעם ווי די טראגישע ענדע פון דער ישיבה איז געקומען איז זיין שוואכקייט און ענטמוטיגונג געוואָרען נאָך פיהלבארער. אָבער עס איז נאָך געווען א שווערע אויפגאַבע פאר די פיהרערשאפט, דאס באצאָהלונג פון די חובות.

ווען די ישיבה איז געשלאָסען געוואָרען, איז די ישיבה געווען שולדיג, על פי רוב אויף וועקסלען און שטרות־חוב, טיילוויז „אויפ׳ן וואָרט״, בערך צוועלף טויזענד רובעל. דאס איז געווען אין יענער צייט א גרויסע און א שווערע סומע. אויך ווען די ישיבה איז נאָך געשטאַנען, א פאָר יאהר פאר׳ן שליסען, איז דער ענין פון די חובות געווען זעהר אקטועל און שווער. עס שוועבט מיר נאָך פאר די אויגען ווי איינער א בעל־חוב, וועמען עס האט געקומט דריי הונדערט רובעל, האט געמאכט ביי אונז אין הויז סקאנדאלען, און אלע אונזעריגע זיינען געשטאַנען דערשראָקען און געוויינט. נאָר דער טאטע ז״ל וועלענדיג בארוהיגען סיי דעם בעל חוב און סיי די הויזגעזינד האט געזאָגט ווי פאר זיך אליין:

„בין איך דען שולדיג? די וועלט איז שולדיג, און די וועלט וועט באצאָהלען.״

איך האָב אָבער דאן געפרעגט:

„קען מיר דער טאטע זאָגען, פארוואס איז גע׳חתמ׳עט אויפ׳ן שטר חוב „נאום נפתלי צבי יהודא ברלין״ און ניט „נאום וועלט?״

# די ערשטע טעג נאָכ'ן חורבן

די נאַאיווע שאלה האָט אַרויסגערופען אַ שטילען געלעכטער אויף די ביטערע געזיכטער.

צוליב דעם צוועק פון צאָהלען חובות האָט דער טאַטע ז"ל, אין די לעצטע יאָהרען פאַר'ן שליסען די ישיבה באַזוכט איינינע גרויסע שטעדט: וואַרשא, ביאַליסטאָק, לאָדז, ריגא און אַנדערע שטעדט, און טראָץ דעם וואָס איבעראַל, וואו ער איז געקומען, איז געוועזען דער קבלת פּנים זעהר גרויס, מען האָט איהם פון איבעראַל געלד געבראַכט אין זיין פּלאַץ וואו ער איז געזעסען — טראָץ דעם, איז די לאַסט פון די ישיבה געוועזען זעהר גרויס, באַזונדערס נאָכדעם, ווי די ישיבה האָט זיך געשלאָסען, האָבען דאָך די בעלי חובות געמאָהנט דאָס וואָס ס'קומט זיי מיט פיעל מעהר שטאַרקייט און מעהר רעכט.

עס איז געוואָרען אַ פּערזענליכע פראַגע וועגען די ראשי ישיבה וואו זיי זאָלען בלייבען. דער טאַטע ז"ל איז, ווי דערמאָנט, געשטאַנען אויפ'ן וועג נאָך ארץ ישראל, אָבער נאָך אַזאַ קריזיס, האָט ער דאָך געמוזט נאַטירליך בלייבען אַ געוויסע צייט אַלעס צו ערליידיגען. רבי חיים סאָלאָווייציק האָט גערעכענט פאָהרען אין ב ר י ס ק צו זיין פאָטער, רבי יוסף בער בריסקער רב, איז אָבער אָנגעקומען ידיעות, פאָרלויפיג ניט אָפיציעלע, אַז עס איז דאָ אַ נייע גזירה, אַז עס ווערט פאַרבאָטען דעם טאַטען ז"ל, דעם ברודער רבי חיים ברלין און רבי חיים סאָלאָ־ווייציק, צו בלייבען אין תחום פון די ד ר י י גובערניעס: ווילנא, קאָוונע און גראָדנע, די דריי גובערנעס וועלכע געפינען זיך אין דעם רשות פון ווילנער גענעראל גובערנאַטאָר. דער דאַמאָלסדיגער גענעראל גובערנאַטאָר אין ווילנא, קאַחאַנאָוו, איז געוועזען אַ באַקאַנטער שונא ישראל, און זע־העענדיג די שטרענגקייט מיט וועלכער מען האָט לעצטענס געהאַנדעלט געגען איבער די ישיבה, האָט מען ד י גזירה אויך געקענט גלויבען. די גזירה איז ניט געוועזען באַזונדערס שווער פאַר'ן ברודער, רבי חיים ברלין, ווייל ער האָט זיך נאָך ניט איינגעוואָרצעלט אין וואָלאָזין און ער האָט איבעראַל געקענט געפינען פאַר זיך אַ פּלאַץ מיט כבוד. שווער איז זי געוועזען פאַר'ן טאַטען ז"ל ווען ער זאָל דאַרפען שנעל פאַרלאָזען ניט נאָר זיין ישיבה, וועלכע האָט איהם פאַרלאָזען, נאָר אויך זיין היים, און ספּעציעל איז דאָס געוועזען שרעקליך פאַר רבי חיים סאָלאָווייציק, ווייל בריסק איז געוועזען גראָדנער גובערניע, און דאָס האָט געמיינט אַז ער קען ניט פאָהרען אַהין.

נאָך אַ קורצער צייט איז קלאָר געוואָרען, דורך אַן אָפיציעלע מיט־

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

טיילונג, אז די גזירה איז נאָר אויף ווילנער גובערניע, ניט אויף די איבריגע. אויך איז נאָר בנוגע די ביידע רבי חיים'ס דער באפעהל אז זיי מוזען פארלאָזען וואָלאָזין אין צוויי וואָכען, דער טאַטע ז"ל קען בלייבען דריי חדשים.

דאָך א קלענערער „פארברעכער"...

ערוואַרטענדיג עטוואס שרעקליכעס איז דער באפעהל געווען א „בשורה טובה". יעדענפאלס האָט מען זיך אָבער אָנגעהויבען קלייבען אין וועג אריין.

פון דער מלוכה אין גלות אריין...

## כא.

# אין גלות

דער ווינטער איז אוועק. באלד נאָך פסח האָט מען געזאָלט אָנהויבען „אָבריכטען גלות". די ראשי ישיבה האָבען געמוזט פאָהרען זוכען מיט־לען ווי צו דעקען די חובות וועלכע האָבען מעהר ניט געקענט וואַרטען און פאר די פאמיליעס האָט מען געמוזט באשטימען וואו מען זאָל זיך באזעצען ווי באלד אין וואָלאָזין קען מען מעהר ניט בלייבען.

אין צווישן האָט אָבער ביי איינעם פון די ראשי ישיבה פּאסירט אן אומגליק וועלכער האָט ראדיקאל געענדערט זיין לעבען און אויך גע־לייזט די פראגע פון איהם און זיין ווייטערדיגער טהעטיגקייט. אין דער צייט וואָס רבי חיים סאָלאָווייציק איז געווען מיט זיין משפחה, פאר צייטווייליגען באזוך, ביי זיין פאָטער אין בריסק, איז ער, דער פאָטער, דער בריסקער רב, רב יוסף בער, באלד נאָך פסח פּלוצלונג געשטארבען. רבי יוסף בער'ס טויט, און נאָך דערצו אזוי פּלוצלינג, האָט געמאכט א שרעקליכען רושם אין דער אידישער וועלט, און נאָך מעהר, נאטירליך, אין זיין שטאָדט, אין בריסק. אָבער אין דעם טיעפען, אונערוואַרטעטען טרויער אין וועלכען די גאנצע בריסקער קהלה איז פארזעצט געוואָרען, איז ביי יעדען איינציגען קלאָר געוואָרען, אז ביי זיי איז מקוים גע־וואָרען דער „ובא השמש וזרח השמש", און אויף דעם אָרט פון גרויסען נפטר מוז קומען אלס בריסקער רב זיין גרויסער זוהן.

ווי עס פיהרט זיך אין אזא פאל, האָט מען אויף דעם בית־הקברות, בעפאָר דער בעערדיגונג געזאָגט דעם נפטר: „מזל טוב! אייער זוהן רבי חיים איז אונזער רב געוואָרען!" און דאמיט איז די שאלה פון רבי חיים סאָלאָווייציק און זיין ווייטערע טעטיגקייט געלייזט געוואָרען גאנץ אנדערש ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען. פיעל האָבען געזעהן אין דער גאנצער אנגעלעגנהייט, וועלכע איז געקומען אזוי איבערראַשענד, אן אצבע אלקים...

אויפ'ן טאַטען ז"ל, וועלכער איז באלד נאָך פסח אבגעפאָהרען, צום לעצטען מאָל, פון וואָלאָזין קיין ווילנא, און דאָרט האָט ער זיך דערוואוסט פון רבי יוסף בער'ס פּטירה, האָט דאָס געמאכט אן ערשי־טערענדען איינדרוק. קיינער פון די מקורבים האָט דאָס ניט ערוואַרטעט. מען האָט געדענקט דעם קאמף, וועלכען זיי ביידע, דער

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

טאַטע ז״ל און רבי יוסף בער, האָבן געפיהרט צווישען זיך מיט צעהנ־דליגע יאָהרען צוריק און מען האָט געוואוסט, אז אויב די צייט איז שוין לאַנג פאַרביי און אין צווישען זיינען זיי אויך מחותנים געוואָרען, דורכדעם וואס רבי חיים האָט חתונה מיט'ן טאַטענ'ס אייניקעל, איז דאָך ניט געווען קיין באַזונדערע פריינדשאַפט צווישען זיי. אזוי האָט מען גערעכענט. ווי עס שיינט, איז אָבער אין דער ווירקליכקייט געווען אנדערש.

דער טאַטע ז״ל האָט שטאַרק געטרויערט נאָך רבי יוסף בער'ן און האָט געוואָלט דאָרט אין ווילנא איהם מספיד זיין. וויסענדיג אָבער דעם שוואַכען געזונד און די שווערע איבערלעבענישען פון דער לעצטער צייט האָבען די קרובים און די גוטע פריינד ניט צוגעלאָזען דאַצו. ווען דער טאַטע ז״ל האָט אָבער באַשלאָסען, איז ער דאַפון צוריק ניט געגאַנגען אפילו ווען עס האָט אויסגעזעהן, אז אנדערע זיינען שטאַרקער פון איהם. איז דער טאַטע ז״ל אוועקגעפאָהרען קיין מינסק, און דאָרט ניט־האָבענ־דיג קיין נאָהענטע קרובים ווי אין ווילנא, האָט ער קיינעם ניט געפרעגט, נאָר דאָרט וואו ער האָט געדאַוונט, אין אַ קליינע שוהל, „געזעלען שוהל", געלאָזט אויסרופען, אז ער וועט מאָרגען זאָגען אַ הספד אויף רבי יוסף בער'ן. ווען די ידיעה איז באַקאַנט געוואָרען זיינען באַלד געקומען די גבאים פון דער גרויסער שוהל, ווי אויך פון דעם גרויסען בית־מדרש און פאַרלאַנגט, אז דער הספד זאָל זיין ביי זיי. דער טאַטע ז״ל האָט אָבער צוריקגעוויזען זייער פאַרלאַנג מיט דעם מאָטיוו, אז ווי באַלד ער האָט געזאָגט אין „געזעלען שוהל" אז ער וועט ביי זיי האַלטען דעם הספד, וועט ער אנדערש ניט טאָן. ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען, איז געקומען צום הספד אַ גרויסער עולם, וועלכען ניט די שוהל און ניט דער הויף האָט געקענט איינהאַלטען. דער הספד איז געווען זעהר שטאַרק מיט פיעל בכיות, ניט קוקענדיג אויף דעם שוואַכען געזונד־צושטאַנד פונ'ם טאַטען ז״ל. מען האָט געזעהן און געפיהלט, אז ניט קוקענדיג אויף דאָס געוועזענע און אויך אויף דעם וואס די כאַראַק־טערע פון די צוויי וועלט גאונים זיינען געווען גאַנץ פאַרשידען, שטעהט דער צובונד פון תורה און יראת שמים העכער איבער אַלעם.

דער הספד איז געווען דער לעצטער עפענטליכער אויפטריט פון טאַטען ז״ל. זיין געזונד איז געוואָרען שוואַכער און אויך דער מוטה און די ענערגיע האָבען איהם פאַרלאָזען. טראָץ דעם האָט ער באַשלאָ־סען זיך אָנצושטרענגען און טהאָן זיין לעצטען חוב פאַר די ישיבה, באַזוכען אייניגע שטעדט אום צו שאַפען געלד פאַר די חובות צו באַ־

## אין גלות

צאַהלען. אין דער זעלבער צייט האָט דער ברודער, רבי חיים ברלין, פאַרגענומען אַ נסיעה אין אויסלאַנד פאַר דעם זעלבען צוועק. ער האָט דאָן באַזוכט: ב ע ר ל י ן, פ אַ ר י ז, אַ מ ס ט ע ר ד אַ ם און ל אָ נ ד אָ ן. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווי עס שיינט, דער וויטסטער פונקט פאַר אַזאַ מענשען און פאַר אַזאַ צוועק. וועגען פאָהרען איבער׳ן אַטלאַנטיק האָט מען ניט געקלערט...

די נסיעה פונ׳ם טאַטען ז״ל האָט לאַנג ניט געדויערט. ער איז אונ־טערוועגס נאָך שוואַכער געוואָרען און ענדע זומער האָבען מיר גע־מאַכט אונזער צייטווייליגע היים אין מינסק. עס האָט געהייסען, מען וועט איבער ימים־נוראים זיין אין מינסק און אָנהויב ווינטער פאָהרען אין ארץ־ישראל.

אָבער: רבות מחשבות בלב איש...

די פּאָר חדשים, וועלכע אונזער היים איז געווען אין מינסק, איז געווען אַ צייט פון גייסטיגע און פיזישע יסורים פאַר דעם טאַטען ז״ל און פאַר אַלע זיינע ארומיגע. מען האָט געוואָהנט אין אַ דירה, לעבען בריק, וועלכע איז געווען גרויס, אפשר, ווי צוויי צימערען פון אונזער וואָה־נונג אין וואָלאָזין. די הויז־פיהרערשאַפט האָט געמוזט זיין פון איין זייט גוט און נאָבעל צוליעב דעם טאַטענ׳ס ז״ל געזונד און גייסט און פון דער אַנדער זייט איז אויך דאָס נויטיגסטע קוים געווען... מענשען זיינען געגאַנגען און מענשען זיינען געקומען, רבנים, גבירים, עסקנים, יונגע לייט, מען איז געקומען זעהן, הערען, מבקר חולה זיין, געבען כבוד, בעטען אַ ברכה, אָבער אימיצער וואָס זאָל קלאָהרען, אַז די גרעסטע נשמה דאַרף אויך האָבען אַ גוף, און צ ו ם גוף, איז ניט געווען, און אויב ווער עס איז האָט געהאַט אַזאַ מחשבה, איז דאָס געווען פאַרביי־געהענדיג, אָהן אַ זיכערען פּלאַן, אָהן אַ באַשטימטע סיסטעם...

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען די שטימונג פון טאַטען ז״ל. נאָכ־מעהר ווי ער איז געווען קערפּערליך שוואַך, און אויך אַ צייכען פון פּאַ־ראַליז האָט זיך געוויזען, איז ער נאָך מעהר געווען גייסטיג נידערגע־שלאָגען. די הויפּט זאַך איז געווען זיין איינבילדונג אַז ער איז ניט מעהר מוכשר צום לערנען און צו מחדש חדושים זיין ווי געווען. דאָס האָט געווירקט אויף איהם אַזוי שרעקליך, אַז ער האָט געהאַלטען פאַר זיך דעם ש א ל ת ו ת מיט זיין פירוש „העמק שאלה״ און געוויינט מיט טרעהרען, זאָגענדיג:

— „היינט וואָלט איך דאָס ניט קענען״.

און מאַנכעס מאָל איז די מיסשטימונג געוואָרען נאָך שטאַרקער

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

און ער האָט זיך באקלאָגט פאר באקאנטע, שטארק וויינענדיג, אז ער פארשטעהט ניט דאָס וואס ער האָט אמאָל געשריבען. ווען דער באטרע־פענדער האָט איהם אָבער באוויזען רעדענדיג וועגען דעם ענין, אז אויך איצט איז ער מחדש, פרעגט און ענטפערט, איז די שטימונג געווארען בעסער. ווען ער איז געווען אמאָל ביי בעסערער שטימונג האָט ער גע־זאָגט:

„א מאָדנע וועלט. ווען איך האָב געקענט פיעל לערנען אין מיינע יונגע יאָהרען, האָט מען געשריבען אויף מיר „הרב החריף ובקי". ווען איך בין געווארען ראש־ישיבה און אביסעל פארנאכלעסיגט דאָס לערנען האָט מען מיר בעטיטעלט „הגאון הגדול", ווען איך בין עלטער געווארען און האָב פיעל פארגעסען האָט מען מיך טיטולירט „רשכבה"ג". ווען די וועלט וואלט וויסען ווי איך קען איצטער ניט לערנען, וויים איך ניט וואס פאר טיטעל זיי וואָלטען אויף מיר געשריבען"...

דער נידערגעשלאָגענער גייסט האָט אויך שלעכט געווירקט אויפ'ן כאראקטער. אנשטאָט דעם וואס ער איז שטענדיג געוועזען געדול־דיג און גוט געשטימט, איז ער געווארען נערוועז און פעסימיסטיש. איבערהויפט איז ער געווען אומצופרידען מיט דעם וואס ער זיצט „נאָך אלץ אין גלות" און קען ניט פאהרען קיין ארץ ישראל. די גייסטיגע אונגעדולדיגקייט האָט געווירקט אויף זיין פיזישען צושטאנד און די קערפערליכע שוואכקייט האָט ווידער צוריק געווירקט אויף דעם גייסטיגען מצב.

דער חודש אלול תרנ"ב און דער חודש תשרי תרנ"ג זיינען גע־ווען זעהר טרויעריגע טעג. מען האָט קוים איבערגעווארט די ימים נוראים און דעם סכות, אום צו פאָהרען וואס שנעלער קיין ווארשא, פרעגען די דארטיגע גרויסע דאָקטוירים, אויב מען קען פאָהרען וויי־טער נאָך ארץ ישראל און טאָקע באַלד פון דאָרט פאָרטזעצען די נסיעה.

זייענדיג די חדשים אלול און תשרי אין מינסק זיינען ענטדעקט גע־ווארען פאר אונז קינדער אזעלכע מנהגים, וועלכע מיר האָבען אין וואָלאָזין ניט געוואוסט. די ימים נוראים אן און פאר זיך, די טעג פון ראש השנה און יום־כפור האָבען אין דער ישיבה און אין אונזער הויז געמאכט זעהר א שטאַרקען רושם. דעם טאַטענ'ס ז"ל דרשות ראש השנה בעפאר תקיעות אין דער ישיבה און יום־כפור בעפאר „כל נדרי" אין בית המדרש, און דער דאווגען מיט אן אויסערגעוועהנליכען אינערליכען שרעק, די הייסע טרעהרען און די שטילע קרעכצען אין דער צייט פון דאוונען — האָבען געמאכט אויף אלעמען א שטאַרקען איינדרוק. אָבער

# אין גלות

די אלול טעג בעפאר ראש השנה און אפילו עשרת ימי תשובה, האָבען ניט געהאַט אין זיך עטוואס אויסערגעוועהנליכעס. נאָר נאָכ'ן דאַוונען האָט מען געזאָגט צעהן קאַפּיטלעך תהלים, אָבער זאָנסט איז מען געזעסען און געלערענט אַזוי גוט ווי אַלע טעג פון יאָהר. אפילו ראש השנה אַליין, בייטאָג נאָכ'ן עסען האָט מען אויך געלערנט ווי מען האָט געלערענט אַלע שבת. צום תשליך איז מען פון אונזער הויז ניט געגאַנגען, און דאָס לערנען איז דאָך ניט געווען קיין אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג, אומגעקעהרט: דאַדורך וואָס „בין הזמנים", אין דער צייט פון די ימים טובים זיינען פיעלע ישיבה־לייט אוועקגעפאָהרען און די, וועלכע זיינען געבליבען און געזעסען אין דער ישיבה, איז זייער צאָהל וועניגער ווי געוועהנליך, האָבען די טעג געמאַכט אַ שוואַכערען איינדרוק ווי אַ גאַנץ יאָהר.

ערשט זייענדיג אין מינסק האָבען מיר דערפיהלט וואָס מיינען די „תשובה טעג". אין יענער צייט איז געווען אין מינסק דער שטאָדט־מגיד ר' י ש ר א ל ה ו ר אָ ד נ ע ר, אָדער ווי מען האָט איהם גערופען „דער הוראָדנער מגיד". ר' ישראל הוראָדנער איז דאַן שוין געווען אַלט און בלינד, זיין כח אין רעדען איז אָבער געווען אויסערגעוועהנליך שטאַרק. פאַר ראש־השנה האָט ער „געזאָגט" מאָנטאַג און דאָנערשטאַג און עשרת ימי תשובה יעדען טאָג. אין זיין ריידען איז געווען פיעל קונסט אַלס ערשט־קלאַסיגער רעדנער און אויך פילע טיפע געדאַנקען. מען פלעגט דערצעהלען וועגען איהם, אַז אין זיינע יונגע יאָהרען האָט מען איהם געהאַלטען פאַר אַ „משכיל" און ער איז געווען חשוד אויף ניט־פרומקייט. מען האָט אויך געזאָגט, אַז ער האָט געקענט פּויליש און האָט געלייענט פּוילישע ביכער... ווען ער, דער הוראָדנער מגיד, איז געווען אויפגעלייגט פלעגט ער זאָגען צום עולם:

— „אין מיינע יונגע יאָהרען האָט מען מיך ניט געוואָלט הערען, ווייל איך בין געווען ו ו ע נ י ג פרום, היינט צו דער עלטער וויל מען מיך ניט הערען, ווייל איך בין צ ו ־ פ י ע ל פרום. מיינט איהר אפשר, אַז איך האָב זיך געענדערט? ניין! א י ה ר האָט זיך געענדערט!!"

דער אמת איז אָבער, אַז מען האָט איהם יע געוואָלט הערען, ווען ער האָט גערעדט, איז געווען די גרויסע שוהל אין מינסק פול געפּאַקט. ער איז אַנדערש ניט אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן בימה רעדען אויב עס איז ניט געווען קיין גרויסער עולם. זייענדיג בלינד, איז געווען דער סימן פאַר איהם, ווען ער האָט זיך געדאַרפט דורכשטופּען צוליעב די איינגענגיש, האָט ער געוואוסט, אַז עס זיינען דאָ פיעל צוהערער. מאַנכעס

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

מאָל האָט מען איהם אפילו אָבגענארט, ווען די פארזאמעלטע האָבען איהם געוואלט הערען און עס איז נאָך ניט געוועזען גענוג איינג, האָט מען זיך צוזאמענגעשטופּט דאָרט וואו ער האָט געדאַרפט דורכגעהן און מען האָט איהם, דעם אלטען בלינדען, עקסטרא געדריקט, כדי ער זאָל הנאה האָבען און מיינען, אז די איינגשאפּט איז זעהר שטארק...

יעדענפאלס, אין די טעג פון אלול און אָנהויב תשרי איז ניט געווען נויטיג צו מאכען די פאלשקייטען. דער עולם וואס איז געקומען הערען איז געוואָרען כסדר מעהר און די איינגשאפּט איז געוועזען זעהר שטארק, מען האָט אויך צוגעהערט צו יעדען וואָרט, און די ווערטער, וועלכע זיינען ארויסגעגאנגען פון זיין מויל זיינען געווען שארף און ווירקזאם.

ווען ער האָט גערעדט וועגען תשובה טאָן האָט ער ניט געשילדערט דעם גיהנם ווי דער קעלמער מגיד האָט געטהאָן — אויך מיט גרויס פעהיגקייט — נאָר ער האָט אפּעלירט צום פארשטאנד און געוויזען צו פארשטעהן ווי נידעריג עס איז א בעל־עבירה און ווי ווייט דער מענש דארף שטרעבען צו הויכקייט, ריינקייט, הייליגקייט. ווען דער „הוראדנער מגיד" האָט גערעדט און גע׳מוסר׳ט האָט מען געפיהלט ווי טיעף מען איז געזונקען, און פון טיעפען הארצען האָט יעדערער געקרעכצט און מען האָט זעהר ערנסט פארגאָסען טרעהרען. דער געוויין האָט זיך שטארק געהערט און די פארוויינטע אויגען האָבען זיך אויסדריקליך געזעהן. ווען ער איז געקומען אין עקסטאז האָט ער געעפענט דעם „ארון קודש" און ער האָט געזאָגט, דער גאנצער עולם נאָך איהם געוויסע פסוקים: „אל תשליכנו לעת זקנה", „השיבנו אליך ונשובה", און די יללות זיינען געגאנגען עד לב השמים...

די נאכט בעפאר יום כפור האָט ער ווייניגער גע׳מוסר׳ט און מעהר געטרייסט מיט גוטע האָפנונגען אויפ׳ן נייעם יאָהר. אום ניט צו שאַפען די דיסהארמאָניע צווישען דעם וואס ער האָט ביז איצט געזאָגט, אז אלע זיינען זינדיג, אז מען דארף מורא האָבען פאר שווערע שטראָפען און פון דעם וואס ער זאָגט איצט, אז אידען זיינען קדושים, אז מיט א גוט יאהר איז מען זיכער — האָט ער זיך נוהג געווען צו זאָגען דעם אבענד א מין הקדמה. ער האָט דערצעהלט א מעשה: אין א קליין שטעדטעל איז ביי איינעם קראנק געוואָרען א קינד, דער פאָטער האָט געוואלט ברייגען א גרויסען פּראָפעסאָר. ער האָט אָבער ניט געהאַט דאצו די נויטיגע מיטלען, וואס האָט ער געטאָן? — ער איז ארויס איבער׳ן שטעדטעל און האָט דערצעהלט, אז עס געהען אום קראנק־

## אין גלות

הייטען און עס איז א סכנה פאר יעדען איינעם קראנק צו ווערען און שטארבען, מען מוז ברייגנען א באריהמטען פראפעסאר, וועלכער זאל געפינען א מיטעל צו דער קראנקהייט. מען האט זיך צוגעהערט און אלע האבען זיך באטייליגט, מען האט דעם פראפעסאר געבראכט. אזוי שנעל ווי דער פראפעסאר איז געקומען, האט דער פאטער פון דעם קראנקען קינד איהם געבראכט צו זיך אהיים, און דאמיט האט זיך דעם פראפעסאר'ס באזוך געענדיגט, ווייל אלע אנדערע זיינען באמת געזונד געווען, נאר דער אומגליקליכער פאטער האט געמוזט איינריידען אלע מענשען אין שטעדטעל, אז זיי זיינען אויך קראנק, כדי מיט זייער הילף זאל ער קענען ברייגנען דעם גרויסען פראפעסאר צו זיין קראנקען קינד, וואס אליין אהן הילף האט ער ניט געקענט באוויזען.

„כך, אזוי בין איך — פלעגט דער הוראדנער מגיד מיט זיין זיסטרויעריגע שטימע אויסשרייען — א י ך בין דער זינדיגער, א י ך דארף האבען די תשובה, א י ך דארף האבען רחמים, אבער אזוי ווי די תשובה פון א יחיד איז ניט אזוי וויכטיג ווי די תשובה פון א רבים, האב איך געמוזט אייך, טהייערע אידען, איינריידען, אז איהר זייט די זינדיגע, כדי א י ך זאל קענען קריגען מחילה וסליחה פאר מיינע עבירות, אבער איהר זייט באמת קדושים וטהורים, זייט מקבל דעם יום־כפור מיט פולע האפנונג און זיכערהייט, אז איהר וועט האבען א גוט יאהר, א. ז. וו."

עס איז שווער איבערצוגעבען די שטימונג, וועלכע האט געהערשט ווען דער „הוראדנער" האט גערעדט, סיי ווען ער האט געשטראפט, סיי ווען ער האט געטרייסט. יעדער צוהערער איז געווען מיטגעריסען און האט דורכגעלעבט דאס וואס ער האט בשעת מעשה געהערט, ווייל קיין אנדערע געדאנקען האט ניט געקענט זיין ווען דער צויבער־רעדנער פון יענער צייט האט גערעדט און באהערשט די גאנצע אויפמערקזאמייט פון אלע וועלכע זיינען דארט געווען אנוועזענד.

כב.

# אויפין וועג אין ארץ ישראל

די צוויי אייגענשאַפטען, די אונבאַגרענצטע ליעבע צו דער תורה און די שטאַרקע זעהנזוכט נאָך ארץ ישראל, וועלכע זיינען געווען אין טאַטענ'ס ז"ל האַרץ זיין גאַנצען לעבען, האָבען ניט געקענטביידע גלייך פאַרווירקליכט ווערען. די פיהרערשאַפט פון דער וואָלאָזינער ישיבה האָט פאַרנומען די גאַנצע כחות, פיזיש און גייסטיק, און מיט דעם שטאַרק-סטען ווילען באַזעצען זיך אין ארץ ישראל האָבען ניט געקענט זיין דיביידע מעגליכקייטען צוזאַמען, פיהרען די ישיבה אין וואָלאָזין און לעבען אין ארץ ישראל. נאָכדעם ווי די ישיבה האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען איז דער געדאַנקען און דער ווילען, וועלכער האָט באמת גע-הערשט פיעלע יאהרען פריהער, געוואָרען אַקטועל.

דער גאַנצער כאַראַקטער פון טאַטען ז"ל איז געווען דורכזעצען מיט אַן אייזערנע קראַפט זיין וואונש, ווען אויך מיט אַ זאַנפטע און אנגענעהמע האַנדלונג, און אַזוי ווי דעם אידעאַל פון אהבת התורה האָט ער געבראַכט צו דער העכסטער מדרגה, אַזוי האָט ער געשטרעבט צו פאַרווירקליכען זיין אידעאַל וועגען ארץ ישראל. ער האָט זיך ניט צו-פרידענגעשטעלט, ווי פיעלע אַנדערע אַמאָל און היינט, וואָס זיי זיינען מסכים צו ארץ ישראל אָדער אין בעסטען פאַל, זיי באַמיהען זיך אַז אַ נ ד ע ר ע זאָלען געהן נאָך ארץ ישראל. די גאַנצקייט פון זיין גרויסער נשמה האָט געפיהרט דערצו אַז ער אַליין און זיין פאַמיליע זאָל געהן באַזעצען זיך אין אונזער לאַנד. צום באַדויערען איז אָבער אויף איהם אויך נגזר געוואָרען דאָס זעלבע וואָס אויף דעם ערשטען אידישען רבי'ן און לעהרער: משה רבנו: „ושמה לא תבא"...

אויפ'ן וועג נאָך ארץ ישראל איז דער טאַטע ז"ל געווען אין די לעצטע טעג פון זיין הייליגען לעבען. זייענדיג אין מינסק שוואַך פיזיש און מוטהלאָז גייסטיג איז געווען דער איינציגער שיין פון האָפנונג און שטראַהל אין דער צוקונפט ווען ער האָט געהאָפט אַז פון דאָרט פאָה-רען מיר אַלע, די גאַנצע פאַמיליע, נאָך ארץ ישראל. די דאָקטוירים וועלכע האָבען איהם באַהאַנדעלט, האָבען אָבער ניט ערלויבט אונטער-נעמען אַזאַ ווייטע נסיעה, וועלכע איז אין יענע צייטען געווען פאַרבונ-דען מיט געוויסע שוועריגקייטען, אין זיין געזונדס-צושטאַנד. זיי, די דאָק-

הונדערט אַכט און פופציג

טוירים, האָבען געראטהען, מען זאָל פאָהרען אין ווארשא וואו עס זיי־נען דאן געווען באריהמטע פראפעסארען, און ערשט פון דארטען זאָל מע ווייטער פאָהרען. אזוי זיינע מיר אלע גלייך נאָך סכות, אוועקגע־פאָהרען אין ווארשא, אויף א קורצער צייט, מיט דער דעה צו קאָנסול־טירען די דאָקטוירים, און דעם זעלבען ווינטער צו זיין אין דער גע־ווינשטער לאנד, ארץ ישראל. קומענדיג קיין ווארשא איז אונז, די מיט־גלידער פון דער פאמיליע, קלאָר געווארען, אז אזוי גיך וועט מען ווייטער ניט פאָהרען.

די פראפעסארען וועלכע זיינען איינגעלאדען געווארען, די גרעסטע און באריהמטסטע וועלכע זיינען דארט געווען, האָבען ביי דעם ערשטען באזוך דערקענט אז זיי האָבען אן אויסערגעוועהנליכען פאציענט, און זיי האָבען אנערקענט אז ווען זיי זאָלען שטעלען איהם פאר איין ספק די נסיעה נאָך ארץ ישראל וועט דאָס שווער ווירקען. דאריבער האָ־בען זיי ניט מבטל געווען די רייזע, נאָר אָבגעלייגט פון חודש צו חודש. עס איז אָבער געווען צו פארשטעהן אז אין דער ווירקליכקייט איז די לאנגע ערגער.

דאָס זעלבסט־געפיהל פון טאטען ז"ל און פון אלע ארומיגע איז געווען זעהר שווער, שווער געווען צו האָבען דעם באוואוסטזיין אז פון וואָלאָזין איז מען ארויס און אין ארץ ישראל פאָהרט מען ניט...

דאצו איז נאָך געווען א באזונדער געפיהל פון פרעמדקייט דאָס זיצען אין ווארשא. דער אונטערשיד פון „ליטוואקעס" ביז פוילישע אידען איז דאן געווען זעהר גרויס. אין יענע צייטען, בערך פערציג יאָהר צוריק, איז געווען א תהום צווישען די איינגעבאָ־רענע אידען אין פוילען און די ניי־אָנגעקומענע פון וועלכע טייל לאנד עס איז, נאָר אויב ניט פון פוילישע איז שוין ממילא א „ליטוואק". און אויף די „ליטוואקעס" האָט מען געקוקט פון אויבען ארונטער. דער בטול פון די פוילישע אידען צו די „פרעמדע" האָט געהאַט א דאָ־פעלטען כאראקטער. די פוילישע אידען האָבען זיך געהאלטען אין „זייער מדינה" פאר בעלי בתים, ביי זיך אין דער היים, און די צוגע־קומענע אידען זיינען באטראכט געווארען אלס אימיגראנטען, צוזאמענ־געלאָפענע, און אמאָל אויך אנטלאָפענע... און דאצו האָט יעדער פוי־לישער איד, א חסיד אדער א מתנגד, געהאלטען פון זיך אלס דער אמת'ער ירא שמים, און דער „ליטוואק" איז געווען אין זיינע אויגען, אין בעסטען פאל, „אָנגעשטאָכען" און ער דאַרף האָבען בדיקה...

פון דעם חשד זיינען ניט ניצול געווארען אפילו באריהמטע פערזאָ־

נען, וועלכע מען האָט זיי אַנערקענט אין לומדות און אין גאונות, אָבער זייער פרומקייט איז דאָך געווען געשטעלט אין ספק... און ווען מען זוכט געפינט מען, אָדער מען מיינט אַז מען געפינט. ווען רבי הלל ליפשיץ איז אָנגעקומען פאַר אַ רב אין לובלין, האָט מען „געפונען" אויף איהם אַן „עולה" וואָס זיין יאַרמולקע איז ניט געווען גענוג שפּיציג...

אין וואַרשאַ האָבען די „ליטוואַקעס" שוין געשפּיעלט אַ געוויסע ראָלע. זיי זיינען געווען קאָנצענטרירט אין דער „ליטווישער חברה ש"ס", וואו ניט נאָר אין נאָמען, נאָר מען איז אין דער ווירקליכקייט געזעסען און געלערנט. בראש פון דער קהלה איז געשטאַנען דאַן אַ געוויסער גביר יעקב ברוידה, וועלכער איז געווען אַ פרומער איד און אַ גרויסער בעל צדקה. ער האָט אויך שוין אין יענע יאָהרען גענומען אַ גרויסען טייל אין דעם אויפבוי פון ארץ ישראל. ער איז דאָרט אויך געפאָהרען און האָט געבויט הייזער אין ירושלים און איז אויך געשטאַנען בראש פון דער חברה „מנוחה ונחלה", וועלכע איז געווען דער אָנפאַנג פון דער קאָלאָניע „רחובות". דער זעלבער יעקב ברוידה מיט אַנדערע חשוב'ע בעלי בתים פון דער „ליטווישער חברה ש"ס" האָבען פאַרשטאַנען אַז מיט כבוד אַליין איז ניט גענוג, און האָבען געמאַכט פאַר אונזער פאַמיליע אַ היימישע סביבה מיט אַ זיכערען עקזיסטענץ. די דירה וואו מיר האָבען געוואָהנט איז נאַטירליך ניט געווען קיין פאַר־גלייך צו די געוואָהנהייטען אין וואָלאָזין און אויך דאָס גאַנצע לעבען האָט ניט געטראָגען דעם גרויסען פאַרנעהמען כאַראַקטער וועלכען מיר זיינען געוואוינט געווען, אָבער מען איז געווען צופריעדען ווי עס איז, ווייל דאָס זיצען דאָרט אין וואַרשאַ איז באַטראַכט געווען אַלס אַן אכסניא פאַר איניגע חדשים. מען איז דאָך געשטאַנען אויפ'ן וועג אין ארץ ישראל...

ניט אכטענדיג דאַרויף וואָס אויף וואָלאָזין האָבען די פּוילישע אידען געקוקט אַלס דער קוואַל פון די „ליטוואַקעס", און די וואָלאָזי־נער ישיבה איז ניט פאַרשטאַנען געוואָרען אָבגעשעצט צו זיין אפילו ביי די לומדים און חסידים, איז דאָך דעם טאַטענ'ס ז"ל נאָמען געווען ביי זיי זעהר גרויס. מען האָט ניט צוגעלאָזען צום טאַטען ז"ל קיין פרעמ־דע מענשען, אויסער יחידי סגולה, אום איהם ניט צו שטערען אין די רוהיגקייט וועלכע ער האָט נויטיג געהאַט. טראָץ דעם זיינען געקומען פילע באַזוכער יעדען טאָג אויך פון די פּוילישע אידען. איינער אַ וואַרשעווער גביר, ער איז איצט אַ בעל הבית אין „בני ברק",

# אויפ'ן וועג אין ארץ ישראל

האָט זאָגאר זוכה געווען אן אייגענאַרטיגע מצווה. דער טאַטע ז"ל פלעגט מאַכען קידוש אַלע שבת אויף ז י י ן ווייַן. יעדען פרייטאָג-צו-נאַכט פלעגט דער באַטרעפענדער מאַן אליין, אדער דורך דעם מלמד פון זיינע קינדער, אַן אדם חשוב, ברענגען אַ פלעשעל ווייַן, און אוועק-שטעלען דאָס אויפ'ן טיש, הערען דעם טאַטענ'ס ז"ל קידוש, זאָגען „גוט שבת" און אוועקגעהן. אַ שטילע, רוהיגע פאַרעהרונג פון אַ שעהנעם אידישען כאַראַקטער.

די שטימונג ביי אונז אין הויז איז געווען אַ געדריקטע. דער טאַטע ז"ל איז געווען ליידענד, דאָקטוירים און פּראָפעסאָרען זיינען גע-קומען, און נאָך יעדען באַזוך האָט מען געפיהלט אַז די קראַנקהייט ווערט ערנסטער, ווען אפילו אויסערליך איז ניט געווען צו מערקען קיין פאַרענדערונג, און די דאָקטוירים האָבען פון דער פאַמיליע דעם מצב פאַרלייקענט. אָבער נאָך מעהר ווי די קראַנקהייט אליין האָט דער טאַטע ז"ל געליטען גייסטיגע שמערצען וואָס ער האָט ניט געקענט מעהר זיין טהעטיג און האָט אויך ניט געקענט זיך פריי באַוועגען. דער מענש וועלכער איז געווען שטענדיג אַקטיוו, דער מח וועלכער האָט שטענדיג געאַרבייט, און דער קערפּער וועלכער איז געווען אימער באַוועגליך, דער קרייז פון דענקען און טהאָן איז געווען אונגעהייער ברייט און ווייט, מוז דאָ זיצען פאַרשפּאַרט אין איינגע צימערען, עס איז אויך שווער פון איין צימער אין דעם אַנדערען איבערצוגעהן, שרייבען בריעף אָדער תשובות איז אונמעגליך, און דער געפיהל איז דאָ אַז דאָס רוישיגע לעבען איז הינטער זיך... קען נאָך עטוואָס שרעקליכערעס זיין?... די איינציגע נחמה איז געווען ווען מען האָט גערעדט און געלערענט אָדער ווען מען האָט געשמועסט וועגען ארץ ישראל.

דאָס איז געווען פאַר פּסח תרנ"ג, האָט מען דאַן געעפענט דעם געשעפט „כרמל" אין וואַרשא צו פאַרקויפען ארץ ישראל'דיגע ווייַן. נאָך בעפאַר דאָס געשעפט איז אָפיציעל געעפענט געוואָרען, אַזוי שנעל ווי דער ווייַן איז אָנגעקומען אין וואַרשא, האָבען די פיהרער פון „כרמל" מיט דעם דערמאָנטען יעקב ברוידה אין דער שפּיצע, אַריינגעשיקט דעם טאַטען ז"ל אייניגע פלעשער ווייַן. ניט קוקענדיג אויף די פיזישע און גייסטיגע ליידען, איז זיין פּנים ווידער ליכטיג געוואָרען און די אויגען האָבען געשטראַהלט פון שמחה:

— „ברוך השם, וואָס מיר האָבען דערלעבט ארץ ישראל ווייַן, פון אידען געפלאַנצט, אויף אידישע לאַנד געוואַקסען, אַ זכות פאַר אונז אַלע-

מען, לאכול מפריה ולשבוע מטובה, ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!"

די ווערטער און אויסדריקע פון שמחה אויף דעם וואס מיר קענען הנאה האָבען פון ארץ ישראל'דיגע פירות, האָבען ניט אויפגעהערט געזאָגט צו ווערען די עטליכע טעג ווי לאנג דער ארץ ישראל וויין איז געוועזן א נייעס. ער האָט אויך נאַטירליך פארלאנגט אז צו די סדרים זאָל סערווירט ווערען דער וויין, ניט קוקענדיג וואָס מען האָט געזאָגט אז עס איז צו שטאַרק פאר איהם, און ביי יעדער ברכה אויף דעם וויין, האָט מען געפיהלט ווי אינערליך גרויס איז די פרעהליכקייט.

אויך אויסער דעם פאַל האָט מען ביי אונז אין הויז, אין יענער צייט, זעהר פיעל גערעדט וועגען ארץ ישראל. עס זיינען אָבער געוועזן מענשען, וועלכע זיינען צום טאַטען ז"ל געשטאַנען נאָהענט און האָבען ניט פארשטאַנען אבצושעצען דעם ווערטה פון „חבת ציון", ווי עס האָט דאַן געהייסען, און געזוכט דאָס צו פארקלענערען. איינער פון די מענשען איז געווען מיינער א רבי, א גרויסער למדן, געווען פון די חשוב'ע תלמידים אין וואָלאָזין און אויך פון א יחוס'דיגער משפחה. איינינגע שעה א טאָג האָט ער מיט מיר געלערנט. נאָכדעם האָב איך געלערענט פאר זיך אליין. איינמאָל ביים לערנען מיט'ן רבי'ן, איז דער שמועס ארויפגעקומען וועגען ישוב ארץ ישראל. (אויב איך מאַך ניט קיין טעות, האָבען מיר דאַן געענדיגט כתובות און דעריבער איז דער שמועס ענטשטאַנען). איך האָב מיט התלהבות גערעדט וועגען דעם ענין אז דעם רבי'ן וועלכער, ווי עס שיינט, געווען זעהר ווייט דערפון, איז געוואָרען נויטיג מיט מיר צו דיסקוטירען און „אָבשלאָגען פון געדאנקען". ער האָט אָנגעהויבען צו ריידען אויף די קאָלאָניסטען אז זיי זיינען ניט פרום, מחללי שבת, א. ד. גל., איך האָב איהם געבראַכט ראיות פארקעהרט, אז עס איז דאָ יראים ושלמים א. ז. וו., ביז צולעצט איז דער רבי אויף מיר אין כעס געוואָרען און האָט מיר פאָרגעוואָרפען: „ווי קענסטו האלטען אז די קאָלאָניסטען זיינען פרום, ווען דו ווייסט אז דער טאַטע האָט גע'אסר'ט אירגענד וועלכע ארבייט אין דעם שמיטה יאהר, און זיי די קאָלאָניסטען, האָבען ניט געפאָלגט און געארבייט?" דער פארוואורף האָט מיר זעהר וועה געטאָן. איך האָב מיך אָבער ניט פארלאָרען און מיט א וויינענדיגען קול — וואָס האָט ביי מיר שטענדיג פאַסירט ביי גרויסע אויפרעגונג — געענטפערט: „די קאָלאָניסטען זיינען ניט שולדיג, זיי האָבען זיך געמעגט פארלאָזען אויף די רבנים וועלכע האָבען מתיר געווען. מען וועט קיינמאָל ניט אסר'ן א קצב —

## אויפ'ן וועג אין ארץ ישראל

האָב איך צוגעלייגט — ווען ער פּאָלגט דעם רב וואָס האָט זיין שאלה מתיר געווען, ווען אפילו אן אנדער רב האָט גע'אסר'ט, ווי לאַנג עס איז ניט אריין אין דעם גדר פון „אין בית דין אחר רשאי להתיר". און ניט וואַרטענדיג אויפ'ן רבינ'ס תשובה בין איך וויינענדיגערהייט אריינגעלאָפּען אין טאַטענ'ס ז"ל צימער, און דער רבי איז מיר נאָכגעגאַנגען, און איך האָב דערצעהלט דעם טאַטען ז"ל דעם גאַנצען ויכוח. דער טאַטע ז"ל האָט אויסגעהערט און מיט אַ שמייכעל געזאָגט צום רבי'ן: „ביי אייך איז מקוים געוואָרען „מעולם לא נצחני אלא תינוק", דאָס מאָל איז מאיר געוועכטן. איך האָב חלילה ניט קיין טענות געגען די קאָלאָניסטען, וועלכע האָבען זיך נוהג געווען ווי די מתירים האָבען זיי געפּסקנ'ט, אויב איך האָב אַ טענה, איז עס צו די וועלכע האָבען דעם היתר ארויסגעגעבען, אָבער די קאָלאָניסטען האָבען געהאַט אויף וועמען צו פאַרלאָזען זיך".

און ניט נאָר בנוגע צו ארץ ישראל איז דער טאַטע ז"ל שטענדיג געשטאַנען איבער די אייגענע געפיהלען, נאָר אין אלץ מיט אלעם איז ער געווען דער מוסטער פון גערעכטיגקייט און גלייכהייט, ניט וועלענדיג וועה טהאָן וועמען עס איז. אמאָל ביי אַ מסיבה, האָט מען גערעדט וועגען חסידישע רביים, און מתנגדים וועלכע זיינען געזעסען ביים טיש האָבען אויסגעדריקט שאַרפע ווערטער וועגען דעם אַרט לעבען פון די „רביים", וועלכע פאַרשווענדען פיל געלד, און אין זייערע „הויפען" הערשט לוקסוס אין דער צייט ווען גרויסע גאונים און ראשי ישיבה האָבען קוים צו מאַכען אַ שווערען לעבען, דאַרויף האָט דער טאַטע ז"ל געזאָגט:

— „עס איז אומזיסט אייערע טענות. מיר געפינען אז ס'איז אזוי שטענדיג געווען. דער יסוד פון תורה, דאָס וואָס עס זיינען רבנים און ראשי ישיבות, איז שטענדיג געווען אָרים, און דער יסוד פון עבודה, דאָס וואָס עס איז אַ חסידישער רבי, איז שטענדיג געווען רייך. משה רבנו, דער עמוד התורה האָט מעהר ווי זיין מטה ניט געהאַט, און אהרן הכהן, דער עמוד העבודה איז געגאַנגען אנגעטהאָן אין גאָלד און בריליאַנטען."

אזוי אויך אין פּריוואַט לעבען איז דעם טאַטענ'ס ז"ל קוק געווען אנדערש, פיעל מילדער, ווי אנדערע. אין וואַרשא האָט געוואָהנט דעם טאַטענ'ס ז"ל אַ פלימעניק, זיינע אַ טאָכטער האָט געוואָלט חתונה האָבען מיט אַ בחור, וועלכער איז דער מיידעל'ס פאָטער ניט געווען צום הארצען. דער פאָטער איז פון דעסטוועגען געקומען צום טאַטען ז"ל מיט זיין טאָכטער זיך דורכריידען, און ער איז געווען זיכער אז דער

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

טאטע ז״ל וועט איהם געבען גערעכט. נאָכדעם ווי דער מיידעל׳ס פאָ־טער האָט אָבגעזאָגט זיינע טענות אלעס וואס ער האָט געהאַט געגען דעם חתן, האָט דער טאטע ז״ל איהם א פרעג געטהאָן:

— איז דער בחור א אידישער מענש, געהט ער בדרך הישר?״

ענטפערט איהם דער מיידעל׳ס פאָטער: יא.

דאן פרעגט איהם דער טאטע ז״ל: „טאָ פארוואס ווילט איהר ניט דעם שידוך?״

— „דער בחור געפעלט מיר ניט״, ענטפערט דער פאָטער.

זאָגט איהם דער טאטע ז״ל: „וואו שטעהט דאָס אז ער דארף א י י ך געפעלען? ער דארף אייער טאָכטער געפעלען, אָבער ניט אייך. זאָל זיין מיט מזל!״

אזוי גרויס ווי די גוטסקייט און מילדקייט איז געווען אין פער־זענליכע באציהונגען, אזוי איז אָבער אויך געווען די שטארקייט און ניט־נאָכגעביגקייט ווען עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען א דין אדער אן אָנגענומענעם מנהג. עס איז אין יענער צייט געבאָרען געוואָרען א זוהן ביי איינעם פון די קינדער פון דער קאָלאָניע ר ח ו ב ו ת, וועלכער איז דאן מיט זיין וויב געווען אין ווארשא — א ל י ה ו ז א ב ל ע ו ו י ן ע פ ש ט י י ן — און ער האָט געוואָלט זיין קינד א נאָמען געבען ר ח ב ע ם. ער האָט איינגעלאדען דעם טאטען ז״ל אויף סנדק און געזאָגט דעם נאָמען וועלכען ער האָט אין זינען. דער טאטע ז״ל האָט געזאָגט אז ער קען ניט מסכים זיין צו דעם נאָמען רחבעם, ווייל שם רשעים ירקב. דאביי איז דער שמועס געבליבען, דער טאטע ז״ל האָט אָבער געווירדיגט דעם וואונש פון דעם בעל הברית, פארבינדען דעם נאָמען פון זיין קינד מיט זיין טהעטיגקייט אין ארץ ישראל, און ניט קענענדיג קומען צום ברית, האָט ער צוגעשיקט א צעטעל צום בעל שמחה מען זאָל דעם קינד א נאָמען געבען ר ח ב י ה, א נאָמען וועלכער ווערט דערמאָנט אין „דברי הימים״ און געוועהנליך איז ער ווייניג באקאנט. נאטירליך איז די עצה אנגענומען געוואָרען און דער נאָמען רחביה איז זייט דאן פארשפרייט אנשטאָט דעם נאָמען רחבעם.

ניט קוקענדיג דארויף וואס דאָס זעלבסט־געפיהל פון דעם טאטען ז״ל ווי אויך די שטימונג פון דער גאנצער פאמיליע איז געווען א געדריקטע, די קראנקהייט אן און פאר זיך; און דאצו דער געדאנקען אז מען שטעהט אויפ׳ן וועג, דאָס זיצען אין ווארשא איז נאָר פארביי־געהענדיג, האָט זיך דאָך געבילדעט א צענטער פון תורה און גייסטיגקייט

# אויפ'ן וועג אין ארץ ישראל

ביי אונז אין הויז, און זאָגאר מען האָט קיין פרעמדע פּערזאָנען ניט צוגעלאָזען, איז דאָך געווען א סך מענשען פון מאָרגענס ביז אבענדס. עס זיינען כמעט יעדע וואָך און אמאָל אויך טעגליך געקומען נייע מענשען, כמעט אלע מיטגלידער פון אונזער פארצווייגטער משפחה האָבען געפונען זייער חוב צו קומען באזוכען דעם גרויסען קראנקען פון אלע טיילען פון לאנד, און אויך אויסער דעם זעהר פיעל באדייטענדע פּערזאָנען פון פארשידענע ריכטונגען, זיינען געוואָרען פון די באזוכער ווען זיי זיינען דורכגעפאָהרען וואַרשא אדער זיי זיינען עקסטרא געקומען. און אָבגעזעהן פון דער פיזישער שוואכקייט איז נאָך אויסגעקומען דעם טאַטען ז"ל צו ענטפערען תשובות אויף וויכטיגע שאלות, אָבער ניט מעהר בכתב נאָר בעל פּה.

דאַן איז אויך ענטשטאַנען דער פאַרלאַנג פון הונדערטע און הונדערטע תלמידים אז מען זאָל פאַרעפענטליכען די טויזענדע תשובות וועלכע דער טאַטע ז"ל האָט געענטפערט אין פאַרלויף פון צעהנדליגע יאָהרען. דעם פאַרלאַנג איז שווער געווען נאָכצוקומען צוליעב טעכנישע שוועריגקייטען, ווייל עס זיינען ביי אונז קיינע קאָפּיעס פון די פיעלע תשובות ניט געבליבען און מען האָט געמוזט אָנפרעגען ביי די, וועלכע האָבען ביי זיך די בריעף מיט די תשובות, אז זיי זאָלען דאָס צושיקען. און דעריבער זיינען געדרוקט נאָר א קליינער טייל פון דעם וואס דער טאַטע ז"ל האָט „געענטפערט", אין דעם „משיב דבר". די צווייטע מניעה איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, אז דער טאַטע ז"ל האָט ניט געהאַלטען פון דרוקען „תשובות". עס האָט גענומען א געוויסע אָנשטרענגונג צו משפיע זיין אויף איהם, דורך געוויסע פּערזאָנען פון וועלכע ער האָט געהאַלטען, אז ער זאָל מסכים זיין צום דרוקען. מען האָט איהם באַוועגט צו שרייבען זאָגאר א קליינע הקדמה אין וועלכע עס איז קענטיג די גייסטיגע שמערצען פון דעם מחבר.

די לעצטע פאַמיליען־שמחה, וועלכע איז געווען פאַרמישט מיט פיעל צער, האָט דער טאַטע ז"ל געהאַט ערב ראש חודש אייר תרנ"ג. דאַן איז געווען מיין „בר מצוה", און ווי עס איז קיינעם פון אונז ניט געווען צום מוטה, איז געווען געמאַכט א שטילע שמחה, ביי וועלכע, ווי געוועהנליך, האָט דער בר מצוה געזאָגט א דרשה. די דרשה איז געווען אין דעם ענין פון הבאת העומר און עס איז ציטירט געוואָרען א גרויסע שטיק תורה פון „העמק שאלה". און ווען ביי דער גאַנצער דרשה, וועלכע האָט רעכט לאַנג געדויערט, האָט דער טאַטע ז"ל געוויינט, פיעלייכט טרעהרען פון שמחה, איז אָבער ביים דערמאָנען די

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

תורה פון „העמק שאלה" קענטיג געווארען טרעהרען פון טיעפען צער, און דער טאַטע ז"ל האָט געזאָגט צו זיינע מקורבים:

— „אזוי האָב איך דאָס מחדש געווען, היינט וואָלט איך דאָס ניט קענען".

דאָס איז געווען דער טיעפסטער אויסדרוק פון אונגליק, ווען דער מענש וועלכער איז אין גאנצען תורה, דער מענש וועלכער האָט, מען קען זאָגען, אין גאנצען לעבען געקלעהרט אין לערנען און געלעבט אין לער־נען, זעהט זיך ניט מעהר פעהיג צו ערפילען זיין אויפגאבע אויף דער וועלט, ווען עס איז ניטאָ די מעגליכקייט צו מחדש זיין אין דער תורה.

וואו נעמט מען די שפראך, דעם טיעפען צער און די שטילע יסורים אויסצודריקען?

## כג.

# צוגענומען די שליסלען

דער זומער איז געקומען. עס איז אויפגעשוואומען די האפנונג אז איצט, ווען די לופט איז גוט, די נסיעה נאך ארץ ישראל איז לייכט, וועט מען קענען פאהרען אהין וואו די הארץ גלוסט אזוי שטארק. ווען איי־נער פון די שטענדיגע באזוכענדע דאקטוירים, אדער א קאנסיליום פון פראפעסארען זיינען געקומען צום טאטען ז״ל, האט ער זיך געפרעגט ווען וועט ער קענען „ווייטער״ פאהרען, דאס האט געמיינט, פאהרען פון ווארשא נאך ארץ ישראל. די תשובות זיינען אבער געווען שטענדיג אויסוויכענדיג, ניט קלאהרע, ווייל ערלויבען די נסיעה האט מען ניט גע־קענט און זאגען אז ניט, האט מען ניט געוואלט. די מענשען וועלכע זיי־נען געווען ארום דעם גרויסען חולה האבען אבער גערעדט וועגען פאהרען אין ארץ ישראל אזוי ווי דאס וואלט געווען א פראגע פון היינט, מאר־גען. איינער פון די באקאנטע האט געמאכטע א פארשלאג אז דער טאטע ז״ל זאל עפענען אין ארץ ישראל א גרויסע ישיבה. דער פארשלאג איז אבער ניט געווען צום הארצען, און דער טאטע ז״ל האט געענטפערט:

— „מיין וואונש איז, איך זאל זוכה זיין צו קומען אין אונזער היילינ לאנד. וועגען מעהר ווי דאס קלעהר איך ניט״.

ווי עס שיינט, איז דער געדאנקען און דער ווילען צו קומען אין דעם הייליגען לאנד געשטאנען אזוי שטארק אין פאדערגרונד, אז אלעס אנדערע איז אפגעשטעלט געווארען אן א זייט.

צום אונגליק איז אבער ניט באשערט געווען אז דער גרויסער ווילען פון דעם ריזען־מענשען זאל פארווירקליכט ווערען. אין פארלויף פון דעם זומער, דער לעצטער זומער, איז געווען פארשיעדענע צייטען, בע־סערע און ערגערע. מאנכע טעג האט געשיינט אז עס געהט צום גוטען, דאן איז אבער געקומען א רעאקציע. ביז עס איז געקומען דער שרעק־ליכער סוף: נצחו אראלים את המצוקים.

איינער פון די גוטע טעג יענעם זומער איז געווען שבעה עשר בתמוז. מיר זיינען דאן געזעסען אויף א זומער־וואהנונג לעבען ווער־שא. עס איז געווארען פריהמארגען און ווי געוועהנליך האט מען אריינ־געבראכט דאס טרינקען און דאס לייכטע עסען, דען ווען מען קען קומען

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אויפ'ן געדאנקען אז ביי אזא צושטאנד וועט זיין דער ווילען צו פאס־טען?

דער טאטע ז"ל האט אָבער ניט גענומען קיין זאך, מיט דעם אויס־רייד, עס איז דאָך א תענית צבור, וויל ער ווארטען א פאָר שעה. די פאָר שעה זיינען פאַראיבער, מען בעט איהם ער זאָל עפּעס נעהמען אין מויל, ער ענטזאגט זיך ווידער. ער גיט א טעם, עס איז כדאי צו ווארטען ביז נאך מנחה גדולה. די בני בית ווערען נאטירליך אומרוהיג, מען קען אָבער ניט העלפען. דער טאטע ז"ל האט זיך גוט געפיהלט, געגאנגען אין גאָרטען לעבען הויז אביסעל שפּאצירען, געלערענט, אונטערהאלטען זיך, און האט ניט געגעבען צו ערקענען אז ער פיהלט דעם תענית. ווען עס איז געווארען האלבער טאָג און מען איז צוגעשטאנען צו איהם ער זאָל עסען, האט ער געזאָגט, אז ער פיהלט ניט קיין נויטיג־קייט דארין, צו עסען אדער צו טרינקען אין א תענית ווי באלד אז ער פיהלט ער קען פאסטען. ניט וועלענדיג דאָס צולאָזען און זעהענדיג אז די שטוביגע מענשען וועלען ניט קענען משפיע זיין, האט מען געשיקט נאָך איינעם פון די ווארשעווער מורי הוראה, וועלכער איז גע־ווען זעהר חשוב ביים טאטען ז"ל, רבי נ פ ת ל י, אן אייניקעל פון „זית רענן". רבי נפתלי איז געווען אמאָל א וואָלאזינער ישיבה־מאַן, און אלס ווארשאווער מורה הוראה איז ער באריהמט געווען ניט נאָר אלס גדול בתורה, נאָר אויך אלס א צדיק. צוזאמען מיט רבי נפתלי'ן האט מען אויך געבראכט איינעם פון די שטענדיגע דאָקטוירים, וועלכע האבען דעם טאטען ז"ל אָפּט באזוכט, דר. א ר א נ א ו ו י ט ש, וועלכער איז אויך געווען א וואָלאזינער ישיבה־מאַן. מען האט גערע־כענט, אז דיביידע וועלען משפיע זיין צו ברעכען דעם תענית. דאָס האט אָבער אויך ניט געהאָלפען. דער טאטע ז"ל, ווי זיין געוואָהנהייט שטענדיג, האט אלעם אויסגעהערט, מילד געענטפערט און געבליבען ביי זיין באשלוס.

אין דעם זעלבען טאָג איז גראדע געקומען צו אונז באזוכען דעם טא־טענ'ס ז"ל א נאָהענטער קרוב, א שוועסטער'ס אן אייניקעל, וועלכער איז געווען א איד א תלמיד חכם. דאצו איז ער אויך געווען רייך און האט געהאט אין זיך די גבירישע ברייטקייט... ער איז געקומען צו־פאָהרען מיט איינינע פון זיינע קינדער, יונגע מענשען. און ווען ער האט געהערט אז דער טאטע ז"ל פאסט, ניט קוקענדיג אויף די אלע עצות און בקשות פון זיינע ארומיגע, האט ער געוואָלט צוטרעטען צו דעם ענין פון אן אנדער זייט. האט ער געפרעגט דעם טאטען ז"ל א

# צוגענומען די שליסלען

שאלה, אויב ער וועט א י ה ם ערלויבען, צוזאמען מיט זיינע קינדער, ביי אונז אין הויז צו עסען, ווייל עס איז זיי שווער צו פאסטען דעם גאנצען טאג... דער טאטע ז״ל האט שנעל געענפערט:

— געוויס, ווי באלד אייך איז שווער צו פאסטען, דארפט איהר טרינקען און עסען.

און דער טאטע ז״ל האט געהייסען גרייטען צום טיש, מכבד זיין די אורחים, ווייל, האט ער געזאגט, דער תענית נעהמט ניט אוועק די מצוה פון הכנסת אורחים. און אזוי איז אויסגעקומען, אז מען איז געזעסען ביים טיש, די געזונטע, און די יונגע האבען געגעסען און דער טאטע ז״ל האט געפאסט. ער האט אויך דעם תענית משלים געווען.

מורא האבענדיג אז אויך תשעה באב וועט דער טאטע ז״ל וועלען דורכפאסטען דעם גאנצען מעת-לעת, און זעהענדיג אז עס איז שווער אז ווער עס איז פון די נאהענטע זאל קענען ענדערען זיין מיינונג, האבען מיר, די בני בית, געשריבען א בריף צו רבי י צ ח ק א ל ח נ ן אין קאוונע און געבעטען איהם ער זאל „גוזר״ זיין, אז דער טאטע ז״ל ניט פאס־טען דעם קומענדען תשעה באב. מיר האבען גערעכענט, אפשר וועט רבי יצחק אלחנן׳ס ווארט האבען א שטארקערע באדייטונג אלס אן אנ־דערענס. דער בריעף פון רבי יצחק אלחנן איז געקומען, אייגענהענדיג געשריבען, מיט גרויס כבוד אבער אויך מיט א געוויסע שטארקייט, ווי איינער פסק׳ענט א שאלה. ליידער איז דער בריעף שוין ניט מעהר נויטיג געווען.

דער חודש אב, וועלכער איז מוכן לפורעניות, איז אויך דאמאלס געווארען דער ביטערסטער און טרויעריגסטער חודש פאר אלע אידען. די גרויסע ליכט פון דער אידישער וועלט און דער גרויסער שטראהל פון דער תורה האט אנגעהויבען צו זינקען.

דער גאנצער חודש אב איז געווען א חודש פון חורבן. דער געזונד־צושטאנד פון טאטען ז״ל און דער זעלבסט-געפיהל איז געווארען ערגער און טאג-צו-טאג. די דאקטוירים האבען געארדענט אז מען זאל אריין צוריק אין שטאדט, אין ווארשא, פון דער זומער-וואהנונג. וואס ווייטער איז געווארען שווערער די באוועגונג און אויך שווערער די אויס־שפראכע. דער געדאנקען, דער גרויסער און ברייטער געדאנקען, איז געבליבען קלאר ביז דער לעצטער מינוט. אויך געשריבען האט דער טאטע ז״ל ביז דעם לעצטען טאג, נאטירליך מיט א צובראכענער האנדשריפט. די צעטלאך וועלכע זיינען געשריבען געווארען אין די לעצטע טעג זיינען

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

געבליבען אין די הענד פון איינעם וועלכער אלס א געוועזענער וואָלאָ־זינער ישיבה־מאַן, האָט צוזאמען מיט פיעלע אנדערע ווארשאווער יונגע לייט בני תורה געהאט דעם זכות משמש זיין דעם גרויסען רבי'ן.

דער טאָג מיטוואך, כ"ז אב, איז געווען דער לעצטער טאָג פון דעם הייליגען ארט לעבען פון איינעם פון די גרעסטע אידישע גאונים און פיהרער פאר דורות און דורות. דער טאטע ז"ל אליין און אלע ארומיגע האָבען געפיהלט אז די לעצטע שעה האָט געשלאָגען. אין הויז ביי אונז איז געווען א מנין און דער טאטע ז"ל האָט פון זיין קראנקען בעט מיטגעדאווענט גאנץ שטיל מנחה און אויך מעריב. אין פארלויף פון דער שרעקליכער, פינסטערער נאכט איז די גאנצע משפחה געשטאנען ארום און געהערט יעדען ריהר פון די ליפען און פארשטאַ־נען יעדען וואונק וועלכער איז געגעבען געווארען.

ארום פיער א זייגער, פון מיטוואך אויף דאָנערשטאג, כ"ח אב תרנ"ג, איז די גרויסע און הייליגע נשמה צוגענומען געווארען פון דער וועלט, ווען אין דער האנד פון דעם ריינעם קריסטאַל־זויבערען קערפער איז געהאלטען געווארען די האנד פון דעם קלענסטען זוהן, דעם איינג־סטען פון דער משפחה.

ווען אויך די פטירה פון דעם וועלט־רבי'ן איז ניט געקומען אלס איבערראשונג ניט פאר די אייגענע און ניט פאר די גרויסע אידישע מאסען, וועלכע האָבען דורך די צייטונגען געוואוסט א געוויסע צייט פריהער אז די סכנה איז גרויס, דאָך האָט די ידיעה פון דעם אָבלעבען פון דער פערזאָן אין וועלכען דער גייסט פון תורה און דאס לערנען פון תורה איז געווען פארקערפערט זיבען־און־זיבעציג יאָהר, געמאכט א שרעקליכען רושם. טעלעגראמעס זיינען געלאָפען איבער דער גאנצער וועלט. אלע רבנים האָבען אויסגערופען איבעראל הספדים, אלע צייַ־טונגען האָבען געשריבען גרויסע טרויער ארטיקלען, און דאס הויז וואו דער גרויסער נפטר איז געווען, איז געווארען א פארקעהרס־פלאץ און א פארהייליגטער אָרט פאר טויזענדער אידען. גלייך דאָ־נערשטאג אין דער פריה האָבען אָנגעהויבען צו קומען צו אונז אין הויז הונדערטע נאָך הונדערטע אידען, אידען פון אלערליי קלאסען און יעדער עלטער. דער עולם איז געווארען פון שעה צו שעה גרעסער און מעהר, אז פאָליציי האָט געמוזט נעהמען די ארדנונג ארום אונזער הויז און אין דער גאס אין איהרע הענד. אויך פון די שטעדט ארום ווארשא, און אויך פון ווייטערע ערטער זיינען געקומען רבנים און באריהמטע פער־זענליכקייטען צוטיילען כבוד דעם גרויסען רבי'ן און מענשען.

הונדערט זיבציג

# צוגענומען די שליסלען

דען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט דאַן באַווײנט דעם פאַרלוסט, יעדער טייל פון פאָלק האָט אָבער געהאַט צו קלאָגען אויף זײן אבדה. די לומדישע וועלט, אדער גענויער געזאָגט, די גרויסע מענשען פון דעם דור האָבען פאַרלאָרען איינעם פון די גרעסטע גאונים אין לעצטען דור, וועל־כער האָט געהאַט דעם כאַראַקטער אין לערנען פון די „ראשונים". עס זיינען וויניג געווען אין די לעצטע דורות אַזעלכע גאונים וואָס זייער אַרט לערנען זאָל זײן אַזוי קלאָר, פשוט, באַרוהט אויף די ערשטע מקורים, באַוואוסט איבעראַל אין אַלע חלקי התורה, בכתב און בעל פה, ווי עס איז געווען דער גרויסער נפטר. די רבנ׳ישע וועלט אין ברייטערען זין האָט געפיהלט אַז עס איז ניטאָ מעהר דער מענש וועלכער איז געווען דער אמת׳ער רבי און וועג־ווייזער ניט נאָר מיט די תורה, נאָר אויך מיט מדות, מיט דעם גאַנצען וועזען פון זײן עקזיסטענץ. יעדער שריט איז געווען געמאָסטען, יעדער וואָרט איז געווען באַטראַכט, יעדע האַנד־לונג איז געווען מוסטערהאַפט. און די אידישע וועלט בכלל, אַריינגע־רעכענט אַלע אינטעלעקטועלע כחות אויף דעם געביט פון אידישע וויסענ־שאַפט אדער אידישע כלל־טהועריי, האָט אַנערקענט אַז עס איז אוועק־געגאַנגען דער זייל פון אידענטום אין גייסטיגען זין און פון אידישקייט אין יעדער הינזיכט. דען וואו איז נאָך געווען אַזאַ אוהב ישראל אין העכערען באַגריף ווי דער ערשט־אוועקגעגאַנגענער? וואו איז נאָך געווען אַזאַ גרויסע וואַרעמע האַרץ און ברייטער מח, וועלכער האָט געקלעהרט וועגען אידישע פּראָבלעמען פון תורה לערנען ביז ארץ ישראל בויען אין דעם גאַנצען און שטאַרקען באַגריף ווי די בעסטע דענקער אין אַלע צייי־טען האָבען געטראַכט?

די הספדים האָבען זיך אָנגעהויבען דעם דאָנערשטאַג אין דער פריה. יעדער גרויסער רב אָדער דרשן, וועלכער איז געקומען, האָט געהאַלטען פאַר זײן חוב צו זאָגען עטליכע „מילי דהספדא". עס האָט ניט געפעהלט קיין טרעהרען און קיין וועה־געשרייען. דאָס שטאַרקסטע און דאָס קרעפטיגסטע וואָרט האָט אָבער געזאָגט מיין עלטסטער ברודער רבי חיים ברלין, ער האָט אויף זײן גלענצענדען שטייגער, — דען ער איז געווען פון די בעסטע און שעהנסטע רעדנער אין זײן צייט — דער־צעהלט די געוויסע אגדה: ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, זיינען די לוים אַרויפגעגאַנגען אויף די חורבות פון דעם בנין און האָ־בען געהאַלטען די גאָלדענע שליסלען פון בית המקדש אין די הענד, און האָבען אַרויפגעשריגען צום הימעל: רבונו של עולם, דיין בית המקדש האָבען די שונאים פאַרבּרענט, וואָצו האָבען מיר די שליסלען נויטיג,

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

נעהם זיי ביי אונז אוועק! און, דערצעהלט ווייטער די אגדה, עס איז אראָפּגעקומען א פייערדיגע האנד פון הימעל און האָט אוועקגענומען די גאָלדענע שליסלען. אזוי, האָט דער ספדן אויסגעפיהרט, די וואָלאָזינער ישיבה איז חרוב געווארען, דער גאָלדענער שליסעל, דער טאַטע ז״ל, האָט ניט מעהר זיין גרויסע אויפגאבע אין לעבען, איז געקומען איצט די פייערדיגע האנד פון הימעל און האָט איהם פון אונז אוועקגענומען!

דער הספד מיט די ווערטער האָבען ניט נאָר געמאכט א שטארקען רושם אויפ׳ן אָרט, נאָר האָבען געפונען אן אָבקלאַנג אויסערהאלב. אי־בעראל וואו אידען זיינען דאָ, איז פארשטאַנען געווארען אז ניט נאָר דער שליסעל פון דער וואָלאָזינער ישיבה איז צוגענומען געווארען, נאָר עס איז איבערהויפט ניט געבליבען קיין צווייטער וועלכער זאָל זיין בכח אזוי פיעל מרביץ תורה זיין.

און ווען דעם מאָרגענדיגען טאָג, פרייטאָג, איז געוועזן די לויה, באַ־גלייט, ווי עס איז דאן געשאצט געוואָרען, פון פערציג טויזענד מענשען, דארונטער הונדערטע באריהמטהייטען, האָט יעדערער געפיהלט געהענ־דיג צוריק, אז עס האָט זיך געענדיגט א גרויסע עפּאָכע, אן עפּאָכע וועלכע איז געוועזן פארקערפערט אין א פערזאָן און איצט איז:

נ ס ת ם ה ג ו ל ל ו נ ס ת מ ו מ ע י נ י ה ח כ מ ה...

הונדערט צוויי און זיבציג

## כד.

# די גרויסע וועלט

ווען מען קען די וועלט גענויער פארשטעהט מען אז דער באגריף פון א „גרויסע וועלט" איז א פאלשע פארשטעלונג. עס איז ניט מעהר ווי א מין „פאטא מארגאנא". ווייל אין דער ווירקליכקייט איז ניטא א י י ן גרויסע וועלט, עס איז ניט מעהר ווי פיעלע „קליינע וועלטעלעך", און יעדע וועלטעל פאר זיך איז עטוואס גאנצעס. נאטירליך איז דא, אזוי צו זאגען, אין די העכערע אטמאספערען פיעל געמיינשאפטליכעס צווישען די אלע „וועלטען" און „וועלטעלעך", ווייל דירעקט אדער אינ־דירעקט האט יעדע פון זיי א השפעה אויף די אנדערע און אין דער זעלבער צייט איז זי אויך באאיינפלוסט פון די אנדערע. זעהר ווייניג מענשען זיינען אבער דא וועלכע לעבען און פארשטעהען די „גרויסע" וועלט, וועלכע איז א סך הכל פון פיעלע „קליינע וועלטעלעך". דער גאנץ גרויסער טייל פון דער מענשהייט לעבט יעדער מענש אין זיין אייגענער וועלט און ניט מעהר, און יעדע „וועלט" פאר זיך איז ניט גרויס, גאנץ גלייך אויב זי נעהמט ארום אביסעל מעהר מענשען אדער אביסעל ווייניגער, אויב זי איז אין א גרויסע שטאדט אדער אין א קליינע. עס טרעפט נאך אמאל אז איינצעלנע מענשען, וועלכע לעבען אין א קלע־נערען ארט האבען אין זייערע געדאנקען און אין זייערע אומפאסונ־גען א פיעל גרעסערע וועלט ווי פיעלע מענשען וועלכע געפינען זיך אין א גרויסען טומעל און רעש און באמת איז זייער „וועלט" זעהר א קליינע.

דאס געפינט מען אבער אויס ווען מען קען און מען זעהט די אזוי־גערופענע „גרויסע וועלט". פריהער פארשטעהט מען דאס ניט. און ווען מען קומט פון וואלאזין אין ווארשא אין די יונגע יאהרען מעג זיך אויסדוכטען אז מען איז אריבער אין א „גרויסע וועלט", ווען אין דער אמת'ן איז געווים די וואלאזינער וועלט מיט איהרע ברייטע, אומפאסענדע געדאנקען און ווייטע האריזאנטען, פיעל גרעסער ווי די וועלט איז אין ווארשא וואו די שטאדט איז גרויס, מענשען זיינען דא פיעל, אבער די געדאנקען, די האריזאנטען זיינען איינג און קליין.

און פון דער דאמאלסדיגער פאנטאסטישער „גרויסער וועלט" איז געבליבען אם ווייניגסטענס איין זאך, די באקאנטשאפט און די נאהענט־

קיט פון גרויסע מענשען, באמת גרויסע. אין א קלענערען פלאץ, ווי וויכטיג און אידעאליסטיש ער איז, קומען דאָך ניט אזוי פיעל פארשידענארטיגע פערזאָנען, ווי דער פאל איז אין א גרויסע שטאָדט. די ערשטע נאָהענטע באקאנטשאפט פון יענע יאהרען איז געווען מיט צוויי באריהמטע פערזענליכקייטען, וועלכע זיינען אייגענטליך, ווי עס הייסט, פון איין טויג געקנאָטען, ביידע גרויסע רבנים, ביידע תלמידים פון די פריהערדיגע גדולי הדור, ביידע מענשען וועלכע זיינען ניט געבליבען פארשלאָסען אין זייערע דירעקטע אויפגאבען, און טראָץ אלעם דעם, זיינען זיי געווען צוויי קאָנטראסטען אין זייערע כאראקטערען און אין זייערע באגריפען, יעדער איינער איז אָבער געבליבען גרויס אין זיין טהעטיגקייט. איינער פון זיי, אביסעל עלטער אין יאהרען איז געווען רבי א ל י' ח י י ם מ י י ז ע ל, רב אין לאָדז, און דער צווייטער, מיט איניגע יאהר אינגער, איז געווען רבי ש מ ו א ל מ אָ ה ל י ו ו ע ר, רב אין ב י א ל י ס ט אָ ק.

אין דער אידישער געשיכטע וועט רבי שמואל מאָהילעווער'ס נאָמען בלייבען מעהר באוואוסט, ווייל ער איז געווען איינג פארבונדען מיט ישוב ארץ ישראל און איז געווען פון די ערשטע גרינדער פון דעם חבת ציון געדאנקען, אין זיין לעצטען יאהר אויך מיט'ן מאָדערנעם ציוניזם און אונטער זיין פיהרערשאפט איז באקאנט געווארען דער נאָמען „מ ז ר ח י" ווען אפילו עס האָט דאן געהאט א ביסעל אן אנדער באדייטונג ווי עס האָט דער „מזרחי" איצט. עס קען זיין אז רבי אלי' חיים מייזעל'ס נאָמען דינט ביי אנדערע וועלכע האבען איהם געקענט אלס א „פאנאטיקער" געגנאיבער אנדערע רבנים פון זיין צייט, ווייל ער איז געשטאנען אין פאָדערגרונד פון קאמף געגען געוויסע „חדושים" אין דעם אידישען לעבען. אין דער אמת'ן אָבער, איז רבי אלי' חיים מייזעל געווען ניט ווייניגער גרויסע פערזענליכקייט ווי מאנכע אנדערע באריהמטהייטען פון זיין דור, און אלס „וועלט מענש" האָט ער געקענט דינען אלס א מוסטער מיט זיין אויסערליכער האלטונג און אינערליכע אויפפאסונגען, ווען זאָגאר אין מאנכע הינזיכטען, אפילו פרינציפיעלע, קענען פיעל ניט מסכים זיין מיט איהם. יעדער מענש, אפילו גאנץ גרויסע, מאכען אמאָל פעהלערען און מען דארף דארום זיי ניט אונטערשעצען, בפרט ווען די פעהלערען זיינען ערקלערליך, ווען אפילו ניט בארעכטיגט.

דער אויסזעהן פון רבי אלי' חיים מייזעל איז געווען זעהר אימפאָזאנט. א ליכטיגע געזיכט, א שעהנע ווייסע באָרד, יעדע האָר איז געווען

# די גרויסע וועלט

ווי באזונדער געפלעגט, זעהר קלוגע אויגען, א מערקווירדיע ריינליכקייט איז געוועזן אין זיינע קליידער און אין זיין האלטונג. שעהן גערעדט פון פערזאָן צו פערזאָן, דער אינהאלט און די אויסשפּראכע שטענדיג אנגענעם און אָנציהענד, דאביי אָבער איז געוועזן קלאָר אז דאָס וואָס ער זאָגט איז אין זיינע אויגען אמוועניגסטען א הלכה פסוקה און ער קלערט ניט נאָכצוגעבען וויפיל עס איז פון דעם וואָס ער האלט פאר ריכטיג. דארין איז באשטאנען די באריהמטקייט פון רבי אלי׳ חיים, אונבאגרענצטע גוטסקייט פון איין זייט און אן אייזערנע שטארקייט פון דער אַנדער זייט.

שוין אין יענע צייטען, ווען רבי אלי׳ חיים מייזעל האָט געלעבט, זיינען מעשיות, כמעט לעגענדען, דערצעהלט געוואָרען וועגען זיין גוטס־קייט צו נויטבאדערפטיגע, צו אָרימע, צו נידערגעשלאָגענע, און וועגען זיין פעסטיים אין מיינונגען און האנדלונגען צו די שטארקע און מעכ־טיגע מיט וועלכע ער האָט שטענדיג געפיהרט מלחמה. מען פלעגט זאָגאר דערצעהלען, אז ער איז א „קרוב למלכות״, ער געהט צום גובער־נאטאָר און צום גענעראל־גובערנאטאָר וועלכער איז דאן געוועזן אין ווארשא א „מושל בכפו״ — ווען ער וויל. ווארשיינליך איז דאָס איבער־טריבען. ווי מען האָט געזאָגט, האָט ער געקענט שפּראבען, אָבער ער האָט ניט געהערט צו די „געבילדעטע״ רבנים, נאָר מיט זיין פער־זענליכקייט, אויסערליך און אינערליך, האָט ער געוויס געהאט א השפּעה אויך אין רעגירונגס־קרייזען. דער פעלד פון זיין טעטיגקייט איז געוועזן על פּי רוב זיין רבנות־שטאָדט ל א ד ז. אין יענע צייטען איז געוועזן לאָדז אן אויסנאהם־שטאָדט אין גאנץ רוסלאנד און פּוילען, אפשר אין אייראָפּא בכלל. עס איז געוועזן א שטאָדט וועלכע איז געוואקסען אין דער צאָהל פון איהרע איינוואוינער, און אין איהר קאפּיטאל כמעט פון טאָג צו טאָג. מ׳האָט זי גערופען „די רוסישע מאנטשעסטער״. עס איז געוועזן א גרויסער צענטער פון פאבריקאציאָן מיט פילפאכע מיליאָ־נערען און צעהנדליגע טויזענדע ארבייטער. ווי געוועהנליך, איז אזא שטאָדט געוועזן ווי א לויפענדער וואסער, עס זיינען שטענדיג צוגעקומען נייע אונטערנעמונגען, נייע מענשען מיט נייע באגריפען. עס איז ניט געוועזן קיין שטאָדט ווי אנדערע שטעדט אין יענער צייט, וועלכע זאָל האָבען א טראדיציע אין איהר געזעלשאפטליכען כאראקטער. יעדע גרופּע מענשען און אמאָל אויך אן איינצעלנע פערזאָן א תקיף, האָט געזוכט צו שאפען דאָס לעבען ווי עס געפעלט איהם אָדער זיי. די שטארקסטע השפּעה איז געקומען פון דייטשלאנד. צוערשט איז לאָדז געאָגראפיש

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

ניט ווייט פון דער דייטשער מדינה, און דאָס וויכטיגסטע, דאָס די ערשטע און די גרעסטע מאַנופעקטשורערס, און די בעסטע אַרבייטער, איבערהויפּט אין דעם טייל פון פאַך־אַרבייט, מאַשיניסטען, דעזיינערס א. ד. גל., זיינען געקומען פון דייטשלאַנד. דאַדורך נאַטירליך האָט דאָרט געהערשט זעהר שטאַרק די דייטשע שפּראַך, דער אידעאַל פאַר געשעפט־פיהרונג איז געווען דער דייטשער מוסטער, און פאַר קינדער־ערציהונג האָט מען געזוכט דייטשע לעהרער און דייטשע מעטאָדען.

ווי געוועהנליך, „ווי עס קריסטלעט זיך אַזוי אידעלט זיך", איז אויך דאָס אידישע לעבען געשטאַנען אונטער דעם ווילען צו ווערען דייטשען גלייך... דאָס אליין האָט געמאַכט לאָדז אַן אויסנאַהם אין איהר גייסטיגער פיזיאָנאָמיע פון אַנדערע שטעדט. עס האָט דאָרט גע־שמעקט מיט רעפאָרם. דאָרט איז געווען אַ „טעמפּעל" מיט אַ „פּרעדי־גער" און ווירקליך אַ גלענצענדער רעדנער — דר. י ע ל ס ק י, און דאָס טראַדיציאָנעלע אידישקייט איז געשטאַנען דאָרט אין געפאַהר. אויסער דעם דייטשען גייסט איז דאָרט אויך געווען אַ גייסט פון פרייהייט בכלל דורך דעם רייכען לעבען פון די שטאָדט איינוואוינער, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז געקומען פון דער פרעמד און האָט געהאַט די מעג־ליכקייט אָפּצובּרעכען דאָס וואָס אין דער היים וואָלט ער ניט געטאָן, און דאָצו זיינען געווען טויזענדע וואַיאַזשאָרען—טרעוולינג סיילסמען— וועלכע פלעגען אויספאָהרען אין רוסלאַנד פון איין ברעג ביז צום צווייטען, און זייענדיג שטענדיג אונטערוועגס אין אַ גרויסער מדינה, אין פילע ערטער וואו עס איז ניטאָ קיין שבת, קיין כשרות, איז דאָס אויך ניט קיין סגולה צו יראת שמים...

אין ד ע ר שטאָדט און אין ד ע ר אַטמאָספערע האָט געפיהרט רבי אלי' חיים מייזעל זיין רבנות. און ער האָט געפיהרט די רבנות ווי ווענִיג רבנים פאַרשטעהען און קענען פיהרען. ער האָט ניט דורכגע־לאָזט קיין דבר קטן און דבר גדול אין דעם אידישען לעבען, וואָס ער זאָל ניט האָבען געזאָגט זיין דעה און ניט אויסגעפיהרט. איינע פון די זאַכען וועלכע ער האָט דורכגעקעמפט אין זיין צייט איז געווען די אַנגע־לעגענהייט פון מקבר זיין מתים אין אַן אָרון. אין רוסלאַנד איז ניט געווען קיין געזעץ וועלכער זאָל פאַרבאָטען מקבר זיין אָהן אַן אָרון, און דאָס איז באַטראַכט געוואָרען „ניט רעכט" צו באַנוצען. אויך רבי אלי' חיים מייזעל האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַן איסור, אָדער ער האָט געהאַלטען אַז דער פאַרלאַנג צו אַן אָרון פאַר מתים קען אויסגענוצט ווערען אַלס אַן אָנהויב פאַר רעפאָרם און שינויים פון אַנדערע מנהגים

הונדערט זעקס און זיבציג

רבי אליהו חיים מייזעל

און דינים. אָבער ער האָט דאָס אויפגענומען אַלס אַ פּרינציפּיעלע זאַך און אָנגעפירט אַ „מלחמה" געגען אַלע רייכע און שטאַרקע פון לאָדז. דאָס האָט געמיינט אין יענע אומשטענדען שטעלען זיין עקזיסטענץ אין געפאַהר, דען ער האָט געהאַט געגען זיך מעכטיגע כחות פון קאַפּיטאַל און איינפלוס. מיט זיך האָט ער כמעט קיינעם ניט געהאַט, ווייל די חסידים וועלכע זיינען געווען אין לאָדז, און מאַנכע פון זיי זעהר רייכע, זיינען ניט געווען שטאַרק צוגעטאָן צו זייער רב. רבי אלי' חיים איז געווען אַ „מתנגד" מיט דער גאַנצער מתנגד'ישער אידעאָלאָגיע, און ניט קוקענדיג וואָס ער האָט געלעבט אין פּוילען, און אפשר טאַקע דאַריבער, איז ער געשטאַנען אויף בייזען פוס מיט די גרויסע „הויפען" פון די באַריהמטע פּוילישע „רביים". די ביסעל ליטווישע אידען, פרומע, וועלכע זיינען געווען אין לאָדז, האָבען אין יענער צייט קיין ראָלע ניט געשפּילט אז זייער כח זאָל זיין חשוב. רבי אלי' חיים האָט דעם גאַנצען קאַמף געגען רעפאָרם, אָדער אַ שרעק פון רעפאָרם, אַרויס־געטראָגען אויף זיינע אייגענע אַקסלען. דער קאַמף געגען די גבירים איז געווען רבי אלי' חיים'ן נאָך פיל שווערער, ווייל ווייניג רבנים, זעהר ווייניג, האָבען נויטיג געהאַט די גבירים, די רייכע לייט אין זיין שטאָדט אַזוי פיל ווי ער. ער האָט זיי נויטיג געהאַט ניט צוליב זיך נאָר צוליב אַנדערע.

ווי געזאָגט, איז רבי אלי' חיים מייזעל געווען די פאַרקערפּערונג פון שטאַרקייט. אָבער ניט ווייניגער איז ער געווען די פערזאָניפיצירונג פון גוטסקייט. ביי איהם אין הויז זיינען שטענדיג געווען צעהנדליגע מענשען וועלכע האָבען געדאַרפט און געקראָגען פון איהם טובות, און ניט נאָר אין קליין געלד נאָר אויך אין גרויסע סומען. ווען אַ איד האָט נויטיג געהאַט הונדערטע און אַמאָל טויזענדע רובעלס אום ער זאָל קענען איינהאַלטען זיין געשעפט און ניט מוזען זיין אַ „בורח", איז ער געקומען צו רבי אלי' חיים און ער איז געהאָלפען געוואָרען. און אפילו ווען אַ איד האָט געמוזט „עוקר" זיין פון זיין אָרט צוליב „פּריזיוו", אָדער אַ שלעכטע לאַגע אין געשעפט, אָדער סתם אַ „מסירה", ווי עס האָט געטראָפען אַמאָל, איז ער געווען דער „אורח" פון רבי אלי' חיים'ן ביי איהם אין הויז פאַר וואָכען און חדשים לאַנג.

מען האָט דערצעהלט צעהנדליגע מעשיות ווי רבי אלי' חיים האָט פאַרזעצט זיינע זילבערנע לייכטער און געזאָגט זיין ווייב, עס מאַכט ניט אויס אויב זי וועט „בענשען ליכט" אויף „לייכטער" געמאַכט פון

קאַרטאָפּעל, ווייל די זילבערנע לייכטער האָט ער נויטיג צו פאַר׳משכונ׳ען צו שאַפען שנעל אַ סומע געלד אימיצען ארויסצוהעלפען.

דעם זין פאַר העלפען איינצעלנע מענשען, יחידים, אַלט אָדער יונג, פרום אָדער פריי, ווען זיי זיינען אין אַן עת צרה, האָט רבי אלי׳ חיים פארשטאַנען ווי נאָך קיינער. און קענענדיג די געשעפטס־וועלט מיט אַלע איהרע שאָטען־זייטען, האָט ער פארשטאַנען איינצוהערען זיך ווען מען האָט איהם געשילדערט אַ שווערע לאַגע. ער האָט ניט געפרעגט קיין קשיות פארוואָס האָט מען געטאָן אַזוי און ניט אַנדערש. ער האָט אויך ניט געזאָגט קיין מוסר ווען מען האָט געטאָן אַן עולה, ער האָט געזעהן פאַר זיך דעם ליידענדען מענשען ווי ער איז גוט אָדער שלעכט, גערעכט אָדער אומגערעכט, ווי באַלד ער איז ליידענד דאַרף מען העלפען. און ער האָט געהאָלפען. זיין הילף איז ניט געווען אָפּ־צו׳פּטר׳ן, נאָר געזוכט צו העלפען ראַדיקאַל. ווען עס איז נויטיג געווען איז רבי אלי׳ חיים אויך געפאָהרען און געגאַנגען, משתדל געווען און גערעדט מיט בייזען און מיט גוטען, נאָר דער באַטרעפענדער זאָל ווערען געהאָלפען.

ניט קוקענדיג וואָס זייענדיג אַ רב אין אַזאַ רייכער שטאָדט ווי לאָדז און דאַצו אויך דער „קאַזיאָנער רב״—דער רעגירונגס רב—און זיין הכנסה איז געווען גרויס, איז ער געווען שטענדיג אַ גרויסער בעל חוב. ער האָט פארטיילט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט און האָט שטענדיג גע־זוכט צו קריגען געלד, אפילו בתורת הלואה, אבי ער זאָל נאָר קענען ארויסהעלפען די נויטיגע וועלכע האָבען זיך געווענדעט צו איהם. מען האָט געזאָגט אין זיין נאָמען, אַז ווען מען האָט איהם געפרעגט פאַר־וואָס נעמט ער ניט אַ רבנות־שטעלע אין ווארשא, וואו מען האָט איהם געוואָלט האָבען, האָט ער געענטפערט:

— פארשטעהט איהר מיך, ווען איך בין געווען אַ רב אין פּרוזין, האָב איך געליהען געלד און מען האָט מיר געטרויט, ווייל מען האָט געוואוסט אַז לאָמזע וועט מיך נעמען פאַר אַ רב, וועט זי אויסצאָהלען מיינע חובות. זייענדיג אין לאָמזע אַ רב בין איך געווען אַ בטוח צו מאַכען חובות, ווייל מען האָט געהאָפט איך וועל געהן אין לאָדז, וועט לאָדז אויסצאָהלען דאָס וואָס עס קומט פון מיר. איצט זייענדיג אין לאָדז, איז מיין „בטוחות״, מען רעכענט איך וועל געהן אין וואַרשאַ, וועט מען פון דאָרט מיר העלפען אויסצאָהלען וואָס איך בין שולדיג דאָ. אָבער, אויב איך וועל ווירקליך געהן אַלס רב אין ווארשא, אויף וואָס קוקענדיג און האָפענדיג וועט מען מיר אין ווארשא טרויען?...

## די גרויסע וועלט

די אלע חובות וועלכע רבי אלי' חיים מייזעל האט געמאכט אין לאדז, אין די גרויסע טויזענדער, איז געווען נאטירליך ניט פון די ארימע אידען, נאר פון די רייכע, און אויסער די חובות האט ער גע־נומען ביי זיי שווערע סומען אויף אלערליי צדקות און פריוואט־ענינים פון די הונדערטע און הונדערטע אידען, וועלכע ער האט ארויסגע־האלפען. עס איז דאריבער געווען פאר איהם א גרויס געפאהר אונ־טערנעמען א מלחמה מיט די גבירים אין זיין שטאדט, ניט פאר זיך, נאר פאר די אלע, און דאס אלעס וואס ער האט זיין לעבען אוועקגע־געבען צו העלפען.

אין כלל־זאכען איז רבי אלי' חיים געווען איינער פון די רבנים וועלכע האבען טייל גענומען אין גרויסע אסיפות וועלכע זיינען געוועז דאס רוב אין פעטערבורג, אמאל אויך אין ווארשא און אין ווילנא אדער אנדערשוואו. זיין ערשיינונג און זיין האלטונג האבען געמאכט א רושם, ווען אפילו, אין גרויסקייט אלס א גאון איז ער ניט געשטאנען אין דער מדרגה פון די דאמאלסדיגע גדולים ווי דער טאטע ז"ל, רבי יצחק אלחנן, רבי יוסף בער א. ז. וו., די וועלכע האבען רבי אלי' חיים'ן געקענט פון זיינע אינגערע יאהרען האבען געריהמט זיינע גרויסע פעהיגקייטען אויך אין לערנען. ער האט דאס אבער פארטונקעלט אין זיין עסקנות. דאס איז די אמת'ע „מסירת נפש" — ניט ווי אנדערע רופען מסירת נפש און באמת איז דאס מסירת ג ו ף — וואס מענשען פארשטעהען ניט אפצושאצען...

מען האט געזאגט אז אין די פריהערדיגע יאהרען האט רבי אלי' חיים אויך געהאט אין זינען דעם ענין פון „ישוב ארץ ישראל". אין זיינע לעצטע יאהרען, ווען מיר האבען זיך געטראפען, איז ער געווען באקאנט אלס א ביטערער געגנער צו דעם ארץ ישראל געדאנקען און חבת ציון טעטיגקייט. ער האט ניט צוגעלאזען אז אין לאדז זאל מען האלטען דרשות וועגען דעם און האט אויך געשטערט די געלד־זאמ־לונגען ביי איהם אין שטאדט פאר דעם „אדעסער קאמיטעט". וואס איז געווען די סיבה פון זיין געגנערשאפט, איז געווען שווער צו פארשטעהן. דען אין געגענזאץ צו אנדערע רבנים, איז ער געווען געוואוינט צו אר־בייטען אין פארשידענע אנגעלעגענהייטען מיט ניט־פרומע. ער האט אויך געזעהן דעם אונטערגאנג פונ'ם רעליגיעזען לעבען אין גלות מעהר ווי אנדערע פון זיין גלייכען. מען האט געוואוסט אז ניט נאר איז ער א געגנער פון חבת ציון נאר ער איז אויך פערזענליך זעהר פארביטערט

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

גענען רבי ש מ ו א ל מ אַ ה י ל ע ו ו ע ר, וועלכער איז געווען דער עפענטליכער און שטאַרקסטער אידעען־טרעגער און טוער אין חבת ציון.

זיצענדיג אַמאָל אין אַ וואַרשאַווער האָטעל צוזאַמען מיט רבי אלי' חיים'ן, און נים קוקענדיג אויף דעם אונטערשיד אין יאָהרען, ער אַ זקן פון עטליכע און זיבעציג, און איך ערשט נאָך בר מצוה, האָבען מיר זיך זעהר געמיטליך אונטערהאַלטען, און ער האָט מיר דערצעהלט פון זיין שטעלונג צו געוויסע רבנים און רביים, זיין מיינונג איבער געוויסע זאַכען און באַוועגונגען, האָב איך איהם געפרעגט דירעקט:

— קענט איהר מיר זאָגען, זייט איהר אַ געגנער צו חבת ציון וייל איהר זייט אַ מתנגד צו רבי שמואל מאָהילעווער, אָדער זייט איהר גענען רבי שמואל מאָהילעווער, ווייל איהר האַלט נים פון חבת ציון?

ער האָט אויסגעהערט מיין פראַגע און האָט מיר געזאָגט:

— דיר וועל איך דערצעהלען.

און איך האָב נאַטירליך אָנגעשפּיצט די אויערען צו הערען וואָס ער האָט מיר צו זאָגען. צו מיין גרויסען באַדויערען, עד היום הזה, איזביים אָנהויב פון דער דערצעהלונג אריינגעקומען איינער פון זיין משפחה, וועמען ער האָט נים גערן געהאַט, און האָט נים געוואָלט, ער זאָל וויסען דאָס וואָס ער געהט זאָגען. דאַן האָט ער זיך אונטער־בראָכען און געזאָגט צו מיר:

— איצט קען איך נים. אַן אַנדערש מאָל.

דער „אַנדערש מאָל" איז אָבער, ליידער, נים געקומען.

הונדערט אַכציג

## כח.

# פון דערוויטענס און נאָהענט

פילע פּאַסירונגען און אויך פּערזענליכקייטען, וואָס זייער לעבען און ווירקען איז אַ פּאַסירונג אין אַ געוויסען טייל פון דער מענשליכער געשיכטע זעהען אויס ווען מען קומט צו זיי נאָהענט גאַנץ אַנדערש אַלס פון דערווייטענס, און ניט אַלע מאָל איז דער אויסזעהען פון דערווייטענס בעסער אָדער ערגער. עס איז אָפט דער פאַל אַז אין ביידע פאַלען, סיי נאָהענט און סיי וויט, איז שעהן און גוט, אָבער דאָך איז דאָס אַנדערש.

אַזאַ מענש איז געווען רבי שמואל מאָהילעווער. ער איז געווען אין זיין צייט אַן אויסשטעהענדע פּערזענליכקייט, אַ נאַציאָנאַלער מענש אין פאָלקאָמענעם זינען פון דעם באַגריף. ער איז געווען זעהר ווייניג אידענטיפיצירט מיט דער שטאָדט פון זיין רבנות, ביאַליסטאָק, ווען געוויס האָט די שטאָדט, וועלכע איז דאַן געווען פון די חשוב'סטע קהלות אין רוסלאַנד, גע'שמ'ט ניט אַזוי מיט דעם כמות פון די דאָרטיגע אידען, ווען אַפילו דאָס איז אויך געווען מעהר און וויכטיגער ווי אין אַנדערע שטעדט פון דעם מאַסשטאַב, ווי מיט דעם איכות פון איהרע לומדים גבירים, בעלי בתים און עסקנים. מאַטעריעל איז געווען ביאַליסטאָק פון די רייכסטע שטעדט, אַ פּלאַץ מיט גרויסע פאַבריקען און גרויסע אונטערנעמונגען. די שטאָדט ביאַליסטאָק האָט זיך גערעכענט די צווייטע אין איהר עקאָנאָמישע מדרגה צו לאָדז. די גרעסטע געשעפטען און אויך פאַבריקען זיינען געלעגען טיילווייז ביי דייטשען און מייסטענס ביי אידען. אָבער אין געגענזאַץ צו לאָדז האָט ביאַליסטאָק געהאַט אַ גרויסע טראַדיציע פון יאָהרען און יאָהרען. דאָרט איז דאָס אידישע לעבען געווען סטאַביל, איינגעאָרדענט, דער גייסט פון די גרויסע רבנים וועלכע זיינען דאָרט געווען און פיל גדולי תורה וועלכע האָבען דאָרט געלעבט, האָט געשלאָגען טיפע וואָרצלען אין דעם קולטורעלען לעבען פון דער דאָרטיגער קהלה. אויך אין רבי שמואל מאָהילעווער'ס צייט זיינען דאָרט, אין ביאַליסטאָק, געווען באַריהמטע עסקנים, מאַנכע פון זיי זאָגאַר לומדים, וועלכע זיינען געווען אין כאַראַקטער און אין אינ־טעלעקטואַליטעט העכער ווי געוועהנליך. טראָץ אַלעם דעם, וואָס ביאַליסטאָק איז געווען אַזאַ חשוב'ער אָרט, איז רבי שמואל מאָהילעווער געווען פאַרבונדען מיט דער גרויסער אידישער וועלט מעהר אַלס מיט

זיין שטאָדט. ניט אַלע וועלכע האָבען איהם געקענט דורך זיין נאָמען, האָבען איהם געקענט אַלס דער ביאַליסטאָקער רב. אויך זיין השפעה איז געווען פיל קלענער ביי זיך אין שטאָדט ווי ער האָט געהאַט אַנדערש־וואו. מיט דעם גרויסען כבוד וועלכען מען האָט איהם געגעבען און מיט די גרויסע אַנערקענונג וועלכע די ביאַליסטאָקער אידען האָבען געהאַט פאַר זייער רב, איז זיינע דירעקטע מעשים געווען פאַרבונדען מיט כלל ענינים און זיינע אידען האָבען ניט בעאיינפלוסט די פיהרער־שאַפט פון דער ביאַליסטאָקער קהלה. זיין קרייז פון נאָכפאָלגער און צוהערער איז געווען פיל מעהר אין ווארשא און אין ווילנא אַלס אין ביאַליסטאָק, און אין זיין שטאָדט איז ער געווען מעהר פאַרבונדען מיט אייניגע יונגע לייט אַלס מיט די אַנערקענטע זקני העדה.

אין דער בחינה איז רבי שמואל מאָהילעווער געווען אַ „נסתר", מען האָט איהם אין זיין שטאָדט ווייניגער אנערקענט אַלס אויסערהאלב ביאַ־ליסטאָק און אין דער גרויסער לומדישער וועלט האָט מען איהם ניט אָפּגעשעצט ווי מען האָט איהם געהאַלטען דאָרט וואו מען האָט איהם געקענט נעהנטער. זיין כלל אַרבייט, איבערהויפּט אין „חבת ציון" האָט פאַרשטעלט זיין רבנות און זיין גאונות. ווען ער איז געווען פאַר אַ באזוך אין בריסק, אין דער צייט ווען רבי חיים סאָלאָווייציק איז געווען דאָרט רב, איז רבי חיים געגאַנגען באזוכען רבי שמואל'ן צוערשט. ווען מאַנכע מקורבים צו רבי חיים'ן האָבען אויסגעדריקט זייער וואונ־דער דאביי, ווייל רבי חיים איז געווען זעהר גרויס און זיין הנהגה איז געווען אויסגערעכענט, האָט רבי חיים געענטפערט אז רבי שמואל מאָהילעווער איז גרויס און באַדייטענד אלס רב און גאון, אַז עס קומט איהם דער ערשטער באזוך. אויך ווען רבי שמואל מאָהילעווער איז נפטר געוואָרען האָט רבי רפאל שפירא, זייענדיג דאַן באָב־רויסקער רב, געלאָזט מאַכען אַ גרויסען הספד, און רבי רפאל וועלכער איז געווען פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט, און איז געשטאַנען ווייט פון דער אַזוי־גערופענער פאָליטישער וועלט, האָט באַטאָנט אַז מען האָט ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט רבי שמואל מאָהילעווער אין זיין גרויסקייט אַלס „עילוי" — ווי ער האָט אַמאָל געהייסען אין זיינע יונגע יאָהרען דער „האָלובאָקער עילוי" — און אַלס גאון.

דער אמת איז, אַז ניט נאָר אין דער לומדישער וועלט, אויסער ביי די יחידי סגולה, האָט מען ניט געקענט רבי שמואל מאָהילעווער, נאָר אויך אין דער וועלט פון עסקנים און „חובבי ציון" האָט מען איהם ניט געזעהן אין דער ריכטיגער ליכט. עס איז אָנצונעמען אַז אויך אין

# פון דערווייטענס און נאָהענט

דער צוקונפט, ווען עס וועט געשריבען ווערען די געשיכטע פון חבת ציון און איהרע גרויסע פערזענליכקייטען וועט רבי שמואל מאָהילעווער קריגען זיין פּלאַץ נאָך זיינע טאַטען אָבער ניט נאָך זיין אייגענעם ווערען. צווישען זיינע מעשים וועלכע האָבען געקלונגען פון דער ווייטענס און זיין „איך" וועלכען מען האָט געקענט נאָך ווייסענדיג איהם נעהנטער איז געווען א גרויסער אונטערשיד.

אין דער געשיכטע פון „חבת ציון" און די גרויסע רבנים, גדולי הדור, וועלכע האָבען די באוועגונג געהאָלפען, און אָהן זייער הילף וואָלט ניט אויסגעוואַקסען אין יענע יאָהרען די באוועגונג און די טעטיגקייט צו וואָס זי איז, פאַרנעמען דעם עהרען פּלאַץ דריי גרויסע מענשען און טיילווייז א פערטער: רבי מרדכי עליאַשבערג, דער טעאָרעטיקער; רבי שמואל מאָהילעווער, דער פּראַקטיקער, און דער טאַטע ז"ל, דער באַגרינדער, און, ווי גע־טעזאָגט טיילווייז רבי יצחק אלחנן, דער משכּים. די ערשטע דריי נעמען זיינען געווען אונטערגעשריבען, כמעט שטענדיג, אויף אַלע אויפרופען פון דעם „אדעסער קאָמיטעט" און אויף אַלע ענינים וועלכע האָבען געהאַט צו טאָן מיט „חבת ציון". אַמאָל האָט מען אויך אונטערגעשריבען דעם נאָמען פון רבי יצחקן אלחנן. דער לעצטער אָבער האָט געשפּילט מעהר די ראָלע פון געבען א הסכמה, אַזוי ווי ער האָט געגעבען אויף פילע אַנגעלעגענהייטען, און זיין הסכמה האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל זיין אויטאָריטעט איז געווען זעהר גרויס. אָבער באַזונדערס האָט ער זיך מיט דער באוועגונג ניט אָפּגעגעבען. אַנדערש זיינען געווען די ערשטע דריי. רבי מרדכי עליאַשבערג, אָדער ווי מען האָט איהם געוועהנליך גערופען, רבי מרדכי בויסקער, האָט פיל געשריבען וועגען דעם געדאַנקען פון ישוב ארץ ישראל. זיין ספר „שביל הזהב" איז אַ מייסטערווערק אויף דעם געביט, לײדער איז ער צו ווייניג באַקאַנט סיי אין דער לומדישער וועלט און סיי אין ציוניסטישע קרייזען. רבי מרדכי'ס אויפפאַסונג פון „חבת ציון" אין יענער צייט איז געווען, פּאָליטיש און קולטורעל ציוניסטיש אין פולסטען באגריף ווי די שטאַרקסטע ציוניסטען פאַרשטעהען דאָס היינט. אין זיין צייט האָט „אחד העם" געשריבען און טיילווייז פּאָלעמיזירט מיט איהם. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען און געווירדיגט זיין גרויסקייט אַלס טיפער דענקער. דער טאַטע ז"ל, זייענדיג פאַרנומען און איבערגעגעבען דער ישיבה, האָט געווידמעט פיל צייט און אָנשטרענגונג צו העלפען דעם געדאַנקען פון „ישוב ארץ ישראל". ער האָט אויך

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

געשריבען דאריבער איינינע ארטיקלען און זעהר פיל בריף, וואו דער געדאנקען פון באזעצען אידען אין ארץ ישראל איז געווען ביי איהם פאר־שטאנען גאנץ אנדערש, פיל טיפער, ווי ביי אנדערע רבנים. דער טאטע ז״ל האט באגרינדעט דעם חבת ציון געדאנקען אויף פסוקים און מאמרי חז״ל און אויפגעהויבען דאס צו דער מדרגה פון „אתחלתא דגאולה״, פארגליכען די באוועגונג און די טעטיגקייט אין איהרע פאזיטיווע ווי אויך אין די נעגאטיווע ערשיינונגען צו די תקופה פון עזרא ונחמיה.

דער פראקטישער מענש אויף דעם געביט, פון די גדולי הדור, איז געווען דער איינציגער, רבי שמואל מאהילעווער. ער איז געווען אן עסקן אין איינפאכען זין פון דעם וואָרט. ער איז געפאָהרען צו אספות אין אָדעם, דרוזגעניק, קאטאָוויץ א. ד. גל. ער האט איינבארופען אספות צו זיך אין שטאָדט אין ביאליסטאָק. ער איז אויך צו די עלטערע יאָהרען געפאָהרען אין ארץ ישראל, ער איז אויך געפאָהרען אין וועסט אייראָפּא, אלץ צוליב ווירקונג פאר די פראק־טישע אויספיהרונג פון „חבת ציון״. ער האט געהאט א שטארקע השפעה אויף׳ן באראָן ראָטשילד און עס איז דאָ פילע באווייזע, אז ער, רבי שמואל מאהילעווער, האט געווירקט אויף׳ן באראָן אז ער זאל זיך אינטערעסירען מיט ארץ ישראל און אזוי האט ער זוכה געווען צו ווערען דער „נדיב הידוע״. אלס פראקטישער מענש, אָדער ווי מען רופט דאס איצט „פראקטישער פאָליטיקער״, וועט באצייכענט ווערען רבי שמואל מאהילעווער אין דער אידישער געשיכטע. די וועלכע האבען וועגען איהם געהערט אָדער וועלכע לייענען וועגען איהם, שטעלען זיך פאָר אז אום צו זיין אזוי פראקטיש און האבען צו טאָן מיט אלערליי מענשען, פון דר. פינסקער און ליליענבלום ביז באראָן ראָטשילד און הערצל, איז ער, רבי שמואל מאהילעווער געווים געווען א „מאָדערנער״ מענש. מען קען דיינקען אז ער איז געווען אנדערש ווי אלע רבנים אין זיין אויסזעהן, האט ווארשיינליך געקענט פרעמדע שפראכען, איז געווען „ליבעראל״ אין זיינע וועלט־אָנ־שויאונגען א. ד. גל., אין דער ווירקליכקייט איז ער אָבער געווען גאנץ אנדערש ווי די פארשטעלונג איז. זעהר ווענינ רבנים, אפילו פון פאָריגען דור, האבען אויסגעזעהן אזוי „בטלנ׳יש״ ווי רבי שמואל מאהילעווער. ער איז געגאנגען איינגעבויגען, גערעדט ווענינ, די האלטונג גאנץ געוועהנליך, דער אויסזעהן און די קליידער אלט־מאָדיש, ניט צוגעלייגט קיין האנד פון „אפּפּוצונ״, נאָר די אויגען זיינען געווען מיט א געוויסען גלאנץ פון

הונדערט פיר און אכציג



רבי שמואל מאָהילעווער

פעסטקייט. און ווען איך האָב געטראָפען רבי שמואל מאָהילעווער אין וואַרשא, ווען ער איז געקומען צו אַ געוויסע אספה דאָרט, האָב איך ערוואַר־טעט צו זעהן דעם עסקן, איך האָב אָבער געפונען דעם רב, דעם למדן. ער האָט מיט מיר געשמועסט ניט וועגען אַנדערע זאַכען ווי וועגען לערנען און האָט זיך אינטערעסירט צו וויסען וואָס און וואו לערען איך א. ז. וו. עס איז געוועזן צו זעהן אַז וועגען חבת ציון געדאַנקען — און אין אַנדערע כלל זאַכען האָט ער זעהר אַ קליינעם חלק גענומען — טראַכט ער מעהר ווי ער רעדט. נאָך געהנטערע באַקאַנטשאַפט איז געווען צו ערקענען אַז טיף אין זיך האָט ער פיל איבערגעלעבט, און די עסקנות פון ישוב ארץ ישראל איז ביי איהם געווען אַ פּראָדוקט פון פיל דענקען, פון אינערליכע מלחמות, פון אַ טיפען בליק און דאָס אַלעס ניט פון איינעם וואָס געהט צו צו דעם פּראָבלעם מיט פרעמדע געדאַנקען, נאָר זיין גאַנצער „איך" איז געווען אין דער וועלט פון תורה, און פון דער וועלט איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג פון דער וויכטיגקייט פון די אויפבויאונג פון ארץ ישראל.

דאָס טיפערע כאַראַקטעריסטיק אין רבי שמואל מאָהילעווער איז געווען וואָס מען האָט באַלד דערקענט אין איהם דעם אינדיווידואַליסט, ער איז ניט געווען קיין אונטערהאַלטונגס־מענש, ניט געווען קיין פּערזאָן וועלכע זאָל זוכען דאָס געזעלשאַפטליכע אין לעבען. נאָר צוליב זיין גרויסע איבערגעבענהייט צום ארץ ישראל געדאַנקען, איז ער געווען שטענ־דיג אַרומגערינגעלט מיט אַלערליי מענשען, זעהר אָפט מיט מענשען וועלכע זיינען געווען ווייט פון איהם און אַנדערש ווי ער אין יעדער הינזיכט... ער האָט אַלץ מיטגעמאַכט, ווייל איין אידעאַל איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגען און צוליב דעם אידעאַל איז קיין זאַך ניט געווען צו שווער פאַר איהם, אפילו צו ריידען, צו פאַהרען, צו באַטייליגען זיך אין אספות.

די אַלערליי „מלחמות" וועלכע רבי שמואל מאָהילעווער האָט גע־האָט אויסצושטעהן פון די געגנער פון „חבת ציון", זיינען געווען ווייט פון איהם, צו איהם אַליין איז עס ווי ניט צוגעקומען. ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס ער איז געווען דער „פּראַקטישער פּאָליטיקער" האָט איהם די פּראַקטישע וועלט ווייניג אינטערעסירט און צו פּאָליטיק האָט ער קיין שייכות ניט געהאַט. ער איז געווען איינגעשלאָסען אין זיך און האָט פעסט באַשלאָסען וואָס ער האָט געוואָלט, און וועגען דעם האָט ער גע־ארבייט אָבער ניט דיסקוטירט, געזוכט צו באאיינפלוסען אָבער ניט גע־זוכט אימיצען צו באַקעמפען. רבי שמואל מאָהילעווער וועלכער האָט געלייסטעט אויף דעם געביט פון חבת ציון און ציוניזמוס, ווי זעהר

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

וועניגע האָבען דאָס געטאָן, איז אפשר געווען די ווייטסטע פערזענליכקייט פון זיין אומגעבונג. ער איז ניט געווען נאָהענט צו זיין שטאָדט, ביאַליס־טאָק, אלס רב, און ער איז ניט געווען נאָהענט צו די גרויסע שיכטען פון דעם אידישען פאָלק. זיי האָבען איהם ווייניג געקענט, זיין נאָהענט־קייט איז געווען נאָר צו יחידי סגולה ווייל זיין פערזענליכקייט און זיין האַלטונג איז געווען מעהר טיף אין געדאַנקען ווי ברייט אין ווערטער, און די אַלע פּראַקטישע טאַטען וועלכע ער האָט געטאָן איז נאָר אַ קליינער טייל פון זיינע מחשבות וועלכע ער האָט ניט ארויסגערעדט. ניט קוקענ־דיג אויף די יובילעאומס וועלכע מען האָט פאַר איהם געמאַכט, — און דאָס איז אויך געווען אַ גרויסע נייעס אין יענער צייט — און אויף אַלע זיינע נסיעות און אספות, איז ער אין זיין וועזען געווען מעהר „נסתר" ווי „נגלה".

די טעטיגקייט פון „חבת ציון" אין יענער צייט איז געווען פאַר־בונדען מיט אַלערליי שוועריגקייטען און פארשידענערליי „מלחמות", אמאָל אינערליכע און אמאָל אויסערליכע, אמאָל האָבען זיי זיך געענדיגט מיט שפּאַס און אמאָל מיט טיפען ערנסט. די אינערליכע שוועריגקייטען האָבען בארוהט אויף מיינונגס־פארשידענהייטען, און די אויסערליכע זיינען געווען פון דער רעגירונג. די רעגירונג האָט אין יענער צייט פאַר־פאָלגט יעדע אידישע פאַרזאַמלונג, אויך ניט־אידישע, אָבער די אידען האָבען דאָס געפיהלט נאַטירליך אַם שטאַרקסטען און זייער מורא איז געווען גרעסער ווי אַנדערע. באַזונדערס האָט זיך געפיהלט די שרעק ביי אַ פאַרזאַמלונג פון „חובבי ציון" אין ו ו א ר ש א. ווארשא איז געווען אין יענע צייטען חשוד אין רעוואָלוציע געגען די רוסישע מלוכה, דאריבער זיינען דאָרט געווען אויסנאַהמס געזעצען און אויסנאַהמס שמירה. די „חובבי ציון" ווידער זיינען געווען אידען מיטעל־יעהריגע, חשוב'ע בעלי בתים מיט גרויסע געשעפטען און באַקאַנטע מענשען אין שטאָדט, ווי קענען אַזעלכע מענשען זיך ערלויבען אַרעסטירט צו ווערען ביי אַן אונ־לעגאַלע פאַרזאַמלונג אפילו אז מען וועט זיכער זיין אז מען וועט נאַכהער פריי ארויסגעהן? און וואו איז די זיכערהייט אז אויך צוליב אַן אספה וועט מען ניט לאַנג „זיצען" און „פאַרשיקט" ווערען?

דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטען די אמת'ע עסקנים צוזאַמענצו־קומען ווען עס איז נויטיג געווען. מען האָט נאָר געזוכט „סגולות" ווי אויסצוהיטען זיך פון „בייזע אויגען"... איינע אַזאַ אספה פון דרייסיג, פערציג מענשען, איז געווען ביי אונז אין הויז. אַזוי ווי דאָרט איז געווען יוגענד אויך, האָט מען צוגעטראַכט אַ „סגולה", אַז דער טיש

## פון דערוויטענס און נאָהענט

פון דער אספּה זאָל זיין געדרעקט ווי צו אַ שמחה, ברענענדיגע לייכטער זאָלען שטעהן אויפ'ן טיש און אין מיטען טיש זאָלען זיצען אַ יונגער־מאַן מיט אַ יונגע מיידעל, און עס זאָל הייסען אַז דאָס זיינען חתן־כלה, און מען שרייבט „תנאים", אין פאַל ווען די פּאָליציי קומט פלוצלונג אָן. ביי דער דערמאָנטער אספּה איז געווען דער „חתן", דער באַקאַנטער שריפטשטעלער בן אביגדור און די „כלה" איז געווען אַ געוויסע עסקנית, וועלכע לעבט איצט אין תל אביב. ביי די צוויי איז געווען אַ סכסוך אויף דעם ליטעראַרישען געביט. און נאָכדעם ווי די אספּה האָט זיך געענדיגט האָט די כלה אויסגערופען אין דער הויך:

— ברוך השם, פּטור געוואָרען פון מיין חתן...

די אספּות אין וואַרשאַ וועגען ארץ ישראל זיינען דאַן געווען רעכט אָפט, עס איז געווען די ערשטע יאָהרען פון „מנוחה ונחלה", די גרינדונג פון „כרמל", א. ד. גל. און פון יענע פאַרזאַמלונגען האָט ארץ ישראל געהאַט פיל נוצען. פילע פון יענע עסקנים זיינען געוואָרען שפּעטער באַריהמטע טוער אויף דעם ציוניסטישען געביט. עס איז געווען דאַן אַ איד אין וואַרשאַ, אַ שטילער מענש, קיינער האָט ניט געוואוסט גענוי פון וואַנען ער קומט און וואָס ער טוט, אַלע האָבען איהם אָבער געקענט אַלס דעם „רבי'ן" פון „חבת ציון". מען האָט איהם אויך באַצייכענט אַלס „רבי ליב דער ירושלמי", ניט וויסענדיג אויב ער קומט באמת פון ירושלים אָדער ניט. ער האָט שטענדיג גערעדט וועגען ארץ ישראל. ער האָט שטענדיג געטראָגען איינינע ספרים מיט זיך, אַלע וועגען ארץ ישראל'דיגע ענינים. דער „רבי" האָט געהאַט שטילערהייד אַ גרויסע השפּעה אויף געוויסע פּערזאָנען, וועלכע זיינען וויט געווען פון כלל־טוערי אין דעם ארץ ישראל געדאַנקען. איינע אַ פרוי פון אַ געוויסען עסקן, האָט איהם געשאָלטען פאַר וואָס ער האָט פון איהר צוגענומען איהר מאַן... „ווען ניט דער „רבי" — האָט זי גע'טענה'ט — איז מיין מאַן געווען אין דערהיים, געגאַנגען מיט מיר אין טעאַטער א. ד. גל. און זייט דער „רבי" האָט איהם איינגערעדט, זעה איך ניט מיין מאַן אין די אויגען"...

אַ גערעכטע טענה, אָבער דער „רבי ליב" האָט אויך רעכט געהאַט. דער מאַן מיט דער ווייב זיינען ביידע אַוועק אין ארץ ישראל...

## כו.

# פארשידענע טיפען רבנים און גאונים

אלערליי רבנים פון די גאר גרויסע ביז גאנץ געוועהנליכע האט מען אין אונזער סביבה, וואו מען איז געווען, געקענט און געזעהן. רבנים, וועלכע זיינען באקאנט אלס גאונים, אלס מחברים, אלס עסקנים און אפילו ווי ווייט זיי זיינען גרוים אין זייער „מקצוע", יעדערער אין זיין פאך איז געווען „אפגעשאצט". דאס איז ניט געטאן געווארען ביי די גרויסע, די האבען געוועהנליך ניט גערעדט וועגען פערזאנען, אבער די קלענערע מענשען אין אונזער אומגעבונג האבען גערעדט וועגען באקאנטע און באוואוסטע, אמאל מיט אנערקענונג און אמאל מיט קריטיק. דארונטער זיינען געווען אין אונזער יוגענד באוואוסט די באריהמטע מענשען אין דער רבנישער וועלט, וועו מיר האבען זיי אפילו ניט געזעהן פערזענליך, מעהר אדער ווענינער האבען מיר געהאט פון זיי א באגריף. געווען אבער אזעלכע פאלען, ווען מיר זיינען געווען נייגעריג צו זעהן אזעלכע אריגינעלע טיפען, וועלכע זיינען אונטער פריהערדיגע ערפאהרונגען געווען גאנץ אונבאקאנט.

איינער פון די איז געווען רבי חיים ליב סטאוויס־קער. ער, דער סטאוויסקער רב, האט דאן געהאט א נאמען פון א צדיק. און דאס אליין איז שוין געווען א נייעס ביי אונז. אין וואלאזינער אטמאספערע איז דער באגריף פון „צדיק" ניט געווען פאפולער אדער געניער געזאגט, ניט געווען באוואוסט וואס מיינט דאס. ממה נפשך, קען מען לערנען, וואס פאר א ווערט האט די צדקות?... געוויס איז יעדער גרויסער מענש, וואס דאס האט געמיינט יעדער גרויסער גאון, אויך א גרויסער עהרליכער איד און וואס גרעסער די גאונות אלץ גרעסער די צדקות; אבער מען זאל איינעם ריהמען, אז ער איז א צדיק, און דאס זאל זיין די הויפט זאך, איז דאס געווען אונפארשטענדליך. אויף ר' חיים ליב סטאוויסקער האט מען דערצעהלט אזעלכע מעשיות, וועלכע זיינען אין אונזער וועלט געווען אונבאגרייפליך. מען האט, למשל, דער־צעהלט, אז ער לאזט ניט אריין צו זיך אין הויז קיינע צייטונגען, און ווען ער האט נויטיג געהאט צוליב אן ענין פון „תקנת עגונה" צו זעהן א מודעה געדרוקט אין „הצפירה", האט ער געהייסען ברייגנען די צייטונג אויסערהאלב זיין הויז און ער איז ארויסגעגאנגען פון זיין פלאץ, וואו

ער איז געזעסען, אין דרויסען, און האט צוגעמאכט די אויגען און מען האט פאר איהם פארגעלייענט די נויטיגע מודעה.

אזא „צדקות" האט שוין אויך אין יענע צייטען געקלונגען קאמיש אין די אויערען פון קינדער אדער ערוואקסענע מענשען, וועלכע האבען זייער ערציהונג און השפעה פון דער וואלאזינער סביבה. אבער דאס האט ניט וועניגער חשוב געמאכט דעם ערך פון דער פערזאן, פון וועמען מען האט דערצעהלט פארשידענע שבחים. עס איז געקומען דערצו, אז מיר האבען זיך געטראפען. רבי חיים ליב סטאוויסקער איז ניט געווען דאן קיין אלטער מאן. ער האט אויסגעזעהן ווי א בן חמשים, זעהר א בלאסער. א לענגליכע, שווארצע בארד; געמיטליכע ,גוטע אויגען און פון דעם גאנצען שמועס פון איהם, פון יעדען ווארט האט געאטעמט געוואלדיגע תמימות. מען האט געזעהן פאר זיך א מענשען, וועלכער געהט א גלייכען וועג, האט קיין איין הרהור ניט פאר עטוואס אנדערש ווי דאס, וואס ער רעדט ארויס, און זיין גאנצער קוק, מיט זיינע אויגען און מיט זיין נשמה, איז געצילט אין דעם, וואס ער האט פאר זיך, ניט טראכטענדיג און זעהענדיג עטוואס אן א זייט. מען האט דאן פאר־שטאנען, אז פאר איהם איז נאטירליך, אז ווען ער דארף שוין יא אנ־קומען צו א צייטונג, זאל ער דערביי צומאכען די אויגען.

מען איז געזעסען זאלבענאנד און מען האט גערעדט אין לערנען. שמועסענדיג אין דעם ענין און, ווי געוועהנליך, דערמאנט מען א גמרא מיט א מחלוקת רש"י און תוספות. זאגט ער צו מיר:

— לאמיר אריינגעמען די גמרא און דורכקוקען דעם ענין אינע־וועניג, וועט זיין א דאפעלטער נוצען, ערשטענס, וועלען מיר דערוויל לערנען, וועט זיין א מצוה, און צווייטענס, האבענדיג די גמרא מיט'ן רש"י און תוספות פאר אונז, וועלען מיר קיין טעות ניט מאכען.

אפשר איז דער קליינער שמועס אויך א פראדוקט פון צדקות. און אויב מען קוקט טיפער, איז דאס אן אריגינעלער כאראקטער־שטריך פון א מענשען, וואס האט ניט און וויל ניט האבען קיין ספקות אין קיין זאך. אפילו ווען ער רעדט אין א גוט־באקאנטען ענין, ווי עס איז דאן געווען דער פאל, וויל ער אויך זעהן די אותיות פאר זיך קלאר און פארלאזען זיך נאר דארויף.

א גאנץ אנדערש אריגינעלער מענש פון די בעריהמטע רבנים דאן, איז געווען באקאנט אין יענער צייט רבי י ע ק ב ד ו ד ס ל ו צ־ק ע ר, אדער ווי מען האט איהם שפעטער אנגערופען, דער ר י ד ב "ז. ער, ר' יעקב דוד סלוצקער, האט שוין דאן געהאט א גרויסען נאמען און

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

באריהמט אַלס גאון מיט זיינע בקיאות און חריפות. זיין וויסען ירושלמי האָט זיך דאָן אויסגעצייכענט און ער האָט שוין געהאַט אַ גרויסע פאַר־גאַנגענהייט הינטער זיך אַלס באָברויסקער רב, ווילנער שטאָדט־מגיד, א. ז. וו.

די ערשטע באַגעגעניש מיט איהם האָט באַוויזען, אַז ער איז אַנדערש ווי אַלע רבנים, וועלכע זיינען געווען ביי אונז אין הויז באַקאַנט פּערזענליך. פון די באַקאַנטע גרויסע רבנים אין אונזער משפחה, ווי אויך אויסערהאַלב, זיינען געווען מענשען פון פאַרשידענע כאַראַקטערע און טעמפּעראַמענטען. מאַנכע געלאַסענע און מאַנכע היציגע, אָבער אַלע פון זיי, אָהן אויסנאַהם, זיינען געווען אויסערליך ווי אינערליך מיושב׳דיג, רוהיג, געזעסען און גערעדט, ווען געגאַנגען, איז אויך שריט ביי שריט און שטענדיג איז געווען דער שמועס דורכגעטראַכט. ווען אפילו עס איז געהערט געוואָרען אַ וויץ איז דאָס אויך געווען געזאָגט שטיל, נחת׳דיג אָהן אויסערליכע שאַרפקייט. ווען מען האָט געזעהן רבי יעקב דוד׳ן, האָט מען געהאַט פאַר זיך אַ גאַנץ אַנדער בילד: ברענענדיגע אויגען, אַ שטראַהלענדיג געזיכט, אַ רויטע באָרד, עטוואָס ווייסליך, האָט נאָך שאַרפער געמאַכט דעם אויסדרוק פון פּנים, און די גאַנצע פּערזאָן איז שטענדיג אין באַוועגונג; געהט אַרום איבער׳ן צימער און רעדט, יעדער וואָרט איז שאַרף, שאַרף אין זיין אָפּקלאַנג און שאַרף אין זיין אינהאַלט, און מען פיהלט, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ מענשען, וועלכער פיהלט זיין גרויסקייט און בויט אויף דעם...

זיין ערשטע שאלה צו מיר איז געווען:

— וואָס לערענסטו?

ענטפער איך איהם:

— איך האַלט איצט פּרק „המניח".

קומט גלייך אַ שאַרפע תשובה:

— גוט. האָסט גוט געזאָגט. אַנדערע זאָגען זיי לערנען ש"ס בבלי. אַנדערע, וועלכע זיינען ניט אַזוי גרוים ביי זיך, זאָגען זיי לערנען „נזיקין". דער גרויסער „ענו" זאָגט: ער לערענט „בבא קמא". דו האָסט כאָטש געזאָגט, דו לערענסט איין פּרק. ווען דו וואָלסט מיר געענטפערט, אַז דו לערענסט, לאָמיר זאָגען, דף ל"ד, וואָלט געווען נאָך בעסער... איך פאַרשטעה ניט, ווי לערענט מען דאָס אַ גאַנצען „סדר" מיט אַמאָל, אָדער אפילו אַ מסכת. מען לערענט איין בלאַט גמרא, נאָכהער לערענט מען נאָך איינעם און אַזוי ווייטער. אָבער היינטיגע

וועלט — מען איז בעלי גאוה. אַנדערש פֿאַסט זיי ניט ווי לערנען גאַנץ ש״ס, אָדער אַ גאַנצען „סדר״, אָדער אַ גאַנצע מסכת מיט אַמאָל...

גלייך נאָך דעם קורצען שמועס, איז מען, נאַטירליך, צוגעקומען צו „שמועסען אין לערנען״. דאָן האָט מען געזעהן, אַז ער, רבי יעקב דוד, האָט גראָד געקענט זאָגען אַז ער לערנט אַלץ מיט אַמאָל. ער האָט נעזאָגט אויסווענינ גאַנצע „עמודים״ און בלעטער גמרא, מיט רש״י, מיט תוספות און ווען נויטיג אויך מיט אַ „ראשון״, אַלץ מיט׳ן לשון, ווי עס שטעהט, ניט אָפּגעשטעלט זיך, ניט פֿאַרטראַכענדיג זיך. זיין בקיאות איז געווען „מבהיל הרעיון״. מען האָט געזעהן פֿאַר זיך אַ פֿענאָמענאַלען כח.

און ער אַליין האָט אויך געפֿיהלט זיין כח און דעריבער איז יעדע זאַך, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט, ארויסגעקומען אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט געמאַכט אַ רושם. אויב ניט שטענדיג איז דאָס געווען איבער־צייגענדיג, אָבער שטענדיג האָט מען נאָכגעטראַכט. די פֿעסטקייט פֿון זיין מיינונג איז געווען ניט נאָר אין דברי תורה, נאָר אויך אויף דעם געביט פֿון וועלטליכע זאַכען, ווי ווייט ער האָט זיך מיט זיי אינטערעסירט. רעדענדיג מיט איהם וועגען ווילנא און די חשיבות פֿון דעם דאָרטיגען אַמט אַלס שטאָדט־מגיד, האָב איך אויסגעדריקט באַוואונדערונג, וואָס ער, רבי יעקב דוד, האָט געהאַט אַזאַ שטעלע, ווען ער איז נאָך געווען יונג. האָט ער געענטפֿערט:

— וואָס איז דער וואונדער? אי ך האָב געוואָלט אָננעמען די שטעלע און ווען איך וויל, פֿאַרוואָס זאָל איך ניט אויספֿיהרען?

ער האָט מיר נאַכהער דערצעהלט איינמאָל ווי אַזוי ער איז געקומען אין ווילנא און האָט זיך באַקאַנט מיט רבי מ ת ת י ה ו ש ט ר אַ ש ו ן, וועלכער איז געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט אין ווילנא מיט זיין תורה, מיט זיין רייכטום און מיט זיין יחוס. און זייענדיג ביי שטראַ־שונ׳ען, קוקענדיג די ספרים פֿון דער גרויסער ביבליאָטעק, וועלכע שטראַשון האָט געהאַט, האָט ער, רבי יעקב דוד, באַוויזען איהם וואונדער. ער פֿלעגט דורכקוקען אַ ספר, אויך פֿון חקירה ענינים, און באַלד דורכ־זאָגען דעם אינהאַלט פֿון ספר. דערצו איז רבי יעקב דוד געווען באמת, ווי מען דערצעהלט, אַ גרויסער רעדנער. האָט רבי מתתיהו שטראַשון איהם ארויפֿגעזעצט אויף ווילנער מגידות.

דער אומרוהיגער גייסט, וועלכער האָט געהערשט ביי רבי יעקב דוד׳ן, האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין ניט איינזיצען אויף אַן אָרט, נאָר אומגעהן אין צימער און רעדענדיג הויך, כמעט ווי אויפֿגערעגט און

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

זייענדיג שטענדיג בארייט צו דיסקוטירען און אמאָל אויך אָנצוגרייפען, נאָר אויך אין דעם וואָס דאָס האָט געווירקט אויף זיין לעבען אין דעם זין, וואָס ער האָט אָפט געביטען זיינע שטעלעס און וואו ער איז געווען האָט ער זיך ניט גערעכענט מיט קיין געגנערשאַפט. אין דער צייט פון דעם געשפּרעך איז ער געווען רב אין ס ל ו צ ק, איינע פון די אָנגעזעהענסטע בכבוד'יגסטע רבנות שטעלען אין יענער צייט. דאָרט איז אָבער געווען די שטאָדט ניט פּאראייניגט און עס זיינען געווען געגנער צו רבי יעקב דוד'ן. צווישען זיי איינינגע זעהר חשוב'ע בעלי בתים, א געוויסער למדן און גביר, ש י מ ח א ו ו י ץ, און א באַקאַנטער שטאָדטישער עסקן, אויך א רייכער מאַן, ג ו ט צ י י ט. דאָס האָט אָבער רבי יעקב דוד'ן ניט אָפּגעשראָקען און ער דערצעהלט מיר:

— איך האָב אויסגעפיהרט אין סלוצק די מאָדע פון שכירות דורך קאָראָבקע ווי אין אַנדערע שטעדט. איך האָב איינגעפיהרט אַז מען זאָל געהן מיט דער „רויטער פּאטשיילקע" און יעדער בעל הבית גיט א „פּיהרער" — צוויי קאָפּיקעס. פריהער, ווען עס איז געווען קאָראָבקע, האָט מען נויטיג געהאט אַן אספּה פון ראשי הקהל, און אַז שימחאָוויץ מיט גוטצייטען זיינען מיר נעגען, שטערען זיי די גאַנצע אספּה און עס ווערט צרות מיט די גאַנצע שכירות. איצט אָבער ווייס איך, אַז צוויי בעלי בתים, ווער זיי זיינען, ווילען מיך ניט, פעהלט מיר צוויי „פּיהרערס" און דאָס אַלץ... וואָס הער איך זיי?

און שמועסענדיג ווייטער אויף דער זעלבער טעמע, זאָגט רבי יעקב דוד:

— און אַז איך וועל ווילען, וועל איך לאָזען אויסרופען, אַז שימחאָוויץ און גוטצייט האָבען קיין געלד ניט, ווערען זיי אויס גבירים... איך האָב שוין איינמאָל מודיע געווען ברבים, אַז שימחאָוויץ קען ניט לערנען, איז געוואָרען אויס מיט זיין לומדות. איך וועל דאָס נאָך טאָן מיט זייער עשירות...

נאַטירליך קען מען האָבען אַן אַנדער מיינונג איבער אַזאַ הנהגה. אָבער צו באַזיצען אַזאַ „ברייטקייט" און אַזאַ פעסטען באַוואוסטזיין, דאָס אַליין איז אימפּאָזאַנט. מיט אַזאַ שטאַרקייט, אויב זי איז באַגרינדעט אויף אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען, בויט מען וועלטען און מען מאַכט חרוב וועלטען.

פון א גאַנץ אַנדער כאַראַקטער אָבער אויך אָריגינעל איז געווען רבי א ל י ע ז ר ט ע ל ז ע ר, דער טעלזער רב און ראש ישיבה. די ערשטע

# פאַרשידענע טיפּען רבנים און גאונים

באגעגעניש מיט איהם, בעפאָר קענענדיג די טעלזער ישיבה, לערנענדיג דאָרטען, איז אויך געווען אין ווארשא, וואו ער איז דאַן געקומען קלייבען געלד פאַר דער ישיבה. די טעלזער ישיבה האָט דאַן געהאַט אַ גרויסען נאָמען. די בעסטע ישיבה־לייט פון וואָלאָזין, אין די לעצטע יאָהרען, זיינען מייסטענס געווען די, וועלכע האָבען פריהער געלערענט אין טעלז. רבי א ל י ע ז ר ג אָ ר ד אָ ן איז געווען כמעט דער גרינדער פון דער ישיבה, ווייל אין זיין צייט און מיט זיינע כחות אלס ראש ישיבה און אלס פיהרער איז די ישיבה גרויס געוואָרען און איבערגעשטיגען מאַנכע אנדערע ישיבות, וועלכע זיינען געווען עלטער פון איהר. רבי אליעזר'ס כח אלס פיהרער איז באַשטאַנען ניט אַזוי אין זיין גלויבען אין זיך, יעדענפאַלס האָט זיך דאָס אויסערליך ניט געפיהלט, נאָר אין זיין שנעלען באַשלוס. ער האָט ניט פיל געטראַכט און דאַדורך האָט ער ניט געזעהן די נעגאַטיווע זייטען און די פאַרשידענע שטערונגען, וועלכע זיינען געקומען אויפ'ן וועג. ער האָט געהאַנדעלט, ווי דאָס הייסט, אויפ'ן „משכל ראשון" און, ווי געוועהנליך, האָט ער זיך זעהר אָפט אַנגעשטויסען אויף גרויסע שוועריג־קייטען. אָבער דער סך הכל איז דאָך געווען, אַז ער האָט אויפגעבויט איינעם פון די גרעסטע מקומות התורה אין דעם פאַריגען דור און אין דעם איצטיגען.

די פערזענליכקייט פון רבי אליעזר'ן איז געווען זעהר אַן אַנציהענדע. אין זיין אויסזעהן איז געווען אַ מערקווירדיגע אדעלקייט, די שטריכען פון געזיכט האָבען עדות געזאָגט אויף זעהר אַ פיינער נשמה. זיין קליי־דונג איז אויך געווען דאָס, וואָס מען האָט דאַן גערופען, „אַריסטאָקראַטיש" מעהר ווי רבניש. זיין האַלטונג צו מענשען איז געווען זעהר קאָרעקט, נאָבעל, פאָרנעם. אין זיין אייגענעם קרייז, צווישען ישיבה־לייט, האָט ער זיך, דאַגעגען, געהאַלטען זעהר היימיש, פאָטערליך. זיינע אויסער־געוועהנליכע פעהיגקייטען אין לערנען זיינען באַשטאַנען אין שנעלקייט. און ווען ער האָט גערעדט אין דברי תורה אָדער אויך אין דברי חול, האָט ער שטענדיג דעם געגענשטאַנד באַהאַנדעלט שנעל, בליצענד. ווען עס איז אָבער דאָך פאָרגעקומען, ווען אַ תלמיד זיינער האָט איהם גע־צוואונגען נאָכצודענקען און ער האָט שנעל ניט געקענט ענטפערען, האָט ער אין דער צייט פון טראַכטען געשריען צום ישיבה־מאַן: „דו פּלוי־דערסט", „דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט", „דו פאַרשטעהסט ניט", א. ד. גל. די אַנוועזענדע האָבען געוואוסט, אַז וואָס מעהר רבי אליעזר שרייט און בייזערט זיך כלומרשט, אַלץ בעסער האָט דער תלמיד איהם „געכאַפּט" און אַלץ טיפער איז דער ענין.

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

רבי אליעזר טעלזער האָט באטראכט די טעלזער ישיבה אַלס דעם יורש פון וואָלאָזין און ער אַליין האָט געזוכט ווי ווייט מעגליך גלייך צו זיין צום טאַטען, ז"ל. ער האָט זיך זעהר געפרעהט דעריבער, ווען איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך האָב די אבזיכט נאָך דעם יאָהר פון מיין אבלות צו פאָהרען אין טעלז. ער האָט אויך דארין איינגעזעהן אַ מין גייסטיגע ירושה, און זייענדיג בכלל זעהר אָפענהערציג, אָהן וועלכע עס איז פּאָליטישע הינטערגעדאַנקען, האָט ער די שמחה אויסגעדריקט און אַלעמען דערצעהלט. זיין באמיהונג גלייך צו ווערען צום טאַטען, ז"ל, האָט מיך, אַלס קינד, באריהרט צוויי־זייטיג, פון איין זייט געפרעהט, פון דער אַנדערער זייט געמאַכט אייפערזיכטיג. און עס איז באמת ניט שווער געווען צו געפינען ניט זוכענדיג, דעם אונטערשיד צווישען דעם טאַטען, ז"ל, און רבי אליעזר'ן.ביידע פּערזאָנען זיינען געווען פון גאַנץ אַנדערע כאַראַקטערען און פעהיגקייטען. און וואָס אמת'ע גאונות אַנבאַטרעפט, איז גאָר ניט געווען צו פאַרמעסטען.

איין מדה האָט אָבער רבי אליעזר יאָ געהאַט עהנליך צו דעם טאַטען, ז"ל. דאָס איז אהבת התורה, דאָס הייסט ניט אהבת התורה אבסטראַקט, נאָר פּשוט ליב האָבען די פּערזאָן, וואָס לערענט, פאַרוואַנדלען דעם באגריף פון אהבת התורה אין ריין קאָנקרעטע פאָרמען, זאָרגען אַז דער תורה לערנער זאָל האָבען וואָס צו עסען, זאָל באזיצען אַ גאַנצען בגד, זאָל ניט קראַנק ווערען דורך צוריסענע שיך א. ד. גל. די „פּשוט'ע" אהבת התורה האָט געפעהלט פילע פון די יעניגע, וואָס פאַר תורה אין דעם אַבסטראַקטען באגריף וואָלטען זיי געהן אין פייער און אין וואַסער, און אפילו ווען אַ ישיבה־מאַן ווערט קראַנק איז זיי ניט שווער געווען די גרעסטע אָנשטרענגונג איהם געזונד צו מאַכען, אָבער זאָרגען פאַר דעם לַמדן ווי אַ טאַטע זאָרגט פאַר אַ קינד, דאָס האָבען זיי ניט פאַרשטאַנען. דער טאַטע, ז"ל, האָט דאָס גֶעהאַט אין פאָלקאָמענעם זין און אויך רבי אליעזר טעלזער איז באזעסען די גרויסע מדה. אפשר איז דאָס די ערשטע מדה וועלכע אַ ראש ישיבה דאַרף באזיצען!

רבי אליעזר האָט אָבער אויך ליב געהאַט צו פאַרגלייכען זיך צום טאַטען, ז"ל, אין זריזות, אין שנעלע האַנדלונגען. און אין אַ געמיטליכען שמועס האָב איך איהם אַמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אַ ז ר י ז און אַ ב ה ו ל איז ניט איינס און דאָס זעלבע.

— וואָס איז דער חילוק? — האָט ער מיך געפרעגט.

דאַרויף האָב איך געענטפערט:

הונדערט פיר און ניינציג

## פאַרשידענע טיפּען רבנים און גאונים

— א זריז מיינט, אז ער איז זיך גוט מישב איידער ער באַשליסט עטוואָס צו טאָן, אָבער נאָכ'ן ישוב הדעת טוט ער שנעל; און א בהול מיינט, אז בעפאָר ער זעהט אַלע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטען, האָט ער שוין זיין באַשלוס פאַרטיג און ווען עס קומט צו דער אויספיהרונג, פעהלט איהם שוין די זריזות...

איך האָב רוהיג צוגעגעבען, אז דער טאַטע, ז"ל, איז געווען א זריז, ניט קיין בהול...

## כז.

# האָפענונגען און ערוואַרטונגען

ניט שטענדיג איז די שטימונג פון דעם איינצעלנעם אין איינקלאַנג מיט די געפיהלען פון דער געזאַמטער געזעלשאַפט אין וועלכע ער געפינט זיך. עס האָט אָבער דאָך אַ געוויסע ווירקונג. ווען ארום און ארום איז די שטימונג אַ שלעכטע, מעג דער איינצעלנער מענש פיהלען ווי גוט, איז דער באוואוסטזיין פון „כל העולם בצער וחנינא בני בנחת”, אַ שטערונג פון אמת'ע צופרידענהייט. מען שעמט זיך פאַר זיך אַליין. דאָס גוט וואָס מען באזיצט איז ניט ליב. אין געגענטייל, ווען מען לעבט אין אַן אַטמאָספערע פון צופרידענהייט, און דער איינצעלנער מענש האָט זיינע ליידען, ווערען די יסורים און דער פאַרדרוס נאָך גרעסער, ווייל צו דעם וואָס מען ליידט פון פאַרשידענע אַנגעלעגענהייטען באַגלייט נאָך דער געפיהל פון קנאה.

דער געפיהל פון קנאה מעג זיין אַ נידריגער און אַן אונווירדיגער, אָבער דאָך געפינט ער זיך אין דעם מענשענ'ס כאַראַקטער, אַפילו ווען ער איז באַהאַלטען גאַנץ טיף. דער „אבל בין החתנים” פיהלט טיפער און מעהר אָנגעוועהטאָגט זיינע אבלות... ווען די אייגענע שטימונג איז אַ געדריקטע און אויך אין דער אומגעבונג איז ניט בעסער, ניט פרעהליכער, זיינען נאַטירליך די אינדיווידועלע צרות ניט קלענער. עס איז אָבער דאָ די באַרוהיגונג פון „צדת רבים חצי נחמה”, ווען אויך די צרה בלייבט אונפאַרהיילט. גליקליך איז דער מאָמענט ווען אַ מענש לעבט אין אַ גוטע לאַגע ניט נאָר פאַר איהם פערזענליך, נאָר אויך ארום איהם איז די שטימונג אַ צופרידענע, דאַן שיינט דעם מענשען אַז די גאַנצע וועלט זינגט און ער זינגט מיט, זיין אייגענע סאָלאָ ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ האַרמאָניע, און אַלץ וואָס ער איבערלעבט ווערט אין זיינע אויגען פאַרגרעסערט און פאַרשענערט.

אין דעם פרט איז גאַנץ גלייך אויב דער איינצעלנער מענש, דער אינדיווידיום איז גרויס אָדער קליין, זיינע שמחות און זיינע צרות זיינען פון וויכטיגקייט אָדער פון קליינליכקייט. יעדער פאַר זיך אַליין איז גענוג גרויס, אַם ווייניגסטענס אין זיינע אייגענע אויגען... און וואָס קען זיין מעהר וויכטיג און מעהר חשוב ביי אַ יונגען דרייצעהן־פערצעהן יעהריגען קינד ווי די פאַסירונג פון פיהלען זיך זעלבסטשטענדיג און

## האָפענונגען און ערוואַרטונגען

אויסגעוואַקסען דורך דעם וואָס ער פאָהרט אין אַ ישיבה לערנען? די ציימען האָבען זיך געענדערט אויך אין דעם הינזיכט. אין די איצטיגע יאָהרען איז יעדעס קינד פון זיין אינגסטען יוגענד געוואוינט צו זיין ארומגערינגעלט פון צעהנדליגע און הונדערטע חברים וואו ער פיהלט זיך ווי אַ גלייכער מיט גלייכע. און דער געפיהל ענדערט זיך ניט פון דער צייט וואָס ער זיצט אויף דעם שוהל-בענקעל אין אַ גרויסע תלמוד תורה, אָדער אירגענד וועלכע אַנדערע סקול, און געהט לאַנגזאַם איבער צו אַ ישיבה אָדער אַן אַנדער אַנשטאַלט פון הויכע למודים. עס איז אַ נאַטירליכע עוואָלוציע און אַ געוועהנליכער וואוקס פון קליין צו ווערען גרעסער און גרעסער. קיין אינערליכע איבערלעבעניש איז אויך ניטאַ, ווייל יעדעס קינד איז געוואוינט צו דעם געדאַנקען אַז ער דאַרף לערנען צוליב אַ קאַריערע און צו דעם שטרעבט ער באַוואוסטזיניג אָדער אונטער דעם באַוואוסטזיין, פון דעם ערשטען טאָג ווען ער הויבט אָן לערנען ביז ער ענדיגט זיינע למודים.

גאַנץ אַנדערש איז געווען אַמאָל מיט דרייסיג-פערציג יאָהר צוריק, ווען אַ אינגעל, אָדער אַן ערוואַקסענער „בחור" איז געפאָהרען אין אַ ישיבה, איז דאָס געווען איינע פון די שענסטע מאָמענטען און וויכטיגסטע פאַסירונגען אין לעבען. אין די אינגערע יאָהרען איז דאָס אינגעל געווען אין אַ סביבה פון גרויסע ערוואַקסענע מענשען וואו ער האָט זיך געפיהלט קליין, ניט וויכטיג און ניט גלייך אין יעדער הינזיכט, פיזיש אַזוי ווי גייסטיג. אויב אפילו מען האָט געלערנט אין אַ חדר, איז דער חדר באַ-שטאַנען פון אַ גאַנץ קליינע צאָהל תלמידים, און וואָס דער מלמד איז געווען חשוב'ער, און די תלמידים פעהיגער, אַלץ קלענער אין צאָהל איז געווען דער חדר, און דאָס האָט ניט געהאַט די ווירקונג אויף דעם קינד'ס נשמה, אַז ער זאָל זיך באַטראַכטען אַלס אַ מענש פאַר זיך, אפילו אַ קליין מענשעלע, ער איז געווען אַ טפל צו גרעסערע און ערוואַקסענע. ווען מען האָט אָבער דערלעבט די צייט און דערוואַקסען אין די פעהיגקייט אַז מען באַשליסט צו „שיקען דעם אינגעל" אין דער ישיבה, איז דאָס געווען אַ מין רעוואָלוציע אין דעם קינד'ס איבערלעבעניש. עס איז געוואָרען אַ יום טוב, אַ מין באַגייסטערונג וועלכע האָט אַנגעהאַלטען וואָכען און חדשים און אַמאָל יאָהרען. מען האָט אָנגעהויבען צו פיהלען אַז מיט דעם אָוועקפאָהרען פון „דער היים" — און דער פּראָצעס פון פאָהרען איז אויך ניט געווען קיין אַלטעגליכע ערשיינונג ווי עס איז היינט — געהט מען ארויס פון קליינקייט, פון קינדישקייט, און מען ווערט אַ מענש, אַ מענש פאַר זיך מיט אַלע זכיות און מיט אַלע חובות.

הונדערט זיבען און ניינציג

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

עס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר די אויגען, ווי מען קומט אריין אין א סביבה פון צעהנדליגע און הונדערטע חברים און מען ווערט אליין א חבר צו זיי. מען האָט געזעהן פאַר זיך די נעקסטע צוקונפט אין די שענסטע פאַרבען, מען וועט לערנען פון גרויסע און צווישען גרויסע. מען וועט „רעדען און לערנען" ניט נאָר ווי א תלמיד פאַר א רבי'ן, נאָר ווי איינער פון פילע גלייכע חברים, גלייכע מענשען, מען וועט „שטייגען אין לערנען", און מען וועט האָבען די שמחת התורה פון אויפטאָן, פון שאַפען, פון בויען נאָך א חלק צו דער תורה, וועלכע איז דער גרונד־שטיין און דער ליכט־זייל פון יודענטום. ווער האָט דאָן געקלערט וועגען „קאַריערע", „תכלית", ווייטע צוקונפט אין לעבען א. ד. גל.? ווען אזא מחשבה וואָלט געקומען אויפ'ן געדאַנקען, וואָלט דאָס, אין דאַמאָלדיגע באַגריפען — און אפשר דאַרף דאָס היינט אויך זיין? — גע'פסל'ט די געוואָלדיגע התלהבות וועלכע האָט אָנגעצונדען און אָנגעוואָרעמט דעם צוקונפטיגען ישיבה־מאַן...

אויך זייענדיג אין ווארשא, כמעט דעם גאַנצען טאָג און דעם אבענד אריינגערעכענט, באשעפטיגט מיט „לערנען" — און דאָס וואָרט „לערנען" האָט אנדערש ניט געמיינט, ווי גמרא מיט אַלץ וואָס האָט א שייכות דערצו, ווייל בנוגע צו אַנדערע למודים האָט דאָס געהייסען „לערנען זיך" — און אפילו אַמאָל מיט „מאַכען תורה", נאַטירליך נאָך די יאָהרען נאָך, האָט דאָס ניט געקענט צופרידענשטעלען. מען האָט זיך געפיהלט ווי איינער אליין אויף אַן אינזעל... עס האָט ניט אַנדערש געמאַכט דעם איינדרוק און דאָס געפיהל, דער פאַקט וואָס מען איז געקומען אין שטענדיגע באַריהרונג מיט גרויסע רבנים און אַפילו גרויסע בעלי בתים לומדים. עס איז, צום ביישפיל, געווען א נאָהענטער קרוב אין אונזער משפחה, אין ווארשא, א איד א סוחר, ש א ו ל ק א ס אָ ו ו ס ק י, וועלכער האָט געהאַט בכח, גראַד ווען עס איז איהם אין די געשעפטען געגאַנגען ניט גוט, האָט ער, אום „ארויסשלאָגען זיך פון קאָפּ", אוועק־געזעצט אויף עטליכע שעה נאָכאַנאַנד, און אַמאָל אויך גאַנץ פריה אין די מאָרגען שעה'ן, און געלערנט מיט'ן קול און מיט וואַרימקייט פון א יונגען מאַן „הלכות בכורות להרמב"ן". עס איז אויך געווען אין אונזער סביבה א איד, א פאַבריקאַנט, פאַר א געוויסע צייט מיינער א רבי, י ע ק ב מ א ס ל י א נ ס ק י, וועלכער ניט קוקענדיג אויף זיינע געשעפטען, צאָהלונגען, וועקסלען א. ד. גל. האָט ער פיל געלערנט און „מחדש" געווען אין לערנען. ער האָט ניט פאַרשטאַנען ווי קען א איד ניט לערנען צוליב דעם וואָס ער האָט קיין צייט נים. ער פלעגט זאָגען:

הונדערט אַכט און ניינציג

## האָפענונגען און ערוואַרטונגען

— ווען איך פרעג איינעם פאַרוואָס לערנט ער ניט, און ער ענט־פערט מיר: „איך וויל ניט", — האָב איך צו איהם קיין טענה ניט. איך האָב אַ קבלה אַז ניט מיין טאַטע און ניט מיין טאַטען'ס טאַטע ביז אָדם הראשון האָט געוואָלט לערנען אויסער ב ן ־ ע ז א י... אָבער ווען איינער זאָגט מיר: „ער האָט קיין צייט ניט צו לערנען", איז דאָס אַ ליגען, ווייל ווען מען וויל האָט מען צייט.

אָבער די אַלע לערנער ווי וויכטיג זיי זיינען געווען פון זייער סוב־יעקטיווען צושטאַנד האָבען זיי ניט געקענט שאַפען קיין אָביעקטיווע לאַגע אַז אַ יונגער גייסט זאָל זיך דאַמיט צופרידענשטעלען. עס האָט געריסען, עס האָט זיך געוואָלט באַהעפטען צו אַ פּלאַץ וואו די תורה ליכט איז אַ פלאַם־פייערדיגע... דער וואָהל אויף די ישיבה אין טעלז איז אויסגעפאַלען, ווייל אין יענער צייט האָט זיך די טעלזער ישיבה גערעכענט פאַר די גרעסטע נאָך וואָלאָזין. און אין וואָלאָזין אַליין, איז פאַר די לעצטע יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ געווען דער גרעסטער טייל פון די „גוטע בחורים", די יעניגע וועלכע זיינען געקומען פון טעלז. וואָכען לאַנג בעפאָר די באַשטימטע צייט פון „אוועקפאָהרען לערנען" איז געקומען, האָט שוין געהערשט אַ צופרידענע אונרוהיגקייט. יעדער מאָמענט איז געווען פול מיט דעם געדאַנק: אין פיר וואָכען ארום, אין דריי וואָכען אַרום, אין צוויי וואָכען ארום וועל איך זיצען אין דער ישיבה און הערען „שעורים" און זיין אַ ישיבה־מאַן!...

אַ צייט פון האָפנונגען און ערוואַרטונגען.

און די געהויבענע שטימונג איז ניט געווען באַגרענעצט אויף ענגאַ־איסטישע געפיהלען אַליין, נאָר אין דער גאַנצער סביבה ארום, ווי ווייט עס אַנבאַטרעפט אידען אין רוסלאַנד איז געווען אַ שטימונג פון האָפנונגען און ערוואַרטונגען. עס איז געווען די צייט ווען א ל כ ס נ ד ר ד ע ר ד ר י ט ע ר איז געלעגען אויף זיין קראַנקען בעט אין זיין פּאַלאַץ אין ליוואַדיע אין קרים. די הערשאַפט פון אַלכסנדר דעם דריטען איז געווען איינע פון די שלעכטסטע — עס איז אַפילו קיין מאָל ניט געווען פיל בעסער — פאַר די רוסישע אידען. די ערשטע פאָגראָמען, דער גירוש פון מאָסקווא, די „צייטווייליגע" געזעצען פון א י ג נ א ט י ע װ, און די אונ־אויפהערענדע גזרות האָבען געמאַכט דאָס אידישען לעבען אונערטרעגליך, און יעדער האָט זיך געפרעהט מיט דער האָפנונג באַלד פריי צו ווערען פון דעם קיסר. איבערהויפט איז געווען די שמחה גרויס, ווייל אַזוי ווי מען האָט געוואוסט די רשעות פון איהם, פון אַלכסנדר דעם דריטען, אַזוי פלעגט מען אויך דערצעהלען פון זיין גבורה, אַלס אַ ריז מיט זיין

הונדערט ניין און נייצניג

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

גוף און געזונדהייט. קיינער האָט ניט געקענט האָפען אַז ער זאָל אין זיינע מיטעלע יאָהרען אוועקגעהן און מען זאָל פון איהם פּטור ווערען, מיט'ן נאַטירליכען וועג. עס איז דאריבער באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ „נס מן השמים", די ידיעות וועלכע זיינען געקומען איינע נאָך די אַנדערע, אַז דעם קיסר'ס צושטאַנד ווערט ערגער און ערגער, און זיין סוף איז נאָהענט. אַזוי ווי די „שרעקליכע" נייעס פון דער קראַנקהייט זיינען געקומען פון זיין קראַנקען בעט אין ליוואַדיע, האָט מען געזאָגט: „לעושה נפלאות גדולות ליוואַדיע"...

אידען, און געוויס אויך די ניט־אידישע ליבעראַלע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, האָבען זיך אינערליך געפרעהט ניט נאָר דאַמיט וואָס אַלכּסנדר דער דריטער גוסס'ט און זיינע שעה'ן זיינען געצעהלטע, נאָר מען האָט אויך געהאָפט, אַז מיט דעם אויפשטייגען אויף'ן טראָן פון זיין זוהן ניקאָלאַי וועט ווערען די אידישע לאַגע בעסער, אַזוי ווי אין אַלגעמיין וועט קומען אַ נייע עפּאָכע אין רוסלאַנד. אויף וואָס איז געווען באַגרינדעט דער גלויבען אַז ניקאָלאַי איז בעסער פון זיין פאָטער — איז שווער צו זאָגען. לעבענדיג איצט נאָכדעם ווי ניקאָלאַי דער צווייטער האָט באַוויזען זיין „גוטסקייט", ווייס מען וואָס פאַר אַ ביטערער טעות דאָס איז געווען. אָבער אין יענער צייט איז דאָס געווען אַן אילוזיאָן פון אַלעמען אין רוסלאַנד, אַז מיט אַלכּסנדר'ס טויט ענדערט זיך די לאַגע צום בעסערען. פיהלענדיג אַזוי, האָבען די אַלע וועלכע האָבען געהאָפט און געוואָרט אויף די לעצטע ידיעות פון ליוואַדיע, געמוזט פאַרשטעלען זיך און שפּילען אַ ראָלע פון מענשען וועלכע טרויערען אויף דעם קיסר'ס קראַנקהייט און זיינען מתפלל פאַר זיין געזונד. עס איז ניט קיין אַנגענעמע לאַגע פאַר איינצעלנע מענשען צו שפּילען אַ צווייזייטיגע ראָלע, בפרט פאַר אַ צבור. דער אידישער קהל האָט זיך אָבער אַן עצה געגעבען. מען איז געגאַנגען אין די שוהלען און אין די בתי מדרשים „זאָגען תהלים" פאַר דעם געזונד פון דעם קראַנקען קיסר. מען האָט אָבער אריינגעלעגט די גאַנצע כוונה אין די פּסוקים וועלכע עס פּאַסען ריכטיג צו דעם וואָס די האַרץ וויל. געוועהנליך דאַרף מען זאָגען ביי אַזאַ געלעגענהייט דעם קאַפּיטעל פון „ד' בעזך ישמח מלך", און דאָ האָט דער עולם פון טיפען האַרצען אויסגעשריען:

„תמצא ידך לכל איביך... פרימו מארץ תאבד וזרעם מבני אדם!"

און ווען מען איז געקומען צום קאַפּיטעל מ"א, וועלכען מען זאָגט פאַר קראַנקע, האָט זיך ארויסגעהערט דער פּסוק:

„דבר בליעל יצוק בו כאשר שכב לא יוסיף לקום".

# האָפענונגען און ערוואַרטונגען

און מיט אַ באַזונדער געשמאַקקייט האָט דער חזן געענדיגט דעם קאַפּיטעל נ"ה. „ואתה אלקים תורידם לבאר שחת אנשי דמים ורמה לא יחצו ימיהם ואני אבטח בך".

וועלכע אַנדערע נקמה האָבען געקענט אידען נעמען פון זייער בלוט-פאַרגיסער אויב ניט מיט אַ פּאַסענדען פּסוק?

באַזונדערע „קונצען" האָבען באַוויזען די רבנים וועלכע האָבען גע-דרשנ'ט לויט דעם באַפעהל פון די הויכע באַאַמטע, אין דער צייט ווען די תפלות זיינען אָנגעגאַנגען. אין די גרעסערע ווי אין די קלענערע שטעדט פלעגען קומען אין שוהל אין דער צייט פון די תפלות די הויכע „נאַטשאַלסטוואָ" מיט זייער גלאַנץ, אין די אָפיציעלע קליידער, און זייערע קלענערע באַאַמטע אַרום זיי. די שוהל איז געווען באַלויכטען און דער עולם איז געווען גרויס, דען וועלכער איד וועט ניט קומען „תפלה טאָן פאַר זיין קיסר", ווען זיבען אויגען האָבען געקוקט אויף יעדען מענשען אויב ער געהערט ניט חלילה צו די „מורדים במלכות"? און אפשר האָט זיך טאַקע געוואָלט געהן, דען ווען האָט מען אַזאַ געלעגענהייט מתפּלל צו זיין מיט אַזאַ הנאה?...

האָט אַ רב וועלכער האָט געקענט רוסיש, געהאַלטען אַ רעדע אין דער געגענוואַרט פונ'ם איספּראַווניק, ווי אויך דעם הויפּט פון די זשאַנ-דאַרען און נאָך אַנדערע גרויסע פּערזענליכקייטען, מיט דעם אינהאַלט:

„דער פּסוק זאָגט: „משפטך למלך תן וצדקתך לבן מלך", דעם בן מלך וועלכען מען קען ניט דאַרף מען געבען צדקה, דן זיין צום גוטען, ווייל געווים וועט ער טאָן גוטס, אָבער דעם מלך וועלכער איז אונז אַלעמען נוט באַוואוסט מיט זיינע גרויסע חסדים וואָס ער האָט אונז שטענדיג געטאָן, בעטען מיר דעם אויבערשטען ער זאָל איהם ניט געבען קיין צדקה, נאָר טאָן זיין משפט, די גערעכטיגקייט, ווי ער האָט פאַרדינט"...

און אַזוי איז דער דרוש פאַרטגעזעצט געוואָרען צו די אַלגעמיינע צופרידענהייט אַז דער איספּראַווניק וועלכער האָט „פאַרשטאַנען" די רעדע האָט וואַרעם באַדאַנקט דעם רב, דעם רעדנער, פאַר זיין „פּאַטריאָטישע" רעדע. און די אידען וועלכע האָבען ניט נאָר געהערט וואָס דער רב האָט געזאָגט, נאָר אויך צוגעהערט ווי דער רב האָט גערעדט, זיינען אויך אַוועק צופרידען...

די תפלות און די „ברכות" זיינען אָנגענומען געוואָרען, און . . . אַלכסנדר דער דריטער איז געשטאָרבען.

צוויי הונדערט און איינס

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

דעם טאָג וואָס דער פּערצעהן יעהריגער אינגעל איז געקומען אין טעלז פול מיט האָפנונגען און ערוואַרטונגען, איז אויך געקומען די „טרויעריגע" ידיעה אַז דער קיסר איז געשטאָרבען. אַלע האָבען זיך געאיילט אין דעם גרויסען בית המדרש וואו עס איז דאַן אויך געווען די ישיבה, צו מתפלל זיין פאַר דעם קיסר'ס נשמה, און קוקענדיג אויף די שווארצע פאָהנען וועלכע זיינען געווען ארויסגעהאנגען, האָט מען גע־פיהלט די אַלגעמיינע צופרידענהייט און עס האָט זיך געדאַכט אַז די גאַנצע וועלט זינגט מיט, עס איז פול האָפנונגען און ערוואַרטונגען צו בעסערע צייטען.

ליידער זיינען זיי ניט געקומען.

צוויי הונדערט צוויי

## כח.

# אין טעלזער ישיבה

דער ערשטער איינדרוק איז דער שטארקסטער. זייענדיג אין טעלז די ערשטע צוויי טעג, פרייטאג און שבת, אלס אן אורח, איז גלייך אם מוצאי שבת אויסגעקומען צו פיהלען דעם אנגענעמען איינדרוק פון זיין א ישיבה־מאן, גלייך מיט אלעמען. עס קען זיין אז מאנכע מענשען האבען א חשק צו זיין אויסגעצייכענט פון אנדערע, מען זאל אויף זיי קוקען, מען זאל זיי באטראכטען, מען זאל אויף זיי ווייזען מיט'ן פינגער. אין דער אמת'ן איז ניטא קיין ערגערער געפיהל ווי דיזער, ווען מען פיהלט זיך אז מען לעבט ווי אונטער א גלאז, אלע אויגען קוקען און די גאנצע אויפמערקזאמקייט איז אויף דיר געריכטעט. מען זעהט אוים ביי זיך ווי א חפץ וועלכער געהערט צו אימיצען אנדערש און יעדער האט אין דיר א חלק, און דו אליין האסט ניט קיין רעכט צו טאן וואס דו ווילסט, ווייל דו ביזט ניט אין דיין רשות, נאר אין רשות הרבים. דאריבער איז דער געפיהל פון גלייכהייט, ניט זיין אנדערש פון אלע, ניט מעהר יחסן ווי אן אנדערער, גראדע געווען דאס אנגענעמסטע, ווען עס איז געקומען דער שמש און איינגעלאדען גען זיך „פארהערען", אום די ראשי ישיבה זאלען ווימען אין וועלכען „שעור" אריינצוזעצען. עס האט זיך דאן געטראכט האפענטליך וועט מען אויפהערען צו קוקען אויף „זכות אבות" און מען וועט ניט מעהר רעדען צווישען זיך „אט איז ער", און עס וועט ניט קלינגען מעהר אין די אויערען דער אויסדרוק, האלב מיט שטאלץ און האלב מיט רחמנות: „וואלאזין איז געקומען לערנען אין טעלז". מען וועט זיך פארהאלטען צו דיר ווי צו אלע אנדערע אין דיין גלייכען „מעשיך יקרבוך ומעשיך ירחקוך", און דאס וועט שוין במילא צווינגען זיין בעסער ווי אנדערע, אבער מיט אייגענע כחות... עס איז אויך געווען אין דער „איינלאדונג" קומען זיך פאר־הערען אן אנגענעמער געפיהל דאדורך אז די ראשי ישיבה מאכען ניט קיין אויסנאמע אין דעם פארטיילען אין די קלאסען — דאס וואס מען האט גערופען אין טעלז „שעורים" — און זיי זיינען אונפארטייאיש, איז דאס א באוויז אויף דעם מאראלען צושטאנד פון דער גאנצער ישיבה, אז דער איינציגער מאסשטאב איז דאס לערנען, און ניט עטוואס אנדערש.

דער „פארהערען זיך" איז געווען אין הויז פון דעם ראש ישיבה, רבי

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

יוסף ליב בלאָך, דער איידעם פון רבי אליעזר טעלזער. שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט רבי יוסף ליב'ן האָט מען געוואונען דעם איינדרוק אַז ער געהערט צו יענע פּערזאָנען וועלכע ווייסען זיך אַליין אָפּצושעצען און ווילען דאָס געבען צו פאַרשטעהן אַנדערע. מען האָט געזעהן פאַר זיך אַ מענשען וועלכער איז פאַרפאַנצערט אין פיהרערשאַפט ביי יעדער תנועה. געהאַלטען זיך צו די תלמידים מיט אַ געוויסע צוגע־לאָזענקייט אָבער אויך מיט אַ געוויסע ענטפערנונג אין דער בחינה פון „שמאל דוחה וימין מקרבת". יעדער וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגערעדט סיי אין תורה און סיי אין דברי חול איז געווען ווי געוואויגען און גע־מאָסטען. אין אַלגעמיינעם געשפּרעך האָט מען געהערט ווערטער און מיינונגען וועלכע האָבען אַ שייכות מיט ליטעראַרישע אויסדריקע און מאָדערנע געדאַנקען, טראָץ דעם איז געווען צו פאַרשטעהן אַז פון די תלמידים, ישיבה־לייט, ערוואַרטעט ער עטוואָס אַנדערש. אין דעם אַלעם איז אָבער ניט געווען קיין צווייזייטיגקייט נאָר אַן אויסגעהאַלטענע קאָנ־סעקווענטע שיטה, וועלכע איז אייגענטליך ניט ניי אויך אין געוויסע חקירה און מוסר ספרים, אַז קענען זאָל מען אַלץ און וויסען אַלץ, אָבער צייט צו לערנען די זאַכען זאָל מען ניט אויסנוצען... דאָס איז אַ מין לכתחילה און בדיעבד. ווען מען באַגעגענט זיך אין לעבען דאַמיט ווירקט דאָס ניט שטענדיג צו גוטען, טראָץ דעם וואָס צוקוקענדיג טיפער איז ניטאָ דאַביי קיין גרויסע סתירה.

אויך אין תורה האָט רבי יוסף ליב זיך באַמיהט צו שאַפען אַן אָריגינאַליטעט אין די דאָרטיגע אומשטענדען. דען צווישען די פילע זאַכען אין וועלכע די טעלזער ישיבה האָט זיך אונטערשיידעט פון די וואָלאָזינער און זי איז דאָדורך געווען ווי אַ קלענערער לעהר־אַנשטאַלט געגענאיבער אַ פיל גרעסערען איז דאָס אויך געווען, וואָס אין טעלז האָט מען נאָר געלערנט געוויסע מסכתות פון „נשים" און „נזיקין", אויך ניט אַלע, און נאָר אין די מסכתות האָט מען געזאָגט שעורים. דאָדורך זיינען פילע ענינים פון ש"ס געווען צו טעלזער תלמידים גאַנץ פרעמד. רבי יוסף ליב, וועלכער האָט געהאַט גלענצענדע פעהיגקייטען אין זיין אַרט לערנען — עס איז געווען אַ מין צווישען־וועג, ניט גאָר קיין העמקה ווי די אַנדערע ראשי ישיבה אין יענער צייט, און ניט גאָר פלפול ווי רבי אליעזר גאָרדאָן איז געווען, און איז געווען דאַצו אַ זעלטענער מסביר — האָט ער זיך באַמיהט אין זיינע שעורים ווען זיי זיינען אפילו געזאָגט געוואָרען אין אַ מסכת פון „נשים", „נזיקין", אַריינצוברענגען „פרעמדע" ענינים פון אַנדערע מסכתות. עס איז געקומען אַזוי ווייט,

# אין טעלזער ישיבה

אז זאגענדיג אמאל א שעור אין „קידושין" האט ער אזוי פיל גערעדט אין ענינים פון „קדשים" אז די צוהערער האבען קיין ווארט ניט געפרעגט אדער באמערקט. דאס איז געווען אין טעלז אן אונגעוועהנליכע ערשיי־נונג בפרט אין די העכערע „שעורים". האט דאס רבי יוסף ליב'ן זעהר פארדראסען און ער האט די צוהערער געמאכט א פארוואורף, באזונדערס צו די מעהר פעהיגע. און דאביי האט ער באמערקט:

— דאס איז דאך וואס איך וויל, אז מען זאל ניט זאגען אז טעלזער ישיבה־לייט וויסען נאר פון „יאוש" און „הפקר". זאלען זיי אויך וויסען ענינים פון „קדשים".

רבי יוסף ליב האט פארדינט אכטונג און פילע ישיבה־לייט האבען געקוקט אויף איהם פון אונטען ארויף. מען האט געזעהן פאר זיך ניט נאר א חשוב'ען ראש ישיבה נאר א פערזענליכקייט מיט א פעסטען כא־ראקטער. זיינער א ווארט, אויב מען האט דאס געוואלט הערען אדער ניט, איז שטענדיג געווען פעסט און אויסגעהאלטען מיט זיינע אויפ־פאסונגען. די שטארקייט האט אימפאנירט און האט געווירקט צו קוקען אויף איהם ווי אויף א מנהיג.

אנדערש איז געווען די פארהעלטניס צווישען די תלמידים און „דעם רב", ווי מען האט גערופען רבי אליעזר'ן. רבי אליעזר האט געהאט אפיציעל צו טאן נאר מיט די גרעסטע בחורים וועלכע זיינען געווען אין העכסטען קלאס, אדער ווי מען האט דארט גערופען „דעם רב'ס שעור". ער האט פאר זיי געזאגט זיין שעור איינמאל א וואך. אבער אויך די קלענערע תלמידים האבען געהאט א צוטריט צו איהם, און ווען מען איז געווען אין זיין סביבה און פארבראכט מיט איהם, אויב אין דברי תורה אדער זאגאר אין דברי חול, האט מען געפיהלט אן אינערליכע ווארעמקייט. די אהבת תורה, די ליבע פון איהם צו יעדען ישיבה־מאן האט זיך אויסגעדריקט אין יעדער באוועגונג, אין יעדען ווארט. ווען ער האט אפילו געשריען, ווי עס פאסירט אמאל צווישען א רבי'ן מיט א תלמיד, האט מען געוואוסט אז ער שטרענגט זיך אן צו זיין בייז, אינערליך איז ער די גוטסקייט און די ליבשאפט אליין. מען האט ניט געקענט וויסען געגוי זיין שיטה אין געוויסע זאכען, וועלכע זיינען געווען נוגע די ישיבה. זיין שטעלונג צו דער פראגע פון „מוסר" לערנען, וועלכע איז דאן געווען אין טעלז א „ברענענדיגע" שאלה, איז אויך ניט געווען קלאר. אין זיינע דרשות וועלכע ער פלעגט האלטען ספעציעל פאר די ישיבה לייט פון צייט צו צייט, איבערהויפט אנהויב „זמן", האט ער אמאל געזאגט אז אפרים איז העכער פון מנשה, ווייל אפרים האט גע־

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

לערנט תורה און מנשה איז נאָך געווען אַ „בעל מוסר". ער האָט דאָס אָבער „פאַרריכט" אַזוי שנעל ווי מען האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, און געזאָגט, אַז אין דער אמת'ען איז אפרים געווען שטאַרק פאַרבונדען מיט „מוסר"... אָבער דאָס אַלץ האָט ניט גרינגער געמאַכט זיין חשיבות, ווייל דאָס האָט באמת געשטאַמט ניט פון זיין כאַראַקטער, נאָר פון זיינע פעהיגקייטען. אויך אין לערנען איז זיין קאָפּ געווען זעהר שאַרף און בליציג אַז ער האָט פאַרשידענע זאַכען, וועלכע שיינען צו זיין ווייט איינע פון די צווייטע, צוזאַמענגעבונדען. וועגען יעדע געלעגענהייט האָט ער דאָס פּאָזיטיווע און דאָס נעגאַטיווע גלייך באַהאַנדעלט. אַלעס איז אָבער געקומען פון אַ שאַרפען מוח און פון אַ גרויסע וואַרעמע האַרץ.

ווען מען איז אַרויסגעגאַנגען פון זיינעם אַ שעור, וועלכער האָט געדויערט אייניגע שעה, האָט איינער דעם אַנדערען אויסגעדריקט זיין באַוואונדערונג ניט נאָר אויף די חדושי תורה אַן און פאַר זיך, נאָר פיל מעהר אויף דעם „איינפאַל" צוזאַמענצובריינגען פאַרשידענאַרטיגע ענינים און אויפשטעלען זיי פאַר אַ גאַנצען בנין... דאָסזעלבע איז אויך געווען אין „מילי דעלמא", ער האָט גערעדט וועגען אַלץ, דיסקוטירט וועגען אַלץ, האָט געוואָלט „מחדש" זיין אין רוסישע גראַמאַטיק... און זעהר אָפּט האָבען זיינע מיינונגען געהאַט אַן אַבסורדען כאַראַקטער, אָבער דאָך האָט מען געזעהן אָריגינאַליטעט, אייגענאַרטיגעס און אויסערגע־וועהנליכע פעהיגקייט.

דער ישיבה'שער לעבען אין טעלז האָט זיך אונטערשיידעט פון וואָלאָזין אויסערליך אַזוי גוט ווי אינערליך. שוין די טאַטזאַכע וואָס מען איז געווען צוטיילט אין קלאַסען, ווען אַפילו אויסערהאַלב די שעורים האָבען אַלע געלערנט צוזאַמען אין בית המדרש, און שפּעטער אין דעם גרויסען בנין פון דער ישיבה, האָט געשאַפען דעם איינדרוק פון אַ געוויסע קליינליכקייט, זאָגאַר ווען מען האָט אַנערקענט דעם פּראַקטישען נוצען דאַפון. עס איז ניט געווען ווי אין וואָלאָזין וואו פון קליין ביז גרויס זיינען אַלע געווען בחזקת גדולים... עס איז אויך געווען די השגחה אויף די תלמידים אין טעלז אַ פיל שטרענגערע אין דער צייט וואָס אין וואָלאָזין איז די גאַנצע השגחה געווען כמעט נאָר ווי נאָמינאַל.

צום שעור האָט מען אין טעלז געמוזט קומען, און מען האָט אויס־גערופען מיט די נעמען צו וויסען ווער עס איז דאָ און ווער עס פעהלט. אַם מייסטען אונאַנגענעם האָט אָבער באַריהרט דאָס וואָס ביים דאַווענען האָט מען נאָכגעצעהלט די תלמידים און דאָס איז געטאָן געוואָרען ניט דורך דעם „משגיח", נאָר דורך געוויסע ישיבה־לייט וועלכע האָבען

## אין טעלזער ישיבה

באקומען פאר די השגחה בשעת'ן דאוונען א געוויסע באצאָהלונג. זייער אויפגאבע איז געווען צו מאכען א צייכען ביי דעם נאָמען אין דער רשימה וועלכע זיי האבען געהאט פאר זיך, און דער יעניגער וועלכער האָט געהאט אייניגע צייכענס אזעלכע, האָט מען איהם באשטראָפט ווען ער האָט געדאַרפט קריגען זיין „חלוקה". דער אונאנגענעמער איינדרוק איז באשטאנען דארין, לויט די וואָלאָזינער באגריפען, וואָס איין תלמיד אויף דעם אנדערען האָט אָנגעצייגט ווער עס איז דער „בעל עולה", און דאָס איז געטאָן געוואָרען פאר געלד, און דאגעגען די שטראָף פאר ניט קומען דאווענען בצבור איז אויך א קנס פון געלד. אין וואָלאָזין איז געווען געלד ענינים ווייט פון די אינטערעסען פון די ישיבה־לייט, אפילו זייער „חלוקה" האָבען די תלמידים געקראָגען אויף דעם אינדירעקטען וועג, און דאָ אין טעלז האָט דער תלמיד געפיהלט דעם מתן שכר, אָדער דאָס געגענטייל, צופיל מאַטעריאַליסטיש.

מען האָט אויסגעטיילט די „חלוקה" צו די תלמידים איינמאָל א חודש, און דער וועג פון געבען דאָס געלד איז געווען זעהר פּרימיטיוו, אין די אויגען פון א וואָלאָזינער האָט דאָס געשמעקט מיט צופיל „גשמיות". מען האָט אריינגערופען איין תלמיד נאָכ'ן אנדערען און מען האָט איהם געגעבען וויפיל עס איז געווען באשטימט דירעקט אין האַנד. עס איז געווען אַן אנגענעמער געפיהל ווען מען האָט מיך, אלס א נייעם תלמיד, אריינגערופען צום „חלוקה נעמען", האָב איך געקענט ענטפערען: „איך האָב דאָס ניט נויטיג". די תשובה איז דאָן ניט קלאָר פארשטאַנען געוואָרען, און עס איז באַלד געקומען א שליח מיט א ידיעה: „דער רב רופט". אריינקומענדיג צו רבי אליעזר'ן, האָט ער, ווי דער שטייגער, געערעכט מיט ליבשאפט און מיט התלהבות און אויך מיט א געוויסע רוגזה:

„וואָס הייסט דאָס, דו ווילסט ניט נעמען קיין חלוקה? אפשר צו ווענינ וויפיל מען וויל דיר געבען, ועסטו קריגען מעהר. ווען מען דען זאָל מען געבען „חלוקה" אויב ניט דיר? וואָס הייסט דאָס, זאָג!"

איך האָב ערקלעהרט, אז איך ווייס אפילו ניט וויפיעל מען וויל מיר געבען און איך ווייס ניט פאר וואָס קומט מיר מעהר ווי אַן אנדערען. איך ווייס נאָר איינס, אז איך האָב א באפעהל פון דער היים ניט צו נעה־מען קיין „חלוקה" פון דער ישיבה, און האָפענטליך וועט מיר ניט פעה־לען. איך האָב ערקלעהרט, אז אויסער געלד קריג איך יעדען חודש גע־וויסע פלייש־פּראָדוקטען פון וואַרשא.

— אויב אזוי, — זאָגט רבי אליעזר, — איז ניט רעכט פאר וואָס

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

מען האָט עס דיר געהייסען, דו דאַרפסט נעמען פון דער ישיבה, און די ישיבה דאַרף דיר געבען, אָבער פאַרפאַלען. דו מוזסט פאָלגען. כבוד אַם, אָבער אויב דו קריגסט פלייש, דאַרפסטו באַצאָהלען קאַראָבקע יעדען חודש.

נאַטירליך איז דער „פסק" אויסגעפיהרט געוואָרען מיט אַ געוויסער הנאה, בעסער צו געבען אַלס צו נעמען...

אַן אונגעוועהנליכע זאַך איז אויך געווען דאָס, וואָס אַלע תלמידים, אויסער „דעם רב'ס שעור", האָבען געלערנט א י י ן מסכת, ניט ווי אין וואָלאָזין. און דאַצו האָט מען יעדען חודש „פאַרהערט", ווי ווייט מען ווייס וואָס מען האָט אין דער צייט געלערנט. אַ נייאיגקייט איז געווען פאַר דעם וואָס קומט פון וואָלאָזין, דאָס „מוסר לערנען". אין וואָלאָזין איז געווען די מיינונג: „דער בעסטער מוסר־ספר איז אַ בלאַט גמרא". אין טעלז איז נאָך אויך ניט געווען איינגעפיהרט „מוסר" צו יענער צייט, ווי עס איז שפּעטער ענטוויקעלט געוואָרען, אָבער יעדען אָבענד האָט מען געמוזט אַ האַלבע שעה „לערנען מוסר". עס איז געשטאַנען פריי יעדען תלמיד אויסצוקלייבען דעם ספר וועלכער איז איהם אַם ליבסטען. דאַדורך האָבען די ישיבה לייט ביי זיך געוואוסט די נייגונגען פון יעדען איינציגען. איינער האָט געהאַלטען דעם „מסלת ישרים" און הנאה געהאַט ניט נאָר פון אינהאַלט, נאָר אויך פון דער שפּראַך, און האָט באַזונדערס געהאַט פאַרגעניגען פון דער הוספה: „האָדם חפשי בדמיונו ואסור במושכלו", און דער אַנדערער האָט זיך פאַרטיפט אין דעם „שער היחוד" פון „חובת הלבבות", און דער דריטער האָט געהאַט גייסטיגע שמערצען לערנענדיג דעם „שערי תשובה לרבנו יונה". אַזוי ווי ביים לערנען גמרא האָט מען געקענט דערקענען טיילוויז די פעהיגקייטען פון דעם תלמיד, אַזוי האָט מען ביי „מוסר" געקענט דורכדרינגען דעם כאַראַקטער פון דעם ישיבה־מאַן. עס איז אָבער געווען אויך אַן אונטערשיד ו ו י מען לערנט מוסר. די יעניגע וועלכע האָבען געהאַלטען „מוסר" פאַר אַן עיקר האָבען דאָס אַרויסגעוויזען אין התלהבות דורך אויסגעשרייען און אַמאָל אויך דורך קערפּערליכע באַוועגונגען, וועלכע האָבען אויסגעדריקט ניט נאָר זייערע געדאַנקען, נאָר אויך זייערע טיעפסטע איבערלעבעניש ווען זיי זיינען מהרהר בתשובה, ווען אפילו זייער תשובה איז געווים געווען מעהר ווי זייערע עבירות...

דאָס מערקווירדיגסטע איז אָבער געווען די שעורים און די צייט ווען מען האָט געזאָגט דעם שעור. אין וואָלאָזין איז געווען דער שעור אַ מין עבודת הקודש און דער ראש ישיבה אין דער בחינה פון אַ כהן גדול.

רבי אליעזר גאָרדאָן

# אין טעלזער ישיבה

די צייט איז געווען שטענדיג איינע און דיזעלבע, דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען, האבען זיך אלע אויפגעשטעלט, און וויפיעל הערער עס זיינען געווען — דען עס איז איבערהויפט ניט געווען קיין חוב צו „געהן צום שעור” — זיינען אלע געווען שטיל, רוהיג, מיט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט ביז דער שעור איז געווען צו ענדע און דער ראש ישיבה איז ארויסגעגאנגען אזוי פארנעהם ווי ער איז אריין. אין טעלז איז דער שעור געווען א מין „חברותא”, אזוי שנעל ווי דער ראש ישיבה האט אנגעהויבען זאגען, האט איינער פון די תלמידים עפעס געפרעגט, דער צווייטער האט געענטפערט, דער דריטער האט „געבראכט א ראיה”, דער פערטער האט „אפגעשלאגען”, און דער ראש ישיבה איז מיט א הנאה פון „נצחוני בני” אויך געווארען א טייל פון אלע אנוועזענדע. עס איז רוהיג געווארען א ווילע, און אין א פערטעל שעה ארום ווידער דאס זעלבע. דער ראש ישיבה איז צופרידען וואס מעהר „מען רעדט אריין”, און די תלמידים זיינען גליקליך וואס זיי פיהלען, זיי „שטייגען אין לערנען”. די צייט פון די טעלזער שעורים איז געווען אונבאשטימט. זומער, אין די גרויסע טעג, האט מען געזאגט שבת א שעור פיר דעם זייגער בייטאג. ווינטער האט רבי אליעזר געזאגט זיין שעור שבת פיער פארטאג, און ווען אלעם ארום האט געשלאפען רוהיג און מקיים געווען „עונג שבת”, איז אין דער געסעל וואו רבי אליעזר האט געוואוינט, געווען הילכיגע קולות פון די תלמידים און פון רבי אליעזר'ן העכער פון זיי אלעמען. קולות פון וויכוחים, פון ענטציקונג, פון אינערליכע באגייסטערונג, פון שמחת התורה...

די „שעורים” אין טעלז אלס קלאסען האבען געדינט ניט נאר צו העכערען די פעהיגע תלמידים, נאר אויך אמאל צו באשטראפען א תלמיד שאינו ראוי... איינער פון די תלמידים אין „דריטען שעור” האט זיך פארזינדיגט, האט מען איהם געגעבען די גרעסטע שטראף, ארונטערגעזעצט אין צווייטען. דאס האט אזוי געווירקט אויף דעם בחור, אז ער האט געוואלט באגעהן זעלבסטמארד. זיינע חברים, די בעסטע פון „שעור”, זיינען געגאנגען צו רבי יוסף ליב'ן בעטען רחמים ער זאל ענדערען דעם גזר דין. עס איז געווען די צייט פון „ספירה”, האט איינער פון דער קאמיטע אפעלירט אז מען זאל זיך נוהג זיין מיט דער מדה פון „חסד שבחסד”. דאס אלעם האט ווייניג געהאלפען. די פשרה איז געווען, אז דער בחור זאל אפיציעל בלייבען אין „דריטען שעור”, ער זאל אבער אוועקפאהרען פון דער ישיבה. דער באטרעפענדער איז נאכהער אוועקגעפאהרען אין אמעריקא און איז געווארען אין ניו יארק א גרויסער

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

גביר און פאַרנעהמער סוחר, אָבער ווייט אוועק פון אירגענד וועלכען טעל־זער „שעור"... ער איז לײדער יונג געשטאָרבען, אָבער די עראינערונג אַז פון טעלז איז ער אוועקגעפאָהרען פון דריטען „שעור" און ניט פון צווייטען, איז איהם דאָך געווען אנגענעהם.

אזוי איז דער מענש, עס איז אנגענעהם די פארגאנגענהייט ווען אפילו אין דער געגענוואַרט זיינען די אמאָליגע פאסירונגען אָהן וועלכען עס איז איינפלוס. דאָס זעלבע איז אין געגענטייל. עס טהוט וועה אמאָליגע שלעכטע עראינערונגען זאגאר ווען איצט איז שוין אלעס לאַנג פארביי. עס קען זיך נאָך ניט פארגעסען דער ביטערער איינדרוק פון דעם וואָס מען האָט גערופען אין דער ישיבה: „מאיר וואַרשאַווער", און עס האָט געעגבערט אין מוח די שאלה פון גלות: וואָס פאר א שייכות האָב איך מיט אַן אָרט, וועלכער איז פאר מיר גאַנץ צופעליג, און קיין גייסטיגער פארבאַנד איז צווישען מיר מיט איהם ניטאָ? דער תירוץ איז קלאָר: פון דער אמת'ער היים בין איך פארטריבען, יענער פּלאַץ האָט פאר מיר א זין אין דער פארגאנגענהייט, אפילו טיעף אין דער נשמה איינגעקריצט, אָבער אויסערליך, קערפּערליך, געהער איך צו דעם אָרט וואו איך בין איצט און אויף דעם נאָמען ווער איך גערופען און מוז זיך אָבּרופען. אינערליך געהער איך וואו איך געהער, אויסערליך בין איך אין גלות און טראָג א פאַלשע באַצייכענונג...

ווען דער כאראקטער פון טעלז איז געווען גאַנץ פארשידען פון וואָלאָזין, איז אָבער די וואָלאָזינער ישיבה געווען דער אידעאַל סיי פון די ראשי ישיבה און סיי פון די תלמידים, צו וועלכען זיי האָבען ארויפגעקוקט. איינער פון די בעסטע ישיבה לייט אין טעלז, איצט א חשוב'ער רב אין ליטע, און א מזרחי פיהרער, האָט דאָן פארפאַסט א דראַמע מיט א שילדערונג פון דעם צושליסען פון דער וואָלאָזינער ישיבה. די דראַמא האָט א טיעפען אינהאַלט, און ווען מען האָט זי, אין א יום טוב, חול המועד, פאָרגעשטעלט האָבען די טיילנעהמער ווי אויך די צוקוקער איבערגעלעבט א ציטער ווען עס ווערט געשילדערט די גייסטיגע יסורים וועלכע דער טאַטע ז"ל האָט דורכגעמאכט, און דאַנגעגען דאָס גליק ווען ער הערט א בת־קול אַז די תורה וועט ווייטער אויפלייכטען אויף די אידישע וועלט.

הלואי!

צווי הונדערט צעהן

## כט.

# אַנערקענטער אויטאָריטעט

ווען וואָלאָזין האָט עקזיסטירט איז מען געפאהרען פון טעלז אין וואָלאָזין. ווען די וואָלאָזינער ישיבה עקזיסטירט ניט מעהר, וואוהין פאָהרט מען? עס איז אָבער דאָ א גרויסער חלק פון וואָלאָזין — רבי ח י י ם ס אָ ל אָ װ י י צ י ק אין ב ר י ס ק.

פאר די לעצטע יאהרען פון דער עקזיסטענץ פון דער וואָלאָזינער ישיבה איז רבי חיים געווען, צוזאמען מיט'ן טאַטען ז"ל, דער עמוד התוך פון דער ישיבה. ער איז געווען דער יעניגער וועמענס חדושי תורה זיינען איבערגעזאָגט געווארען און איבערגעשריבען געווארען פון צעהנדליגע און הונדערטע לומדים, און גליקליך האָט זיך באטראכט דער למדן, אפילו א גרויסער רב, ווען ער האָט „צוגעטראָפען" רבי חיים'ס א קשיה אָדער אַ תירוץ. רבי חיים סאָלאָווייציק איז באמת ניט געווען דאָס, וואס מען רופט א גרויסער גאון, ער איז געווען פיעל מעהר ווי דאָס. ער איז געווען א שעפּפער, א בויער. ער האָט געשאפען — אויסדריקענדיג זיך אין מאָדערנע באגריפען — א שולע אין דעם ארט לערנען. עס זיינען געווען צוויי הויפּט שיטות אין לערנען, דאָס וואס האָט געהייסען בקיאות, פרעגען, ענטפערען, פארגלייכען, צוזאמענשטעלען איין אָרט מיט דעם צווייטען, איינער געגען דעם צווייטען און ציהען דאפון געוויסע קאָנסעקווענצען און אונטערשיידען איינס פון דעם אַנדערען. דאָס איז געטהאָן געווארען ביי מאנכע מיט מעהר פּשטות, גלייכקייט, לאָגיק, ביי אנדערע מיט מעהר פּלפּול, חריפות און שארפקייט. דער צווייטער וועג איז געווען, ווי מען האָט גערופען „אויפ'ן ארט", דורכדרינגען אין דעם געדאנקען פון דעם פּשט פון דער גמרא פון דעם לשון פון רש"י, פון דעם דיוק פון תוספות. דאָס איז אויך געטהאָן געווארען פארשידען, אנדערע האָבען באהאנדעלט סיי די פראגע און סיי דעם אַנטוואָרט פון א גאַנץ איינגען שטאַנדפּונקט, האַלטענדיג זיך ביי דעם וואָרט און דעם אויסדרוק, און אנדערע ווידער האָבען די ענינים אומפאסט מיט מעהר ברייטקייט און דורכדרינגליכקייט. רבי חיים סאָלאָווייציק האָט געוויזען אַ נייעם דרך אין לערנען. ער איז צוגעטראָטען צו יעדער זאך מיט אַנאַליטישע קריטיק איבער דעם אינהאַלט פון דעם דין. ער האָט געזוכט די טיעפעניש פון דער לאָגיק פון דער דעה, וועלכע ער

האָט געהאַט פאַר זיך. געוויס איז שווער צו זאָגן אויף אירגענד וועלכע שיטה אין לערנען אַז זי איז אבסאָלוט אַ נייע, עס זיינען געווען „ראשונים" און „אחרונים", און אחרוני אחרונים, וועלכע האָבען גע־נוצט די אדער יענע סיסטעם. רבי חיים'ס גרויסקייט, היסטאָרישע גרויסקייט, איז באַשטאַנען דאַרין וואָס ער האָט די שיטה פון „ריינער פאַרנונפט" אין דער הלכה אַזוי קלאָר און אַזוי אינטערעסאַנט און אַזוי לעבהאַפט איבערגעגעבען אַז ער האָט ערצויגען אַ דור פון תלמידים, גרעסערע און קלענערע, אָבער נאָך מעהר ווי דירעקט האָט ער אינדי־רעקט געווירקט כמעט אין אַלע ישיבות און איבעראַל, וואו עס איז געווען לומדות, אַז מען זאָל זיך מעמיק זיין, פאַרטיעפען אין די ענינים וועלכע מען לערנט און פאַרשטעהן זייער אינערליכען גייסט, דעם לאָ־גישען אינהאַלט. רבי חיים סאָלאָווייציק איז געוואָרען אין די יאָה־רען וואָס ער איז געווען אין וואָלאָזין, דער רבי פון דור און דער וועגווייזער פאַר ווייטערדיגע דורות. נאַטירליך, ווי יעדער רבי, זיינען דאָ ווייניג תלמידים, וועל־כע פאַרשטעהען איהם באמת און כמעט קיינער ניט ווער עס קען זיין אַזוי גרויס ווי דער רבי אַליין. אין דעם שטרעבען דעם רבי'ן נאָכצוגעהן און איהם נאָכמאַכען, אין דעם אַליין ליגט דעם רבין'ס גרויסקייט און זיין השפעה.

רבי חיים האָט געהאַט אַלע כשרונות פון ווערען דער וועגווייזער אין דעם לאָגישען לערנען. זיין געדאַנקען איז געווען אונגעהייער קלאָר און דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען אייזען פעסט, אַז קיין מענש האָט ניט געקענט אנדערש באהויפּטען. דאַמיט האָט מען געפיהלט דעם אונטערשיד פון רבי חיים'ן און אנדערע גרויסע לומדים און גאונים. ווען מען האָט דיסקוטירט אַ דבר הלכה מיט וועמען עס איז, ווי גרויס דער מאַן איז געווען, האָט מען געקענט מסכים זיין אָדער ניט. נאַטיר־ליך, אַ גרויסער למדן האָט געבראַכט געוויסע „ראיות", און מען האָט גע־פיהלט אַז ער איז וואַרשיינליך גערעכט, אָבער דאָך האָט מען געקענט צווייפלען אפשר ווען עס וואָלט נאָך אַ גרעסערער למדן געווען, וואָלט ער אַנדערש באַוויזען. ניט אַזוי ביי רבי חיים סאָלאָווייציק. ווען ער האָט עטוואָס געזאָגט האָט מען געפיהלט אַז עס ליגט דער גאַנצער אמת אין זיין קלאָהרען געדאַנק, עס איז ניט געבליבען קיין ספק, מען האָט ניט געדאַרפט קיין באַוויז, די לאָגיק אַליין איז געוואָרען אַזוי קלאָר, אַז מען האָט געוואונען דעם באַוואוסטזיין אַז אנדערש קען גאָר ניט זיין, פיל מעהר: ווען מען פרעגט אַ קשיא און מען ענטפערט דעם בעסטען תירוץ

## אנערקענטער אויטאָריטעט

בלייבט שטענדיג דער איינדרוק אז דער תירוץ מוז זיין ריכטיג, עס איז אָבער דאָ, אָדער אם ווייניגסטענס געווען אַ קשיא. ווען מען האָט גע־פרעגט רבי חיים'ן אדער ער אליין האָט געפרעגט און נאָכהער פאַר־ענטפערט, איז געוואָרען קלאָר, אז עס איז קיין שפור ניטאָ וואס צו פרעגען. די אנאַליזע וועלכע רבי חיים האָט געמאַכט אין דעם ענין וועל־כען ער האָט געהאַט פאַר זיך, האָט באַוויזען קלאָר און דייטליך, כמעט מאַטעמאַטיש, ווארום עס שטעהט אזוי און ניט אנדערש. ער האָט באמת ניט געענטפערט, נאָר אויפגעקלערט, ניט רעכט געמאַכט, נאָר באַוויזען. נאַטירליך זיינען פיעל מאָל מיט אַ געוויסע ערקלעהרונג און פעסטשטעלונג פון אַ גרונד־לייגענדען כאַראַקטער, קלאָר געוואָרען ניט איין איינציגער אָרט, נאָר מעהרערע ענינים, אָבער דאָס אַלעס האָט ניט געהאַט דעם כאַ־ראַקטער פון אַ „לשיטתו" וואו עס ווערען פאַרשידענע זאַכען צוזאַמענ־געבונדען טיילוויז מעכאַניש און טיילוויז סאָפיסטיש. עס איז געווען פיעל גיכער אַ זיכערע אונטערלאַגע, אַ קלאָרע „הנחה" אויף וועלכען דער בנין פון פאַרשידענע טיילען האָט געמוזט אזוי אויפגעבויט ווערען און ניט אנדערש.

רבי חיים'ס חדושי תורה איז שטענדיג געבויט געווען אויף דעם ענין וועלכען ער האָט געהאַט פאַר זיך, ניט אריינציהענדיג אנדערע ענינים, אויסער די וועלכע האָבען אַ דירעקטע שייכות מיט דעם וואס עס איז געווען פאַר איהם. ער האָט, אזוי צו זאָגען, געהאַט פאַר זיך אַ פרייען פּלאַץ צו פאָרשען און צו קלערען און פעסטצושטעלען און באַשליסען, ניט זייענדיג געצוואונגען נאָכצוגעהן פיעל ענינים מיט אַמאָל. עס איז ניט קיין צופאַל וואס דער גרעסטער טייל פון רבי חיים'ס תורה איז געווען געבויט אויף אַ הלכה אין רמב"ם און וואו עס איז דאָ דאַביי אַ השגת הראב"ד. גראַדע דארום וואס דער רמב"ם ברייגנט ניט קיין מקור און יעדע הלכה איז אַ חלק פאַר זיך, איז דאָרט געווען דער פרייעסטער פּלאַץ און די גרעסטע מעגליכקייטען פאַר רבי חיים'ס גרויסע פעהיגקייטען און טיעפער לאָגיק, ארונטערצודרינגען און געפינען דעם קוואַל פון וואו דער רמב"ם נעהמט זיין פסק, און וואו דער ראב"ד איז משיג, אויך גרעסטענטיילס ניט דורך ראיות, נאָר מיט אַ סברא, איז געלונגען שטענ־דיג רבי חיים'ן צו באַוויזען אז דער ראב"ד נאָך זיין אָרט דענקען האָט ניט געקענט מסכים זיין צום רמב"ם.

טראָץ דעם אָבער וואס רבי חיים האָט אין זיינע וואונדערבאַרע חדושים זיך באַשעפטיגט נאָר מיט דעם פּלאַץ וועלכען ער האָט געהאַט פאַר זיך איז ניט געווען קיין געפאַהר, און קיינער האָט ניט באַוויזען

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

„אָבצושלאָגען" איהם פון אן אנדער ארט. קיין בקי האָט ניט געקענט ביישטעהן זיין טיעפקייט, ווייל זיין קאָפּ איז געווען אין עניני הלכה אזוי גראד און אמת'דיג, אז מען האָט ניט געקענט געפינען אנדערשוואו א סתירה צו איהם. אָם בעסטענס האָט ער אליין דאָס אמאָל כאראק־טעריזירט. מיר זיינען געזעסען א מסבה פון תלמידים און רבי חיים האָט עטוואס געזאָגט, האָט איינער פון די צוהערער געמאכט א באמער־קונג אז אין א געוויסען ארט אין תוספות שטעהט אזוי און אזוי, איז דאָס ממילא געגען דעם וואס רבי חיים האָט איצט געזאָגט. ענטפערט רבי חיים זאָפאָרט: „אין תוספות שטעהט ניט אזוי". נאטירליך נעהמט מען די גמרא, מען עפענט אויף דעם תוספות און גערעכט איז רבי חיים, עס שטעהט ניט ווי דער צוהערער האָט געזאָגט. אין א ווײלע ארום זאָגט רבי חיים צו זיינע מקורבים:

— איהר דארפט ניט מיינען, אז איך בין אזא בקי צו וויסען גענוי ווי עס שטעהט אין דעם תוספות, בפרט איז דאָך זעהר שווער צו זאָגען ווי עס שטעהט ניט. איך פארשטעה אָבער, אז אזוי ווי ער האָט גע־זאָגט, קען אין תוספות ניט שטעהן.

און דאָס איז באמת די גרעסטע פעהיגקייט, ניט נאָר צו וויסען וואס עס איז דאָ און וואס עס איז ניטאָ, נאָר צו פארשטעהן וואס קען זיין און וואס קען ניט זיין. דעם געוואלדיגען כח צו פארשטעהן וואס אנ־דערע קענען זאָגען אדער ניט זאָגען. ער האָט געקענט אָפּשאצען די פעהיגקייט און דעם געדאנקען גאנג פון גאנץ קליינע מענשען. אפילו קליינע קינדער האָט ער פאָלקאָם פארשטאנען. עס איז געווען אמאָל א פאַל ווען מען האָט אין וואָלאָזין צעהנדליגע בחורים מיט איינמאָל ארויס־גערופען צום „פארהערען". איז רבי חיים אומגעגאנגען אין צימער און צו יעדען בחור צוגעגאנגען און געפרעגט: „וואס לערנסטו?" און גלייך אויפ'ן אָרט געפרעגט דעם בחור א שאלה אין זיין ענין, און אזוי מיט'ן צווייטען, און אזוי מיט'ן דריטען, און נאָך און נאָך.

די גאנצע קלאָרקייט וועלכע ער האָט געהאט אין זיין מוח האָט ער געהאט בכח פון זיין גאָלדענעם צונג צו ערקלעהרען און אריינברייגגען אין די געהירען פון זיין צוהערער, גרוים אדער קליין. דאפון האָט אויך געשטאַמט זיין ליעבע צו לערנען מיט אנדערע און ער איז שטענדיג גע־ווען ארומגערינגעלט מיט תלמידים. עס איז איבערהויפּט געווען ווייניג גאונים וועלכע זאָלען אזוי פיעל ניט נאָר לערנען, נאָר טראכטען אין לערנען. ער איז שטענדיג געווען באשעפטיגט מיט „רעדען אין לערנען". דען ניט קוקענדיג אויף אלע זיינע גרויסע, כמעט אבנאָרמאלע פעהיגקיי־

# אנערקענטער אויטאָריטעט

טען האָט ער זיך קיינמאָל ניט געאײלט צו „מאַכען תורה״ אדער זאָגען חדושים. יעדען חדוש וועלכען ער האָט געזאָגט אדער געשריבען, האָט ער דאָס שוועֶר און לאַנג אין זיך אויסגעטראָגען און אויסגעהאָ־רעוועט. ער פלעגט טעג און נעכט און אמאָל וואָכען, זיך באַשעפטיגען מיט איין ענין, ביז ער איז פּאַרטיג געוואָרען מיט זיך צו באַשליסען אז דער חדוש איז ריכטיג. און ערשט נאָכדעם, ווען עס איז שוין געווען, אזוי צו זאָגען, אלעס קאָמפּליט, האָט ער נאָכגעטראַכט און איבערגע־טראַכט, דורכגעקלעהרט און איבערגערעדט און פיעל מאָל אויך איבער־געשריבען.

עס איז ריכטיג געווען די באַמערקונג וועלכע עס איז געמאַכט גע־וואָרען בנוגע רבי חיים'ן און איינעם פון די אַנדערע גדולי הדור וועלכער האָט גע'שם'ט מיט זיינע פילע חדושים, אַז דער באַטרעפענדער זאָגט אזוי פיעל „גוטע תורה״ ווי רבי חיים. רבי חיים איז אָבער דאָך פיל גרעסער און באַדייטענדער דאָמיט וואָס ער זאָגט ניט די ניט־גוטע...

ווייל דאָס איז דער אמת'ער סימן פון אַ גרויסען מענשען. ער דאַרף ניט נאָר קענען זאָגען גוטע, ריכטיגע זאַכען, נאָר ער דאַרף קענען זיין אַ מבין און אַ שאַרפער קריטיקער אויף זיך אליין. בעפאָר ער זאָגט עטוואָס ארויס צו אַנדערע דאַרף ער האָבען די פעהיגקייט צו פּרואווען, אויב דאָס וואָס ער געהט אויסדריקען איז ריכטיג און גוט, און ער דאַרף האָבען די מאָראַלע קראַפט צוריקהאַלטען זיך פון ניט ארויסזאָגען דאָס וואָס איהם שיינט ניט פאַר געוויס. רבי חיים סאָלאָווייציק האָט די ביידע כחות באַזעסען אין פולען מאָס. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס ער איז געוואָרען דער רבי פון דעם דור, און זיין וועג אין לערנען און זיינע חדושי תורה איז אנערקענט געוואָרען אלס תורת אמת. ער איז געווען דער פּאַלשטענדיגער אויטאָריטעט אלס למדן און אלס מחדש און אלס שעפּפער פון אַ מוסטער אין לערנען תורה און אין „מאַכען תורה״.

דאָס וואָס די וואָלאָזינער ישיבה האָט זיך צוגעמאַכט איז געווען אַ גייסטיגער אונגליק שוין דאדורך וואָס דער גרעסטער מקום תורה פאַר הונדערטע יאהרען האָט אויפגעהערט פאַר אַ געוויסע צייט צו עקזיס־טירען, עס האָט אָבער אויך געבראַכט צו דעם אומגליק אין גייסטיגען זין וואָס רבי חיים סאָלאָווייציק מיט זיינע אויסערגעוועהנליכע באַגאַבונגען אלס ראש ישיבה האָט אויפגעהערט צו זיין דער רבי פון הונדערטע תלמידים און איז געוואָרען אַ רב. געוויס איז רבי חיים אלס בריסקער רב אויך געווען זעהר גרויס, אָבער זיין נאַטירליכער באַרוף איז ניט גע־

ווען רבנות. עס האָט אויך דארום די רבנות געמאכט א שארפען איינ־דרוק אויף איהם אויסערליך און אינערליך. רבי חיים, דער ראש ישיבה, איז געווען שטענדיג פרעהליך, מוטיג, וויציג און אונטערהאלטענד אויף די גרעסטע מדרגה. רבי חיים דער רב איז געווען פארזאָרגט, צוריקגע־צויגען, מעהר איינגעשלאָסען אין זיך. ווען מען האָט געקענט רבי חיים'ן פון וואָלאָזין און מען האָט איהם צום ערשטען מאָל געזעהן אין בריסק איז געוואָרען שווער אויפ'ן הארצען. מען האָט געוואלט געפינען די אמאָליגע גוטע יאהרען. שוין די פארהעלטניסע צו פרעמדע מענשען האָט געצייגט דעם אונטערשיד פון וואָלאָזין ביז בריסק. אין וואָלאָזין האָט רבי חיים אלעמען געזאָגט „איהר", אפילו די אינגסטע תלמידים האָט ער „געאיהרצט". אין בריסק האָט ער כמעט אלעמען, אויסער נאָ־טירליך חשובים, געזאָגט „דו". ווער עס האָט געקענט רבי חיים'ן מיט זיין זעהר איידעלען כאראקטער און פאַרנעהמע באציהונגען, האָט פאר־שטאַנען אז דאָס ווערט געטהאָן ווייל די בריסקער רבנות פארלאנגט דאָס. און די רבנות אין בריסק, ווי חשוב און ווי וויכטיג זי איז געווען, האָט געדריקט אויף רבי חיים'ן אין פילע הינזיכטען, ווייל ער איז גע־ווען דורך און דורך ראש ישיבה, און רבנות איז געווען ביי איהם א צופאַל. עס איז איהם אויך געווען שווער זיך איינצולעבען דארין, יאָהרען און יאהרען לאנג האָט ער ניט גע'פסק'ענט קיין שאלות, ניט געזעסען אין „דין תורות". טראָץ אלעם דעם, איז אָבער געווען רבי חיים'ס פיהרערשאפט אין בריסק זעהר שטארק קענטיג, און ניט נאָר אין בריסק, נאָר ער איז געווען א מנהיג הדור אין פולען זינען. אין אלע עניני הכלל, ביי אלע חשוב'ע אספות אויך אין פעטערבורג איז רבי חיים געווען דער ראש המדברים. איבעראל האָט מען זיך צו זיינע רייד און צו זיינע מיינונגען צוגעהערט, און ניט נאָר צוליעב זיין גרויסקייט אין תורה און אין צדקות, נאָר אויך צוליעב דעם, וואס דאָס וואס ער האָט געזאָגט האָט קיין אנדערער ניט געקענט זאָגען, און זיינע גרעסטע געגנער אין געוויסע פּאָליטישע פראגען האָבען זיך געמוזט פארטראכטען ווען ער האָט גערעדט. אין יעדען ווארט און אין יעדע מיינונג איז געווען שארפ־קייט און קלוגהייט. זעהר אָפט האָט ער איבערראשט מיט זיינע ערקלעה־רונגען, ווייל ער איז ניט געגאנגען נאָך א געוויסע שאבלאָנע, און האָט זיך ניט געהאלטען ביי געוויסע ריכט־ליניען. ער איז צו יעדער זאך צו־געגאנגען אָריגינעל טיעף, דורכדרינגענד און מען האָט געפיהלט אז מען קען זיך מיט איהם ניט פארגלייכען.

## ל.

# דער איבערמענש

אין תורה לערנען איז געווען רבי חיים סאַלאָוויציק דער אַנערקענטער אויטאָריטעט און מען האָט געזוכט איהם נאָכצומאַכען, געהן אין זיינע וועגען און לערנען מיט זיין שיטה. וואָס אנבאַטרעפט אָבער אַנדע־רע ענינים, סיי בנוגע מילי דעלמא, פרומקייט, זהירות אדער אומגאַנג מיט מענשען, העלפען געדריקטע, געבען צדקה א. ד. ג. האָט קיינער ניט גע־זוכט איהם נאָכצוטאָן, ווייל מען האָט ניט געקענט וועלען זיין גלייך צו איהם.

שוין דער אויסערליכער אויסזעהן פון רבי חיים'ן איז געווען גאַנץ אונגעוועהנליך. נידעריגער ווי מיטעלמעסיג, א פולער קערפּער און דאַ־רויף א קאָפּ פיעל גרעסער ווי פּראָפּאָרציאָנעל. צוויי גרויסע אויגען מיט אַן אויסערגעוועהנליכען שאַרפען בליק. האָט מען איהם געטראָפען אין אין א רוהיגע שטימונג, איז ווי שאַרף די אויגען זיינען געווען, האָבען זיי געלויכטען מיט ליעבשאַפט און דורכגעדרונגען דעם אריינקומענדען מיט צופערטרוי און איבערגעבענהייט. איז ער אָבער געווען אין א מיס־שטימונג, פאַרקלעהרט אין עטוואָס, בעאונרוהיגט וועגען עטוואָס, האָט דער שאַרפער בליק אַזוי ווי דורכגעשטאָכען, עס האָט זיך געפיהלט ווי מען שטעהט פאַר אַן אומנאַטירליכען מענשען. אַזוי שנעל ווי מען איז צוגעקומען נאָהענט און אריינגעגאַנגען אין א געשפּרעך, — און דאָס איז געווען מעגליך פאַר יעדען, ווייל ער איז געווען דער צוגענגליכסטער מענש פאַר יעדען איינציגען, קליין אָדער גרויס — איז באַלד ארויפגעשוואומען די איבער־מענשליכע גוטסקייט, און ווען מען האָט געהאַט א שווערע האַרץ איז מען ארויס פון איהם מיט א לייכטען געמיט. ער האָט טייל גענומען אין דעם צוווייטענס ליידען און שמערצען ניט ווי דער גרעסע־רער העלפט דעם קלענערען, נאָר ווי אַן אייגענער ברודער, ווי א פּערזאָן וועלכער איז אינטערעסירט אין דעם צווייטען ניט ווייניגער ווי דער באַ־טרעפענדער אליין. ער איז קיינמאָל ניט ארויס געגאַנגען פון געדולד, קיינמאָל ניט אָנגעשריען אויף קיינעם און האָט קיינמאָל ניט גערעדט מיט א באַפעהלענדען טאָן. דאָס איינציגע וואָס האָט איהם געמאַכט אונגעדולדיג איז געווען ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א קראַנקען. אין אַלגעמיין איז רבי חיים'ס נאַטור געווען געניגט צו פּעסימיזם, ער

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

איז געווען שטענדיג אָנגעשראָקען און האָט אימער אויסגערעכענט אויף דאָס ערגסטע. אין יעדער קראַנקהייט האָט ער גלייך פאָראויסגעזעהן, עס קען קומען צו פּקוח נפש. און דעריבער ווען עס האָט פּאַסירט אירגענד וועלכע קראַנקהייט ביי איהם אין דער פאַמיליע אדער פון זיינע באַקאַנטע, האָט ער ניט גערוהט, אין פולען זינען פון דעם וואָרט, ניט געווען קיין אונטערשיד פון טאָג און נאַכט, ער איז געווען דאַן באַשעפטיגט מיט זוכען הילף, מעג דאָס קאָסטען וואס עס וויל, מען מוז אָבער די הילף שאַפען! און אַזוי ווען מען איז געקומען צו איהם, זייענדיג אין בריסק, בעטען א ברכה פאַר א קראַנקען, האָט ער זיך קיינמאָל ניט באַנוגענט מיט געבען די געווינשטע ברכה, נאָר ער האָט זיך ערקונדיגט וואס איז די קראַנקהייט, וועלכען דאָקטאָר האָט מען גערופען א. ז. וו., און האָט באַפוילען — דאַביי איז זיין רעדענס אָרט געווען זעהר שטרענג און אימפּעראַטיוו — רופען א גרעסערען דאָקטאָר, צוזאַמענרופען א קאָנסיליום און אמאָל אויך ברייננען א ספּעציאַליסט פון אנדערשוואו.

האָט אַ אידענע צו איהם געטענה'ט:

— הייליגער רבי, זאָגט איהר מיר צו אז דער קראַנקער וועט געזונד ווערען? רבי, זייט מתפּלל און העלפט מיר!

איז רבי חיים ארויס פון געדולד און געשריען:

— וואָס שטעהסטו דאָ? — לויף גיכער און ברייננ דעם דאָקטאָר, רוף דעם קאָנסיליום, שטעה ניט קיין ווייל, טהו וואָס מען הייסט דיר!

און ווען די אידענע פלעגט דערשראָקען ווערען און ארויסגעהן זאָגענדיג:

— אוי, רבי, פריהער דער אייבערשטער נאָכדעם איהר.

האָט ער שנעל געענטפערט:

— נאַרישע אידענע, מען טאָר ניט אזוי זאָגען, פריהער דער אויבערשטער און נאָכדעם דער אויבערשטער. געה שוין געה.

און ער פלעגט פאַרשווינדען. דער חשש פון „שתוף” וואס נאָך געוויסע דעות איז דאָס „עבודה זרה” האָט איהם ניט געלאָזט רוהען.

דער ענין פון פּקוח נפש איז געווען ביי רבי חיים'ן דאָס גרעסטע און דאָס שטאַרקסטע, וואָס קיין זאַך האָט ניט געטאָרט שטעהן אין וועג. און האָבענדיג דעם כלל אַז פּקוח נפש איז על פּי דין אַלץ דוחה, איז אויך דער דין אויסגעפיהרט געוואָרען אין דער גרעסטער מאָס. עס איז אמאָל, א פרייטאָג בייטאָג אריינגעקומען צו איהם אַ איד פרעגען א שאלה: אזוי ווי זיינער א זוהן איז צוגענומען געוואָרען אלס א

## דער איבערמענש

סאָלדאַט, און ער איז ניט גאַנץ געזונד, דעריבער ליגט ער אין האָס־פיטאַל אין סעדלעץ, א גובערנסקי שטאָדט ניט ווייט פון בריסק, און מאָרגען, שבת, דאַרף זיין די אונטערזוכונג. פרעגט דער איד, אויב ער מעג אַרויספאָהרען היינט, פרייטאָג אָבענד, כדי צו זיין מאָרגען, שבת אין דער פריה אין סעדלעץ העלפען פריי מאַכען זיין זוהן. רבי חיים האָט קיין מאָמענט ניט געקלעהרט און געענטפערט דעם אידען:

— טוט וואָס איהר קענט, מאַכט פריי אייער זוהן, עס איז פקוח נפש.

ווען דער איד איז אַוועקגעגאַנגען און רבי חיים האָט געזעהן אַז זיין פּסק איז אַזוי ווי ניט פאַרשטאַנען ביי די יעניגע וועלכע זיינען דאַביי געשטאַנען, האָט ער באַמערקט:

— וואָס פאַרשטעהט איהר ניט, ווען מען זאָל איהם אָבגעבען פאַר א סאָלדאַט איז דאָס אויף פינף יאָהר, און פינף יאָהר צייט קען אויס־ברעכען א מלחמה, דער סאָלדאַט קען געשיקט ווערען אויפ׳ן שלאַכט־פעלד און דאַן קען ער גע׳הרג׳עט ווערען. אויסער דעם, פאַרשטעהט איהר דאָך אַז גאָר אין גאַנצען געזונד איז ער איצט אויך ניט, דען זאָנסט וואָלט מען דאָך איהם צו אונטערזוכונג ניט גענומען, טאָ ווער ווייסט, אפשר דורך דעם וואָס ער וועט זיין א סאָלדאַט וועט ער ליידען און שטאַרבען. דאָס איז דאָך פקוח נפש, דען א ספק פקוח נפש האָט אויך דעם דין פון פקוח נפש, מעג מען דאָך, ניין, מען מוז, מען דאַרף דאַרויף מחלל שבת זיין.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען בנוגע די הילף פאַר דעם קראַנקען, וואָס אָבער איהם אַליין, רבי חיים׳ן אַנבאַטרעפט, האָט אַן ענין פון פקוח נפש אויך ניט געבראַכט צו אירגענד וועלכע קולא, ווי באַלד דאָס האָט מיט דעם קראַנקען ניט געהאַט צו טאָן. עס איז געווען א פאַל ווען איינער פון רבי חיים׳ס משפחה איז קראַנק געוואָרען און עס איז גע־ווען נויטיג צו פאָהרען מיט׳ן קראַנקען פון בריסק אין וואַרשא. רבי חיים האָט אַליין געוואָלט מיטפאָהרען, זיין נעבען קראַנקען. געוועהנליך איז ער געפאָהרען דריטע קלאַס, דאַן איז אָבער אין דער צייט פון טאָג געגאַנגען א צוג עקספּרעס, וואו קיין דריטע קלאַס איז ניטאָ. צו וואַר־טען אייניגע שעה האָט רבי חיים ניט געוואָלט, ווייל ווי באַלד עס האָט צו טאָן מיט פקוח נפש טאָר מען אפילו קיין איין מינוט אויך ניט אָפּלעגען. איז ער געפאָהרען מיט׳ן קראַנקען צווייטען קלאַס. ער אַליין איז אָבער די גאַנצע צייט פון פאָהרען, בערך זעקס שעה, געשטאַנען און ניט צו־

געזעצט זיך, ווייל די ביינק פון צווייטע קלאַס זיינען געווען אין זיינע אויגען א חשש פון שעטנז...

און ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגן העלפען אימיצען איז ניט געווען קיין שאלה פון געוויסע אנגעלעגנהייטען, וועלכע באַגלייטען די נויטבאדירפטיגע, ווען זיי זיינען אפילו ניט געווען פון ריינעם כאַראַקטער. אין אזא גרויסע שטאָדט ווי בריסק, פלעגט אמאָל פאַסירען, מען געפינט אַן אונטערגעווארפען קינד, אמאָל האָט מען דאָס קינד דירעקט אוועקגעלייגט אין רבי חיים׳ס הויז, אָדער ווען עס איז געפונען געוואָרען אנדערשוואו האָט מען אויך געבראַכט צו איהם. און ווער עס האָט ניט געזעהן די זאָרג און די גיכע הילף וועלכע רבי חיים האָט געוויזען צו שאפען, דער האָט ניט געזעהן וואס מיינט רחמנות. עס האָט זאָפאָרט, ממש אין דער קורצסטער צייט, געמוזט באשאפען ווערען אַן אַם פאר דאָס קינד, מ׳האָט דאָס קינד געמוזט באזאָרגען מיט א גוטען געלעגער, א. ד. ג., און שלוחים זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען זוכען צו געפינען וואו איז די מוטער פון דעם אומגליקליכען קינד. און ווען די מוטער איז געבראַכט געוואָרען, האָט רבי חיים אַליין געהאַט מיט איהר א שמועס און אַלץ אויסגעהערט און געזוכט צו שאפען די נויטיגע הילף אויף איין וועג אָדער א צווייטען, נאָר עס זאָל חלילה ניט פארשטויסען ווערען קיין אידישער נפש, ניט גייסטיג געהן צום גרונד און ניט דאָס קינד זאָל קערפערליך אונטערגעהן. עס האָט פאַסירט ווען פארברעכער פלעגען זיך ווענדען צו רבי חיים׳ן נאָך הילף און ער האָט מיט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט און גרעסטע אַנשטרענגונג געטאָן דאָס בעסטע וואס עס האָט געקענט געטאָן ווערען.

ווען צו געבען הילף אין וועלכען עס איז נויט־פאַל איז נויטיג געווען געלד, און דאָס איז כמעט שטענדיג, איז דאָס קיין מאָל קיין אָפּהאַלט ניט געווען. ווען ער האָט געהאַט א מיינונג אַז געוויסע אָרימע קראַנקע דאַרפען האָבען באריהמטע דאָקטוירים אָדער בריינגען פון אַנדערשוואו, אממייסטען פון ווארשא, האָט רבי חיים ניט גערוהט ביז די געלד איז געשאפען געוואָרען. ער האָט געשריבען צעטלאך צו זיינע בעקאנטע דאָקטוירים, זעהר אָפט געשיקט זיין אייגענעם מענשען צו די דאָקטוירים און אין די אפטייקען אויסדינגען זיך, און געזוכט צו קריגען געלד פון קהל׳שע אַנשטאַלטען און פון איינצעלנע מענשען, נאָר דער ליידענדער זאָל געהאָלפען ווערען. ער האָט אָבער ניט נאָר געזוכט און געפאָדערט געלד ביי אַנדערע, נאָר ער אַליין איז געווען פון די גרעסטע געבער. זאָגאר ווען א געוועהנליכער אָרימאַן

# דער איבערמענש

איז אריינגעקומען צו איהם, האָט ער שטענדיג געגעבען וויפיעל ער האָט ביי זיך געהאַט, ניט קיין קופערנע מטבעות, נאָר זילבערנע און פלעגט זאָגען ווי געוועהנליך:

— איצט געהט צו די א נ ד ע ר ע גבירים, וועלען זיי אויך געבען.

פיעל מאָל ווען ער האָט ביי זיך קיין געלד ניט געהאַט, און עס איז איהם געקומען צום האנד אימיצען צו העלפען, און דאָס איז געווען יעדען טאָג און אמאָל איניגע מאָל א טאָג, האָט ער געבאָרגט געלד ביי דעם ווער עס איז געזעסען ביי איהם און דאָס גלייך אוועקגעגעבען דעם נויט באדערפטיגען. ער פלעגט אמאָל אזוי באָרגען צעהנדליגע רו־בעלס און פארטיילען. ער פלעגט נאַטירליך זאגען באלד זיין פרוי, די רביצין — וועלכע איז אויך געווען א צדקת און א זעלטענע בעלת מדות — אז ער האָט גענומען ביי דעם און דעם אזוי פיעל און אזוי פיעל, און זי זאָל דאָס אָבגעבען. פון וואנען זאָל דאָס די רביצין נעה־מען, אז די אויסגאבען פון צדקה זיינען אָפט געווען גרעסער ווי די גאנצע הכנסה? די שאלה האָט רבי חיים ניט גע׳פסקנ׳ט... דארויף האָט די רביצין געזאָרגט און דאָס הויז געזינד האָט געליטען....

רבי חיים׳ס הויז אין אַלגעמיין איז געווען ניט נאָר אברהם אָבינו׳ס הויז מיט טיהרען אין אלע זייטען, נאָר מעהר רשות הרבים ווי רשות היחיד. כמעט אלע צימערען אָפען, ווייל אין אלע צימערען איז ער געווען, דען ער איז קיינמאָל ניט געזעסען אויף איין אָרט, נאָר אומגע־גאנגען הין און צוריק, און מיט איהם און הינטער איהם איז מען נאָכ־געגאנגען. דאָ איז געגאנגען איינער פון זיינע קינדער, אָדער ווער עס איז פון זיינע תלמידים, און גערעדט אין לערנען; דאָ זיינען געגאנגען א פאָר פון די בעלי בתים און גע׳שמועסט א שטאָדט־זאך, פלוצלונג האָבען זיך באוויזען א פאָר אידען פרעגען אן עצה; מיט אמאָל איז מען אריינגעלאָפען מיט א געשריי בעטען א ברכה, אדער גאָר פותר זיין א חלום.

געוועהנליך האָט ער דאַן געענטפערט:

— עס וועט זיין צום גוטען, געה אהיים, עס איז גאָרנישט, אלץ איז צום גוטען.

אין וואָלאָזין האָט מען ניט געוואוסט פון דעם ענין פתרון חלומות און רבי חיים אליין האָט זיך אמאָל לוסטיג געמאכט דארויף. עס איז געווען דער פאַל ווען ער מיט איינעם פון זיינע קינדער זיינען געווען אין ווארשא, און צווישען די פילע באזוכער איז אריינגעקומען איינער וועל־כער איז געווען אמאָל א לערנער און איז נאכהער אריבער אין זיין

## פון וואָלאָזין ביז ירושלים

פּאַטער'ס געשעפט. פרעגט איהם רבי חיים: „וואָס טוסטו?" ענטפערט ער שפּאַסיג: „איך בין מיט מיין טאַטען אין שניט־געשעפט אַט אַזוי, למשל, ווי אייער זוהן איז צוזאַמען מיט אייך". זאָגט איהם רבי חיים:

— וואָס איז דאָס פאַר א משל? מיין געשעפט איז פּותר חלומות זיין, קען דאָס מיין זוהן אויך, אָבער דו, פון וואַנען פאַרשטעהסטו צו זיין א מבין אויף שניט־סחורה ווי דיין טאַטע?

עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז אויך ווען רבי חיים האָט „פּותר חלום" געוועזען, האָט ער געבראַכט דאַמיט הילף צו די וועלכע זיינען געווען בעאונרוהיגט, און מיט זיין וואָרט האָבען זיי זיך בערוהיגט. יעדעס וואָרט וואָס רבי חיים האָט געזאָגט איז געווען דורכדרינגענד און איבערצייגענד, סיי דאָס איז געווען אין גרויסע ענינים און סיי אין קליינע זאַכען. דאַצו איז זיין לעבען געווען אַזוי נוצענלאָז פאַר זיך און אויך פאַר זיין פאַמיליע, זיין פרומקייט אַזוי גרויס, אַז ניט ווילענ־דיג איז ער געוואָרען פאַרהייליגט. ווי ווייט מעגליך האָט רבי חיים געזוכט צו זיין גלייך מיט אַלעמען. זייענדיג אין וואָלאָזין האָט ער גע־טראָגען קליידער אַזוי ווי אַלע אַנדערע, קיין סימן ניט געווען אין זיין קליידונג, אַז ער איז ניט קיין געוועהנליכער מענש. אַלס רב אין בריסק האָט ער נאַטירליך געמוזט טראָגען רבנישע בגדים, ווען ער פלעגט אָבער אַרויספאָהרען, על פּי רוב אין וואַרשאַ, האָט ער אויסגעטהאָן זיין הוט און אָנגעטהאָן אַן איינפאַכע היטעל כדי מען זאָל איהם ניט דער־קענען. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפען. „חכמת אדם תאיר פּניו" איז ביי איהם מקוים געוואָרען מעהר ווי ביי אימיצען אַנדערש.

דער „איך" האָט ביי איהם איבערהויפּט קיין אָרט ניט געהאַט, ער האָט קיינמאָל ניט אויסגעדריקט קיין וואָרט וועגען זיין אייגענער לאַגע. מיט זיבען־און־דרייסיג יאָהר צוריק, נאָך דעם ווי דאָרט איז גע־ווען א גרויסע שרפה, און עס האָט דאַן אָפּגעברענט צווישען אַנדערע הייזער אויך דער בית הרב, האָט רבי חיים מיט זיין פאַמיליע גע־וואָהנט אין צוויי־דריי צימערען, און זיין טהעטיגקייט צו העלפען די אָבגעברענטע און די נויט־בעדירפטיגע איז געווען אונגעהייער גרויס און אָנשטרענגענד, האָט ער געענטפערט ווען מען האָט איהם געפרעגט וועגען זיין אייגענער לאַגע, שמייכלענדיג:

— א רחמנות איז אויף די בעלי בתים, מיר אַליין פעהלט גאָר ניט. די הויז איז דאָך ניט געווען מיינע, נאָר קהל'שע, מיין געשעפט איז דאָך ניט אָבגעברענט געוואָרען. נאָר וואָס דען, מיין פוטער איז פאַר־ברענט געוואָרען. וואָלט דאָס געווען דער וואָכעדיגער, וואָלט באמת גע־

## דער איבערמענש

ווען א פארלוסט, נאָר אזוי ווי דעם וואָכעדיגען האָב איך, נאָר דער שבת'דיגער פעהלט מיר, נו, מילא!

דאָן נאָך דער שרפה אין בריסק איז ערשינען רבי חיים אין זיין גאנצע גרויסקייט אויך אלס עסקן. ער האָט ניט גערוהט און האָט אנדערע ניט געלאָזט רוהען ביז ער האָט געשאפען די מאקסימאלע הילף. עס איז געווען דאָן אין בריסק א גביר וועלכער איז געווען זעהר א קארגער. האָט איהם רבי חיים געשיקט רופען און געבעטען ביי איהם א געוויסע סומע געלד. דער מאן האָט אָנגעהויבען צו צווייפלען און קוויינקלען. רבי חיים האָט איהם איבערגעלאָזען אליין אין צימער, פאר־שלאָסען די טיהר און אוועקגעגאנגען. דער באטרעפענדער ווארט אבי־סעל, ווארט מעהר, ער וויל ארויסגעהן און ער קען ניט. עטוואס שפע־טער קומט אריין רבי חיים און זאָגט איהם, אז ער ווייס דאָך ער וועט ביי איהם אזוי גיך די נויטיגע סומע ניט קריגען, ער האָט אָבער קיין צייט ניט צו ריידען מיט איהם אזוי לאנג, ער דאַרף זעהן אנדערע מענשען, דארום האָט ער איהם פארשלאָסען ער זאָל זיך באטראכטען, ער וועט איהם אָבער ניט ארויסלאָזען ביז ער וועט קריגען דאָס געלד וואס ער פארלאנגט. נאטירליך, האָט רבי חיים אויסגעפיהרט.

אָבער אויך אין יענע שרעקליכע צייט ווען בריסק איז געווען דריי־פערטעל חרוב, רבי חיים האָט געארבייט אלס רב ניט איבערמענשליכע כחות, איז ער ניט געווארען אין גאנצען אוים ראש ישיבה.

## לא.

# דער מוסטער מענש

אום צו דיענען אלס מוסטער דארף א מענש האבען צוויי באדינגונגען, צוערשט מוז ער ווירקליך שטעהן העכער פון אנדערע, אז מען זאל ארויפקומען אויף איהם אלס צו א העכערען, אלס צו א גרעסערען ווי געוועהנליך, און צווייטענס, מוז ער באזיצען די מדה פון וועלען דיענען אנדערע אלס א מוסטער. דאס הייסט, עס איז ניט גענוג וואס מען איז א גרויסער מענש און מען קען דיענען אלס א ביישפיעל פאר אנדערע, נאר מען דארף זיין אין נאהענטע באריהרונג מיט אנדערע כדי יענע זאלען וועלען לערנען פון דעם גרעסערען און שטרעבען צו געהן אין זיינע וועגען.

רבי חיים סאלאווייציק האט געהאט די ביידע אייגענשאפטען. ניט נאר וואס ער איז געווען גרויס אין זיינע אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען און אין זיין וואונדערבארען כאראקטער, איז ער אויך געווען נאהענט, זעהר נאהענט, צו זיין אומגעבונג און אין דער זעלבער צייט וואס מען האט געפיהלט אז מען האט צו טהאן מיט איינעם פון די גרעסטע מענשען אין זיין דור, און אפשר אויך אין דורות, האט מען אויך אנערקענט די מעגליכקייט צו פיהלען די נאהענטקייט און לערנען פון איהם. אייגענטליך איז דאס געווען טיילווייז א סתירה. דער מענש וועלכער איז געווען סיי אין זיין געדאנקען און סיי אין זיינע טהאטען אנדערש ווי אלע, זיין געוועהנליכער לעבענס־ארט, דאס עסען, דאס שלאפען דאס זיצען, דאס געהן, איז געווען ניט אין די זעלבע צייטען און טיילווייז אויך ניט אין דיזעלבע פארמען ווי אנדערע, זיין דאווענען און זיין לערנען אודאי ניט ווי אנדערע, און זיין דקדוקי מצוות אין גרויסע ווי אין קליינע זאכען געווים געווען אונגעוועהנליך, דאצו איז ער געווען גרעסטענטיילס געשטימט זעהר סקעפטיש וואס האט זיך געגרענצט מיט א געוויסען ארט פון מרה־שחורה, און פון דעסטוועגען איז ער געווען געזעלשאפטליך אויף דער גרעסטער מדרגה. ער האט ליעב געהאט געזעלשאפט, ער האט זיך געפרעהט ווען אורחים, וועד עס איז, זיינען געקומען, ער איז געווען, דאס וואס מען באצייכענט אלס סאציאל געשטימט, ווי נאך ווענינע. זיין אונטערהאלטונגס פעהיגקייט איז געווען וואונדערבאר. ער האט געשמועסט מיט א באזונדערען חן, געשפאסט מיט גרויסען שארפזין, דיסקוטירט מיט

# דער מוסטער מענש

פיעל עלעגאנץ, די אויסשפּראכע און דער אינהאלט איז שטענדיג געווען באצויבערענד. ער האָט געשאפען ארום זיך געזעלשאפטליכקייט אויך אלס ראש ישיבה.

עס דאַרף דערמאָנט ווערען, אז מען איז אמאָל צוגעטראטען צו א „שעור־זאָגען" מיט א גאנץ אנדער מאסשטאב ווי מען איז איצט על פי רוב געוואוינט. דאן האָט מען געוואוסט אז א שעור אין א ישיבה איז ניט סתם א „שטיק תורה", מעג דאָס זיין ווי גוט, א שעור־זאָגען האָט גע־הייסען זיך פּ אַ ר ב אַ ר י י ט ע ן ווען מען דאַרף זאָגען דעם שעור. דער גרעסטער גאון און ראש ישיבה ווי דער טאטע ז"ל האָט ניט נאָר געזאָגט דעם שעור נאָר אויך ג ע מ אַ כ ט דעם שעור. נאטירליך ווערען געוויסע ענינים וועלכע מען האָט פריהער געקלערט און דאָרט מחדש געווען אויס־גענוצט אויך אין א שעור, אָבער דאָך קען מען ניט זאָגען א שעור נאָר פון גרייטען, אפילו ווען דאָס איז פאַרבאַרייטעט פון זיך אליין. ווייל דער צוועק פון שעור איז ניט נאָר „רעכט מאכען" דעם ענין און די קשיה, נאָר ווייזען א וועג ווי צו לערנען. דעריבער דאַרפען די תלמידים דורכלע־בען, הערענדיג דעם שעור, די אזוי גערופענע „יסורי היצירה", די שמער־צען פון „מאכען דעם שעור", פון געפינען דעם ריכטיגען וועג. און דאָס קען זיין ווען דער ראש ישיבה זאָגט עטוואס נייעס וואס עס איז ערשט ביי איהם באשאפען געוואָרען. רבי חיים סאָלאָווייציק האָט אָבער זיך נוהג געווען אין וואָלאָזין, אז אויך ביי דעם מאכען דעם שעור איז ער ניט געווען אליין. ער האָט געהאט זיינע „מקורבים", וועלכע ער האָט געהאלטען אַם פאסענדען לויט זייערע כשרונות, צו ריידען מיט זיי אין לערנען. און מאכענדיג די שעורים, זיינען זיינע נאָהענטע געווען לעבען איהם און ער האָט כלומר'שט זיך מיט זיי „מישב געווען". אין דער אמת'ן האָבען זיי געוואוסט אַז ער איז דער גרויסער רבי און זיינע ספקות זיינען זיכערער ווי זייערע געוויסהייטען. דער פאַל אָבער וואָס א געוויסע צאָהל, נאטירליך א גאנץ קליינער טייל ישיבה לייט, זיינען געווען נאָהענט צו רבי חיים'ן, האָט געהאט א גינסטיגע השפעה ניט נאָר אויף זיי, נאָר אויך אויף די אנדערע, זייערע בעקאנטע, און ווען די „מקורבים" זיינען אוועקגעפאהרען אין זייערע היימען, אדער געוואָרען רבנים, זיינען זיי געווען די פאַרשפּרייטער פון רבי חיים'ס תורה און זיין שיטה אין לערנען. די יעניגע וועלכע זיינען געווען שטענדיג אין רבי חיים'ס סביבה, אין וואָלאָזין, זיינען געווען אין א געוויסען יחוס'דיגען צושטאַנד, זיי זיינען געווען מעהר אין רבי חיים'ס הויז ווי אין דער ישיבה, זיי זיינען מעהר אומגעגאנגען מיט רבי חיים'ן ווי געזעסען און

געלערענט. אזוי ווי רבי חיים האָט געהאַט א נאַטור אז מיט וועמען ער איז געגאַנגען און גערעדט, על פי רוב, אין דברי תורה, האָט ער זיין באַגלייטער ארומגענומען און געהאַלטען זיין האַנד אויף דעם צווייטענס אַקסעל, איז געשאַפען געוואָרען א וואָרט־שפיל פון טאַטען ז"ל:

ר ב י ח י י ם ע ל צ ו א ר ו ו י ע ס ו ק ב ת ו ר ה ?

זייענדיג אין בריסק האָט רבי חיים ניט געקענט מיט זיין בעסטען ווילען אַבגעבען זיך אזוי פיעל צו „זאָגען שעורים" ווי אין וואָלאָזין. ער האָט זעהר פיל צייט אָפּגעגעבען צו שטאָדט־זאַכען. ער האָט געהאַלטען, אז רבנות מיינט צ ו פ י ה ר ע ן ד י ש ט א ד ט. עס איז ניט געווען קיין חשוב'ע אספה אין א שטאָדטישען ענין אין וועלכען ער זאָל ניט האָבען געהאַט זיין השפעה אין דער אָדער יענער ריכטונג. ער האָט אויך א גרויסען אינטערעס גענומען אין די וואהלען פון „גבאים", ער האָט שטענדיג געזוכט צו שטעלען בראש פון די פאַרשיעדענע צדקה אַנשטאַלטען די פערזאָנען, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר גוט. פאַר זיך האָט ער געהאַט וועניג „היסח הדעת" פון לערנען, צווישען איין געשפּרעך מיט דעם צווייטען, צווישען איין קהל'שען ענין און דעם אַנדערען האָט ער געקלעהרט, גערעדט און געשריבען דברי תורה. אָבער צו מאַכען רעגעלמעסיג א „שעור" איז ער ניט צוגעקומען. האָבענדיג אָבער ארום זיך איינינגע יונגע תלמידים, מאַנכע פון זיין משפחה און מאַנכע וועלכע זיינען געקומען פון אַנדערשוואו, מייסטענס פון ט ע ל ז, איז איינגעאָרדענט געוואָרען א שעור אויף א גאַנץ אייגענאַרטיגען אופן. מען איז געזעסען ארום א רונדען טיש און מען האָט געהאַט פאַר זיך א געוויסען „ענין". אויפ'ן טיש זיינען געלעגען פאַרשיעדענע ספרים, וועלכע האָבען געהאַט צו טהאָן מיט דער מסכת. יעדער איינער פון די תלמידים האָט געהאַט פאַר זיך א געוויסען ספר, א „ראשון" אָדער אַן „אחרון". ווען מען האָט געלערענט „גיטין", למשל, איז געוועזען פון רשב"א ביז'ן „תורת גיטין" און „תפארת יעקב". רבי חיים האָט אָנגעהויבען זאָגען, און ווי געוועהנליך אַבגעשטעלט זיך אויף א פּונקט, וועלכער פאָרדערט באַטראַכט צו ווערען. פרעגט רבי חיים איינעם פון די וועלכע זיצען ביים טיש:

— נו, וואָס זאָגט מען עפּעס דאַצו?

ענטפערט מען: דער און דער זאָגט דאָס און דאָס. רעאַגירט דאַרויף רבי חיים וועניג, אָדער ער גיט א זאָג: „נו, מילא", אָדער ער שווייגט און ווענדעט זיך צו אַן אַנדערען:

— נו, וואָס זאָגסטו?

## דער מוסטער מענש

און אזוי גערויערט א ווײַלע ביז עס ווערט עפּעס געזאָגט, וואָס רבי חיים האָלט פאַר ריכטיג דעם געדאַנקען ווייטער צו ענטוויקלען, דאַן זאָגט רבי חיים:

— נו, לאָמיר זעהן ווי שטעהט אין רמב"ם? ווי איז די שיטה פון אלפ"ס? דער ראב"ד זאָגט באמת אנדערש. א. ז. וו. און דאַן ענטוויקעלט זיך דער ענין וועלכען מען האָט פאַר זיך, א לאַ רבי חיים: טיעף, קלאָהר, אלזייטיג, דורכדרינגענד דעם גייסט פון דער הלכה, וועל־כע מען האָט פאַר זיך און עס ווערט „ליכטיג אין מוח". דאַכט זיך עס איז געווען אזוי פיל צו פרעגען, וואָס עס שטעהט דאָ די קשיה איז דאָך אזוי ריכטיג, דער „ענין" איז אזוי ניט קלאָהר, און נאָכדעם ווי מען איז געזעסען ביי דעם „שעור" און געהערט ווי רבי חיים האָט דאָס גע־לערענט, איז געוואָרען גאַנץ אַנדערש, עס איז ניטאָ מעהר וואָס צו פרע־גען. די קשיה וועלכע איז געווען פריהער איז ניט פאַרענטפערט געוואָרען, נאָר פאַרשוואונדען געוואָרען, און דער גאַנצען „ענין" איז אזוי קלאָהר, אז מען פאַרשטעהט ניט מעהר ווי האָט מען פריהער ניט פאַרשטאַנען...

דאָס זיינען ניט געווען קיין „שעורים" אין געוועהנליכען זין, עס זיינען אפילו ניט געווען קיינע באשטימטע צייטען דאַפיר, עס איז אויך ניט געווען באַגרענצט וויפיעל צייט דער „שעור" דאַרף דויערען, איז די שטימונג געווען ביי רבי חיים'ן א רוהיגע, איז מען געזעסען א שעה און צוויי און אמאָל מעהר. איז אָבער געקומען עטוואָס אין צווישען, ווי עס פלעגט פּאַסירען אין מיטען „שעור", איז אריינגעפאַלען א אידענע מיט א געשריי, א גוויין:

— רבי, ראַטעוועט, מיין מאַן איז מסוכן קראַנק! — דאַן האָט רבי חיים צוגעמאַכט די גמרא און זיך אויפגעהויבען פון אָרט, און אלע נאָך איהם. עס איז געווען, אזוי צו זאָגען א „שעור" אָהן א שיעור...

אָבער די הנאה וועלכע מען האָט געהאַט און אויך דעם נוצען, איז ניט צו פאַרגלייכען מיט עטוואָס אַנדערש. מען האָט געזעהן ווי רבי חיים'ס תורה ווערט געמאַכט, מען האָט געזעהן די „מעשי בראשית"... געלערענט אָבער פון רבי חיים'ן האָט מען ניט נאָר זיצענדיג ביי דעם שעור, נאָר דעם גאַנצען טאָג און די גאַנצע נאַכט. ווען מען איז אריינ־געקומען האָט מען לאַנג ניט געדאַרפט וואַרטען, ביז מען זאָל אריינ־געצויגען ווערען אין דבר הלכה. און יעדער וואָרט וואָס מען האָט גע־הערט און יעדע תנועה וואָס מען האָט געזעהן איז געווען דאַפון עטוואָס צו פאַרשטעהן, מען איז געזעסען, ווי שוין דערמאָנט, ביי דעם שעור ארום א ר ו נ ד ע ן טיש. איז דאָס ניט געווען קיין צופאַל. אלע טישען

ביי רבי חיים'ן אין הויז זיינען געווען רונדע, ווייל ער איז קיינמאָל ניט געזעסען „אויבען־אָן”. עס איז געווען געגען זיין נאַטור צו זיצען העכער ווי אנדערע. און עס איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז שבת ביים טיש, ווען דער טיש איז געווען אַ גרויסער און רעכט פיל מענשען פלעגען זיצען אַרום איהם, איז רבי חיים זיצענדיג אויף אַ זאָפע, ניט אויף קיין שטוהל, אַזוי ווי געזעסען ביים ברעג. אויך דאַרין איז געווען ווי אַ סימבאָל, אמת'ע גרויסקייט דאַרף ניט האָבען קיין אויסערליכקייט, עס איז גענוג די אינערליכע כחות...

דער שבת ביי רבי חיים סאָלאָווייציק איז איבערהויפּט געווען גאַנץ אויסערגעוועהנליך, באַזונדערס די פרייטאָג צו־נאַכטס. געשטאַמט האָט דאָס פון רבי חיים'ס חומרות. ער איז געווען אַ מחמיר אין דעם ענין פון „בין השמשות” ניט נאָר, ווי פיל אַנדערע, מוצאי שבת, נאָר אויך בכלל פון „קריאת שמע בזמנה”, און צוליעב דעם האָט ער געדאַווענט מעריב אַ שטיק אין דער נאַכט אַליין. נאָך זייענדיג אין וואָלאָזין, איז געווען זיין מנהג, אַז ער איז געקומען אין הויז צו מאַכען קידוש און זיצען ביי זיין טיש, גאַנץ שפּעט, ווען אַלע האָבען שוין אָבגעגעסען. דער טאַטע ז"ל פלעגט אַמאָל איהם געהן זוכען אין דער ישיבה אָדער אַרום די ישיבה, וואו ער איז געווען מיט אַ פּאָר פון זיינע מקורבים פאַרטיעפט אין לערנען, און ווען ער האָט איהם געטראָפען, האָט ער זיך אָנגעבייזערט, וואָרום ער לאָזט אַזוי שפּעט זיצען די פאַמיליע און ער געהט ניט אַהיים. נאַטירליך, האָט רבי חיים „מקבל מרות” געווען. אָבער דאָך איז אויסגעקומען זיין טיש שפּעטער ווי אַלע אַנדערע. אָבער זייענדיג אין בריסק, וואו קיין גרעסערער און עלטערער איז ניט געווען, האָט געדויערט ביז מען האָט געדאַווענט מעריב און „געגאַנגען צום טיש” שעה'ן לאַנג. אין די ווינטער אָבענדען איז דאָס געווען פיער, פינף שעה אין דער נאַכט. די צייט פון קבלת שבת, וועלכע איז גראַד געווען פריה, נאַטירליך, אויך צוליב די חומרה פון שבת, ביז רבי חיים'ס מעריב — דען דער „מנין” ביי איהם אין הויז האָט געדאַווענט אין דער געוועהנליכער צייט — איז ניט אוועקגעגאַנגען אומזיסט. דאַן איז געווען די רוהיגסטע צייט און די שעהנסטע שטונדען פון ריידען אין לערנען. נאָך אין די אינגערע יאָהרען, האָט רבי חיים, אין דער צייט, פאַרהערט זיינע קינדער אָדער וועלכע זיינען צו איהם נאָהענט געווען, אָבער אויך שפּעטער, ווען עס איז שוין ניט געווען מעהר פּאַסענד דער באַגריף פון „פאַרהערען” איז דאָך געבליבען אַ זכר דאַצו. פרייטאָג אָבענד איז געווען אַ מין „ר ע ו י ו ” איבער דעם וואָס מען האָט געלערנט, וואָס מען

## דער מוסטער מענש

האָט מחדש געווען, וואס מען האָט „אויפגעטהאָן” אין פארלויף פון דער וואָך. דער „שמועס”, וועלכער איז באמת געווען שטיקער תורה איינע נאָך די אנדערע, האָט אָנגעהאלטען אויך די צייט פון עסען. מען איז געוועהנליך אין די לאנגע ווינטער אבענדען ארויסגעגאנגען פון טיש אזייגער עלף־צוועלף. מען האָט אויך ביי דעם טיש אמאָל פארבראכט אין „דברי חול”, איברהויפט ווען עס איז געוועזען א פרעמדער אורח, וועלכער האָט געהאט וואס צו דערצעהלען, און ארום דעם וואס מען האָט גערעדט, האָט זיך ווייטער געקייטעלט אן ענין אין אן ענין. און ווען רבי חיים האָט געוואָלט אנהאלטען א געשפרעך האָט ער דאָס געטהאָן מייסטערהאפט. מען האָט אויך ביי זיין טיש געזונגען „זמירות”, וואס עס איז געווען א נייעס געשאפען אין בריסק. אין וואָלאָזין האָט מען ניט געזונגען און ניט געזאָגט קיין „זמירות”. רבי חיים האָט בכלל ליעב געהאט געזאנג. ער האָט זעהר הנאה געהאט צו הערען זינגען, און ווען ער איז געווען גוט געשטימט, האָט ער איבערגעזונגען „געשמאקע חזנ'ישע שטיקלעך”, וועלכע ער האָט געהערט פון באריהמטע חזנים אין זיינע יונגע יאָהרען. דאגעגען אין „דברי אגדה” איז ער ניט געווען אינטע־רעסירט. עס פלעגט טרעפען אמאָל שבת אין דער פריה, נאָכ'ן דאווענען, איז ער אומגעגאנגען מיט זיינע נאָהענטע און געזאָגט זיי א דבר חידוש אין דער „סדרה”, וועלכע מען האָט געלייענט. עס איז געווען זעהר שארף און גוט צו הערען. אָבער עס איז געווען באגרינדעט, על פי רוב, אויף א דין, וועלכער האָט א שייכות מיט'ן פסוק. זיין מוח איז גע־ווען צו ראציאָנאל אום צו באשעפטיגען זיך מיט אגדה און דרוש. ווען מען האָט איהם געפרעגט אין די ערשטע יאהרען פון זיין רבנות, ווען ער האָט געזאָגט א דרוש, שבת תשובה, אין דער גרויסער שוהל, וואס האָט ער געזאָגט, האָט ער געענטפערט שמייכלענדיג:

— וואס האָב איך געקאָנט זאָגען? אין גאנצען האָט געדויערט די דרשה, חוץ דער דבר הלכה, א פערטעל שעה, איז דאָס געווען מיט'ן ארויפגעהן און מיט'ן אראָבגעהן פון בימה, מיט'ן שמעק טאבאק און מיט'ן קלאפ פון שמש — טו וויפיל איז געבליבען צו זאָגען?...

ניט זייענדיג אליין קיין דרשן האָט ער ניט אונטערשעצט אין אנדערע דעם כח, און ער איז געווען א מבין צו וויסען ווער עס קען יא זאגען און ווער עס מיינט נאָר, אז ער קען... ער האָט אויך געזוכט צו ברייננען אין ב ר י ס ק א באריהמטען דרשן צו מספיד זיין רבי י צ ח ק א ל ח נ ן ' ע ן ווען ער איז נפטר געוואָרען און אויך שפעטער רבי י ה ו ש ע ל י ב ד י ס ק י ן, ווען ער איז נסתלק געוואָרען אין

# פון וואָלאָזין ביז ירושלים

ירושלים. רבי חיים האָט זיך שטאַרק מיישב געווען וועלכען רב, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס גוטער דרשן, זאָל ער איינלאַדען, און דאַביי האָט ער ארויסגעוויזען אמת'ע מבינות.

רבי חיים'ס ראַציאָנאַליזמוס איז געווען שטאַרק בולט, זיין מוח איז געווען טיף קריטיש, יעדע זאַך צו וועלכע ער איז צוגעטראָטען האָט ער זעהר שטאַרק אַנאַליזירט און ווי לאַנג ער איז ניט געווען פאָל־שטענדיג איבערצייגט האָט ער ניט געהאַלטען דאַפון. זיין יראת שמים איז דאריבער געווען א ו נ ב א ג ר ע נ צ ט, זיין היטען מצוות און אַנטלויפען פון עברות איז געווען אַבסאָלוט אָהן אירגענד וועלכע פשרה. זיין נאַטור איז געווען אַ ג אַ נ צ ע, און אַזוי ווי אין לערנען איז ער נעגאַנגען ביז צום גרונד פון דעם געגענשטאַנד, וועלכען ער האָט געהאַט פאַר זיך, אַזוי איז ער אין זיין צדקות ניט אָנגעפאַנגען צוצוגעהן אַפילו צו די חקירה ספרים פון גדולי היהדות. וועלט־זאַכען, ווידער, וועלכע עס זיינען ניט געווען קלאָר פאַר די אויגען, נאָר פאַרבונדען מיט מעהר אָדער ווייניגער סענטימענט זיינען געווען ווייט פון איהם. ביי איהם אין הויז איז ניט געווען קיין ספר אויסער עניני הלכה, און ער האָט זיך פאַרהאַלטען דורכאויס נעגאַטיוו צו וועלטליכע בילדונג, אַפילו צו שפּראַכען, און צו מאָדערנע טענדענצען האָט ער זיך פאַרהאַלטען פאַרדעכטיג. ער האָט געזוכט ביי זיך און אין זיינע ארומיגע די ווייט־געהענדסטע פאָרשונג אין לערנען, אָבער די פאָלשטענדיגע תמימות אין יראת שמים. ער האָט אָפט, ווי עס שיינט, מיט זיך אַליין מלחמה געהאַלטען, ניט צוגעלאָזען קיין שאָטען פון אירגענד וועלכע פראַגע, אויסערהאַלב לערנען, און ער פלעגט אָפט ווי צו זיך אַליין רעדען:

גאַרנישט, איך מיין גאַרנישט, גאַרנישט.

מיט אַלע קנאות צו זיך אַליין און צו זיינע ארומיגע האָט ער זיך אָבער פאַרהאַלטען צו אַנדערע מיט פאַרנעמליכקייט און פיינקייט. צו איהם אין הויז אין בריסק און וואו ער איז געקומען, אין ווארשא אָדער אין ווילנא, אָדער אין פעטערבורג, זיינען געוועזען ביי איהם באַזוכער מענשען פון דער „היינטיגער וועלט". אויך אין זיין פאַמיליע זיינען געווען אייניגע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געווען זעהר, זעהר ווייט פון איהם... ער האָט מיט אַלעמען און צו אַלעמען גערעדט און פאַרבראַכט מיט דער גרעסטער העפליכקייט. צו זיינע נאָהענטערע קרובים האָט ער געמאַכט באַזוכע ווען ער איז געקומען אין דער שטאָדט וואו זיי האָבען געוואוינט, אַפילו וויסענדיג, אַז זיי זיינען ניט ווי ער וויל. זייענדיג אין ו ו י ל נ א, איז ער געגאַנגען באַזוכען זיינע אַ פּלימעניצע,

## דער מוסטער מענש

ווען מען א דאָקטאָר איז געווען ניט נאָך זיין גייסט. קומענדיג דאָרט אין הויז האָט ער ניט געטראָפען קיינעם אויסער צוויי קליינע קינדער, וועלכע האָבען צווישען זיך גערעדט רוסיש. ארייגגעהענדיג אין הויז וועלענדיג זיך אָפּרוהען האָט רבי חיים אָנגעפאנגען רעדען צו זיי אידיש — רוסיש האָט ער ניט פארשטאנען — האָבען זיי, די קינ־דער, ניט געענטפערט. האָב איך אויפמערקזאם געמאכט רבי חיים'ן, ווארשיינליך פארשטעהען זיי העברעאיש, דען זייער פאָטער איז א ציוניסט. האָט רבי חיים זיך געווענדעט צו זיי אין העברעאיש און זיי האָבען גוט געענטפערט. דאָס איז איהם געפעלען געוואָרען און איך האָב הנאה געהאט פון דעם ציוניסטישען נצחון... אָבער נאָך אלעמען האָבען אזעלכע זאכען קיין טיפען רושם אויף איהם ניט געמאכט, ווייל ער איז געווען אונטער דעם איינדרוק, אז ציוניזמוס ווי בכלל באַ־ריהרונג מיט דער גרויסער וועלט, קען ווערען א געפאהר פאר די נויטיגע גאנצקייט אין אידישקייט. ער האָט זאָגאר אמאָל געזאָגט זעהר שארף:

— א שוהל איז א מקום קדוש, פונדעסטוועגען אויב עס איז א כאַר־שוהל טאָר מען דאָרט ניט ארייגגעהן. ווער ווייס אויב עס קען ניט קומען דאצו, אז ניט־קוקענדיג אויף די קדושה פון ארץ ישראל, זאָל דאָס ניט ווערען א כאַר־ארץ־ישראל ?...

עס איז געזאָגט געוואָרען זעהר עקסטרעם, ווייל רבי חיים איז געווען עקסטרעם אין יעדע זאך, אָדער פיר אָדער געגען. און אין פיל זאכען האָט ער ניט געוואָלט זוכען קיין מיטעל־וועג. איינער א וואר־שעווער איד, א למדן, אליעזר בריל, וועלכער איז געווען א חשוב ביי רבי חיים'ן, האָט איהם געפרעגט וועגען א אידישע גימנאזיום אין ווארשא. ער האָט ערקלערט, אז א אידישע גימנאזיום איז נויטיג כדי שילער זאָלען ניט דארפען מחלל שבת זיין, א. ד. גל.

אויף די ערקלערונגען האָט רבי חיים געענטפערט:

— איך פאר מיינע קינדער דאַרף עס ניט.

אויף די וויטערדיגע שאלות, אז ניט אלע קענען אזוי ערציהען קינדער ווי ער, איז דער פרעגער געבליבען אָהן א תשובה.

רבי חיים האָט ניט געקענט געבען קיין תשובה דארויף, אזוי ווי אויף אנדערע זאכען, ווייל ער פאר זיך איז געווען אזוי פאלקאָם און אזוי אויסגעהאלטען, אז ער איז געווען א מוסטער ארויפצוקוקען אויף איהם, אָבער ניט אלע האָבען איהם געקענט נאָכגעהן...

## לב.

# חכמה און פקחות

ווען מען זאָגט אויף איינעם אַז ער איז אַ חכם און אויף אַן אַנדערען אַז ער איז אַ פקח איז דאָס ניט אידענטיש, גאַנץ גלייך אויב דאָס איז ריכטיג פילאָלאָגיש. דער אונטערשיד צווישען חכמה און פקחות, אין דעם פאָלקס שפּראַך און פאָלקס באַגריפען, זיינען דאָס צוויי באַזונדערע זאַכען, און אַמאָל אויך איינס אַ קאָנטראַסט צום צווייטען. אונטער אַ מענשען אַ חכם, פאַרשטעהט מען, אַז דער באַטרעפענדער איז טיף קלוג, פאַרשטעהט אַן ענין דורך און דורך, זעהט פאָראויס די ענטוויקלונג פון דער אַנגעלעגענהייט וועלכע ער האָט פאַר זיך, „רואה את הנולד", און ער איז אין דער לאַגע פון געבען אַ גוטע עצה, פון ווייזען דעם ריכטיגען וועג. אַ פקח ווידער מיינט, ווען מען האָט שאַרפזין, ווען מען כאַפּט אויף שנעל אַ סיטואַציע ווי זי איז, זאָפאָרט צו רעאַגירען דאַרויף מיט אַ שעהנעם וואָרט, מיט אַ שאַרפען וויץ, אָבער מען דרינגט ניט אריין טיף אין דער לאַגע וועלכע מען האָט פאַר זיך. חכמה איז פאַרבונדען מיט עצה, אַ חכם איז דער וועלכער קען נאָך אַ ישוב הדעת געבען די ריכטיגע עצה, און אַ פקח איז פאַרבונדען מיט אַ „גלייכווערטעל", און וואָס מעהר מען זאָגט „גלייכווערטלאַך", אַלץ מעהר איז מען „אַ איד אַ פקח". און וואָס מעהר דער „גלייכווערטעל" „זאָגט אימיצען אריין" און שטעלט יענעם אין אַן אונאַנגענעמע לאַגע, אַלץ מעהר ווערט מען גערופען פקח. דאָס איז אָבער ווייט פון חכמה. ניט אומזיסט זאָגט מען פון אַ געוויסען חסידישען רבין, רבי מענדעלע קאָצקער, אַ מסורה:

דריי זאַכען זיינען אומגעקערט: אַ צובראָכענע האַרץ איז גאַנץ, אַ קרומער לייטער איז גלייך, און אַ גלייך ווערטעל איז קרום...

זעהר ווייניג מענשען זיינען דאָ ביי וועלכע פקחות און חכמה, מאָמענטאַנע שאַרפזין און טיפע איבערלעגטקייט געהען צוזאַמען. ווען דער חכם איז אָבער שטאַרקער, מאַכט ער ווייניג געברויך פון זיינע פקחות, איבערהויפּט ווען עס האַנדעלט זיך דעם צווייטען ניט וועה צו טאָן.

רבי חיים סאָלאָווייציק איז געווען אַ חכם און אַ פקח,ביידע

## חכמה און פקחות

צוזאמען אין דער העכסטער מדרגה, און ער האט געקענט זיין שארף ווי נאך ווייניג מענשען האבען אזא פעהיגקייט. ער האט דאס געקראגען בירושה, ניט נאר פון זיין גרויסען פאטער רבי יוסף בער, פון וועלכען עס ווערט נאכדערצעהלט פיל שארפע ווערטלאך, נאר אויך פון זיין מוטער'ס צד. רבי חיים'ס מוטערס משפחה, וועלכע שטאמט פון וואָלאזין, זיינען געווען געוועהנליכע בעלי בתים, אבער אידען פקחים, און רבי חיים אלס אינגעל האט אויסגענוצט דעם טאלאנט אויף דעם שטארקסטען אופן. זייענדיג אין וואלאזין אלס יונגעם קינד, זעקס־זיבען יאהר אלט, האט ער געלערנט אין חדר ביי א מלמד א סלאנימער חסיד. דער סלאנימער רבי איז געקומען צופאהרען אויף א באזוך אין וואלאזין, איז ווי געוועהנליך, צווישען זיינע חסידים, אויך דער מלמד געקומען צו איהם. זייענדיג שטאלץ דארויף וואס ער האט פאר א תלמיד רבי יוסף בער'ס א אינגעל, און ער איז א וואוילער אויך, האט ער, דער מלמד, מיטגענומען זיין תלמיד צום רבי'ן. דער סלאנימער רבי נאטירליך, האט הנאה געהאט פון דעם קליינעם אינגעל און האט איהם מכבד געווען מיט אן עפעל. דער אינגעל האט געכאפט דעם עפעל און א בים געטאן אהן א ברכה. דער מלמד איז געווארען צוטומעלט און גענומען שרייען אויף זיין תלמיד. דער רבי ווידער האט פון זיין זייט געזאגט צום מלמד:

— דאס ביזטו שולדיג, דו ביזט זיין רבי, האסטו געדארפט אכטונג געבען אויף איהם.

האט גלייך דער קליינער אינגעל, דער צוקונפטיגער רבי חיים, רעאגירט און געזאגט:

— דאס זייט איהר שולדיג, איהר זייט זיין רבי, האט איהר געדארפט אויף איהם אכטונג געבען...

מען דערצעהלט אויך אויף רבי חיים'ן, ווען ער איז געווען יונג איז ער געשטאנען צוזאמען מיט זיינעם א קרוב, א חבר, וועלכער איז שפעטער אויך געווען פון די באריהמטע גאונים, און אזוי שטעהענדיג געהט צו צו זיי רבי יוסף בער און פרעגט זיין זוהן:

— ווער קען בעסער לערנען, דו אדער דיין חבר?

ענטפערט איהם רבי חיים:

— איך ווייס ניט וואס צו ענטפערען. זאל איך זאגען אז איך קען בעסער, וועל איך זיין א בעל גאוה, זאל איך זאגען אז ער קען בעסער, וועל איך זיין א ליגנער...

די שארפקייט און די פקחות האט זיך ניט אפגעטאן פון רבי

חיים'ן אויך אין זיין גרויסקייט. ער האָט דאָס אָבער ניט באַנוצט אימיצען וועה צו טאָן. ער האָט מיט זיינע מדות גובר געווען אין זיך אַליין זיין פּקחות. ער איז געוואָרען ניט נאָר דער חכם, נאָר אויך דער גבור — הכובש את יצרו. דען דאַצו דאַרף מען באמת האָבען אין זיך אַ געוויסע מאָס גבורה, ניט אַרויסזאָגען דעם שאַרפען וויץ ווען ער קומט אָן. דאַרין האָט מען דערקענט רבי חיים'ן דעם גייסטיגען אַריסטאָקראַט וועלכער, אין געגענטייל צו אַנדערע פּקחים, אַפילו גרויסע מענשען, האָט געקענט זיך אַליין צאַמען.

דער טאַטע ז"ל האָט דאַריבער אַמאָל געזאָגט אויף רבי חיים'ן בנוגע צו זיין פאָטער, רבי יוסף בער'ן:

— אַזאַ גאון ווי רבי יוסף בער איז, אַזאַ גאון איז רבי חיים; אַזאַ צדיק ווי רבי יוסף בער איז, אַזאַ צדיק איז רבי חיים, דער אונטערשיד איז נאָר, וואָס רבי יוסף בער האָט ניט געהאַט אַזאַ טאַטען ווי רבי חיים...

ווען רבי חיים האָט יאָ אַמאָל געזאָגט אַ וויץ איז דאָס געווען טרע־פענד גענוג, אָבער ניט באַליידיגענד. עס איז געווען לעבען וואָלאָזשין אַ קליינע שטעדטעלע און דאָרט איז געווען אַ איד אַ תלמיד חכם וועל־כער האָט זיך געהאַלטען פאַר דעם דאָרטיגען רב. באמת האָט ער געהאַט אַ שענק און איז געווען אַ שטיקעל נגיד, און די ווייב זיינע האָט ניט פּרעטענדירט צו זיין אַ רביצין, זי האָט בעסער געוואָלט אַז דער מאַן זאָל איהר העלפען אין געשעפט. די שטעדטעלשע בעלי בתים האָבען געוויס ניט געוואָלט האָבען זייערען אַן אייגענעם פאַר אַ רב. דער איד ווידער האָט זיך געערגערט דאַפון און געהאַט טענות צו „זיינע" בעלי בתים. קלאָגענדיג זיך פאַר רבי חיים'ן, זאָגט איהם דער לעצטער:

— איך ווייס ניט פאַרוואָס איהר רעדט זיך איין אַז איהר זייט דער רב פון אייער שטעדטעל. די בעלי בתים ווילען דאָך אייך ניט. אַלאַ וואָס, איהר קענט זאָגען, אַז אין ק י י ן שטעדטעל זיינען די בעלי בתים ניט צופרידען מיט זייער רב, איז דאָך אָבער ביי יעדען רב דאָ אַם ווייניגסטענס א י י ן מענש ביי איהם אין שטעדטעל וואָס וויל איהם פאַר אַ רב, און דאָס איז — זיין ווייב, די רביצין. ביי אייך אָבער וויל דאָך אייער ווייב אויך בעסער אַז איהר זאָלט איהר העלפען אין געשעפט און ניט פיהרען קיין רבנות, טאָ ווּעמען האָט איהר אויף אייער צד?...

ווי געזאָגט, איז אָבער רבי חיים'ס פּקחות געקומען צום אויסדרוק זעהר זעלטען. זיין חכמה, טיפע פאַרשטענדנים און אויסגעהאַל־טענקייט, האָט איהם שטענדיג באַגלייט, און דער סימן וועלכער אונטער־

# חכמה און פקחות

שיידעט חכמה פון פקחות, דאָס וואָס דער פקח איז ניט פעסט ביי זיינע מיינונגען, ווייל די פקחות איז אַן ענין פון אַ ווײַלע, עס גיט אַ בליץ אין קאָפּ און דאַמיט ענדיגט זיך, און אַ חכם איז פעסט און שטאַרק ביי דעם וואָס ער האַלט, ווייל חכמה איז דורכגעטראַכט און אָפּגעמאַכט — דער סימן איז אויך געווען ביי רבי חיים׳ן זעהר שטאַרק קענטיג. זיינע מיינונגען זיינען געווען ביי איהם דורכגעפיהרט אין לעבען און ער האָט זיך ניט געבויגען פאַר קיין כח אָדער השפעה.

בכל איז רבי חיים מיט זיין גאַנצער שטאַרקייט און קנאות פאַר זיינע אידעען ניט געווען אין דער אָפּענסיווע. ער האָט קיינעם ניט באַקעמפּט און האָט ניט געזוכט מיט אירגענד וועלכער שטאַרקייט דורכצופיהרען דאָס, וואָס ער וויל. טראָצדעם וואָס ער איז געווען באַקאַנט און האָט ניט באַהאַלטען זיין געגנערשאַפט צו געוויסע ערשיינונגען אין דעם אידישען לעבען, איז ער געשטאַנען אין די בעסטע באַציהונגען מיט די טרעגער פון די אידעען און זייערע וואָרט־פיהרער. ער האָט זיך פאַרהאַלטען צו יעדען איינעם לויט זיינע פערזענליכע אייגענשאַפטען, ניט קוקענדיג, וועלכע ריכטונגען אָדער מיינונגען דער מענש האָט פאַרטראָטען.

עס איז געווען אין אַ צייט, ווען אין וואַרשאַ איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף ביי וואַהלען פון „דאָזאָרעס" — פאַרטרעטער פון דער אידישער קהלה דאָרט. די הויפּט קעמפענדע צדדים דאַן זיינען געווען די אַסימילאַנטען פון איין זייט און די ציוניסטען פון דער אַנדערער זייט. זעהר פיל פון די חסידים זיינען געווען דאַן גענייגט צו שטיצען די אַסימילאַנטען געגען די ציוניסטען און מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין רבי חיים׳ס נאָמען, וועלכער איז געווען אין וואַרשאַ זעהר פּאָפּולער און מיט זיינע מיינונגען האָט מען זיך שטאַרק גערעכענט, אַז רבי חיים האָט געזאָגט, מען דאַרף בעסער וועהלען אַן אַסימילאַנט פאַר אַ דאָזאָר אַלס אַ ציוניסט. זייענדיג דאַן צוזאַמען מיט רבי חיים׳ען אין וואַרשאַ, האָב איך איהם דעריבער געפרעגט און ער האָט קלאָר געגעבען זיין תשובה:

— איך בין אַבסאָלוט ניט מסכים צו דער שיטה. ניט אַריינגעהענדיג אין דעם עצם הדבר, אויב ציוניסטען זיינען נעהנטער צו אידישקייט, ווי אַסימילאַטאָרען, אָדער זיי זיינען אומגעקערט אַ גרעסערע געפאַהר, בין איך איבערהויפּט מיט דער מיינונג, אַז צו זיין אַ פיהרער איז ניט קיין פראַגע פון פאַרטיי און שיטה, נאָר פון דעם פערזענליכען כאַראַקטער. אַפילו אמת׳ע פרומע אידען, ניט קיין אַסימילאַ־

טאָרען און ניט קיין ציוניסטען, וואָלט איך אויך ניט הייסען וועהלען, נאָר ווייל זיי זיינען פרומע אידען. ביי מיר אין בריסק זיינען דאָ אידען, וועלכע זיינען יראים ושלמים און ווען מען פרעגט מיך, אויב מען זאָל זיי מאַכען פאַר גבאים, וועל איך זאָגען, אז ניין. ווייל זיי זיינען שווערע מענשען און עס איז שווער מיט זיי צוזאַמענצורעדען זיך, זיי זיינען עקשנים, זיי ווילען ניט הערען, וואָס דער צווייטער זאָגט. איך קען ניט די אַסימילאַנטען פון ווארשא, איך קען עטליכע פון די ציוניסטען, אַנדערע פון זיי וואָלט איך ניט הייסען אויסקלייבען און אַנדערע וואָלט איך יע רעקאָמענדירט אלס דאַזאָרעס, ווייל מען קען זיך מיט זיי פאַרשטענדיגען. מען פיהרט ניט שטענדיג לויט אַ געוויסער פראָגראַם, נאָר ווי מען געפינט פאַר נויטיג, לויט די אומשטענדען, און דעריבער דאַרף זיין אַ פיהרער, צו אַלעם ערשטען, ניט קיין עקשן, ניט קיין איינגעשפּאַרטער, נאָר הערען וואָס דער צווייטער זאָגט און קענען נאָכגעבען, ווען ער זעהט, אז דער אַנדערער איז גערעכט.

נאָך דעם שמועס האָב איך געפרעגט רבי חיים'ען, אויב ער וואָלט וועלען אויפנעמען איינעם פון די ציוניסטישע פיהרער אין ווארשא — איצט איינער פון די אָנגעזעהענסטע מזרחים — און רבי חיים האָט איינגעוויליגט, מיט'ן מאָטיוו:

— וואָס אַרט דאָס מיך וואָס איך בין ניט מסכים צו זיינע מיינונגען, אויב ער וויל הערען פון מיר מ י י ן מיינונג — פאַרוואָס ניט?

און דאָס איז געווען ניט נאָר טעאָרעטיש, נאָר אויך פּראַקטיש. עס איז געוועזען אַ געוויסער סכסוך וועגען אַ ירושה צווישען יורשים און צווישען ישיבות. האָט רבי חיים געהייסען אויסקלייבען פאַר אַ בורר פון דעם צד פון די ישיבות אַ געוויסען ציוניסטישען עסקן דאַן, א ב ר ה ם פ א ָ ד ל י ש ע ו ו ס ק י, פון ווארשא, האַלטענדיג איהם פאַר פּאַסענד.

דעם איינציגען מאָל, וואָס עס איז אויסגעקומען רבי חיים'ען צו שטעהן אין אַ מחלוקת, איז געווען גראָד אין זיין שטאָדט, בריסק. אָפּיציעל האָט דאָס געהייסען, אַז עס איז אַ ציוניסטישער קאַמף, ווייל דער געגען־צד איז באַשטאַנען פון די פּערזאָנען, וועלכע זיינען דאַן געווען די ציוניסטישע פיהרער אין בריסק. אָבער אין דער ווירקליכקייט האָט זיך געהאַנדעלט וועגען שטאָדטישע ענינים, איבערהויפּט וועגען דער השפעה אין דער בריסקער תלמוד תורה. די תלמוד תורה אין בריסק האָט ענטהאַלטען דאַן פילע הונדערטער תלמידים און מען האָט דאָרט געלערענט פיל גמרא און דער גאַנצער כאַראַקטער פון דעם

אנשטאלט איז געווען אין רבי חיים׳ס גייסט. עס איז געווען אין דער צייט פון דער מלחמה פאר „כבוש הקהלות״ און א שטארקע גרופע פון רייכע און איינפלוסרייכע בעלי בתים, פון וועלכע א גרויסע טייל איז געווען לאקאלע ציוניסטען, האבען געזוכט איבערצונעמען די פיהרער־שאפט אין פארשידענע אנשטאלטען און די תלמוד תורה אויך צווישען זיי. מען האט געמאכט וואהלען און מען האט אויסגעקליבען נייע גבאים. ניט קוקענדיג דערויף, וואס צווישען דער גרופע מענשען זיינען געווען פילע, וועמען רבי חיים האט אויסגענוצט צו קריגען ביי זיי נדבות גרעסערע און קלענערע פאר כלל זאכען און פאר פרטים, אויך זיינען דארט געווען איניגע דאקטוירים, וועלכע זיינען שטענדיג געשטאנען צו רבי חיים׳ס דינסט, היילענדיג ארימע קראנקע און זיינען דאדורך געווען מיט איהם אין זעהר אפטע באריהרונגען וועגען צדקה ענינים — ניט קוקענדיג דערויף, האט רבי חיים אונטערגענומען א שטארקען קאמף ניט צוצולאזען, אז די תלמוד תורה זאל אריבער אין זייערע הענט. דער קאמף איז געווען זעהר א ביטערער און א שארפער, אבער דער זיגער איז געווען רבי חיים.

אויסער די גייסטיגע ליידען, וועלכע רבי חיים האט דאן געליטען, ווייל בטבע איז ער געווען אן עקסטרעמער שלום־מענש, האט ער אויך דורך דער מחלוקה געליטען עקאנאמיש. אין בריסק איז אין יענער צייט געווען איינגעפיהרט, אז א חשוב׳ער בעל הבית האט געהאט די אויפזיכט אויף רח״ש, וועלכע ווערט איינגעמאנט ביי יעדער חתונה. דער מאן האט געוואוסט אפצושאצען יעדע חתן־כלה, וויפיל נדן עס איז דא און וויפיל מען דארף געבען רח״ש. א גרויסע טייל פון דעם רח״ש איז געווען דעם רב׳ס הכנסה. דער „ראבינער״ — „קאזיאנער רב״ — האט ניט ארויסגעגעבען קיין ערלויבעניש צו שטעלען א חופה, איידער ער האט ערהאלטען א צעטעל פון דעם בעל הבית, דער ממונה דארויף, אז דער ענין רח״ש איז ערלידיגט. דער מאן, וועלכער האט געהאט די אויפזיכט דארויף, ניט קיין ציוניסט, איז אויך געשטאנען אין דעם צד פון רבי חיים׳ס געגנער און מען האט געזאגט, מיט רעכט אדער מיט אומרעכט, אז דאדורך, וואס ער איז געגען דעם רב, איז ער „מסיל״ אין נעמען רח״ש, כדי דעם רב׳ס הכנסה זאל זיין קלענער. ווען די נאהענטע צו רבי חיים׳ען האבען איהם אויפמערקזאם געמאכט דארויף און פארלאנגט פון איהם, ער זאל איבערגעבען די אנגעלעגענהייט צו אן אנדער בעל הבית, האט רבי חיים ניט געוואלט הערען דערפון.

— „אך וואס רעדט איהר? וואס האט צו טאן איינס מיטן אנ־

דערען?" האָט ער געענטפערט זיינע מקורבים. דען ניט נאָר וואָס די גאַנצע פראַגע פון געלט איז ניט געווען וויכטיג ביי רבי חיים'ען, ער האָט אויך ניט געקענט צולאָזען דעם געדאַנק, אַז ווייל עס איז דאָ אַ מחלוקת וועגען דער תלמוד תורה, זאָל ער ברייגגען דערצו, אַז אימיצער זאָל דאַדורך באַליידיגט ווערען.

די מחלוקת אין בריסק האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען אין צייט, און מיט די פּערזאָנען, וועלכע זיינען געשטאַנען בראש פון דעם קאַמף, האָט רבי חיים ווידער געהאַט די פריינטליכסטע באַציהונגען אין אַלע שטאָדטזאַכען. אָבער אין זיינע געפיהלען האָט דאָס געלאָזען אַ רושם, איבערהויפּט האָט דאָס פאַרשטאַרקט אין איהם די מורא, אַז פיל פון די ציוניסטען ווילען רעפאָרמירען די תלמוד תורה'ס און די אידישע ערציהונג. דער „חשד" איז געווים ניט געווען קיין פאַלשער... אָבער דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין רבי חיים'ס שריפט אַנדערש ווי ער האָט אַליין געוואָלט. מען האָט אין יענער צייט אָפּגעדרוקט אַ פּראָפּאַגאַנדע־ביכעל געגען ציוניזמוס מיט'ן נאָמען „אור לישרים" און דאָרט איז דאָ אַ בריף פון רבי חיים'ען, אין וועלכען ער שרייבט וועגען די ציוניסטען „הידועים במקומותיהם לרעה". די וועלכע האָבען געקענט רבי חיים'ען מיט זיין וואונדערבאַרען כאַראַקטער און פאַרזיכטיגקייט אין יעדען אויסדרוק, האָבען איהם געפרעגט, ווי קומט צו איהם אַזאַ שאַרפער אויסדרוק, האָט ער געענטפערט מיט פיל זיכערהייט, אַז ער האָט געשריבען: ו מ ה ם הידועים במקומותיהם לרעה". אַ „קליינער" אונטערשיד, וועלכען די ארויסגעבער האָבען אַ „ביסעל" קאָרעגירט...

אַן אויסגעהאַלטענקייט האָט רבי חיים באַוויזען ביי אַ געוויסער אַנגעלעגענהייט. דער באַוואוסטער פּראָפעסאָר ח ו ו אָ ל ס אָ ן פון פעטערבורג האָט געפייערט אַ יובילעאום, און פון אַלע שטעדט האָט מען איהם געשיקט גראַטולאַציאָנס דעפּעשען. אויך באַריהמטע רבנים האָבען איהם גראַטולירט. מען האָט ווי פאַרגעסען זיין אָפּשטאַמונג, מען האָט נאָר געדענקט זיין פאַרטיידיגונג אין אַ „עלילת דם" מיט זיינע ביכער, וועלכע ער האָט געשריבען אויף דעם געביט. ער אַליין, חוואָלסאָן, האָט זיך געהאַלטען נאָהענט צו רבנים און צו משכילים, מען פלעגט איבערזאָגען פון איהם, אַז ער האָט געשריבען „ועכשו, שנוצרתי כאלו לא נוצרתי"... אין בריסק האָבען זיך אויך צוזאַמענגענומען אַ גרופּע עסקנים און האָבען פאַרפאַסט אַ טעלעגראַמע צו חוואָלסאָנ'ען. מען איז

## חכמה און פקחות

געקומען צו רבי חיים׳ען בעטען זיין אונטערשריפט. ער האָט אָבער געענטפערט קורץ און שארף:

— צו משומדים שיק איך ניט קיין ברכה.

מען האָט, ווי געוועהנליך, אָנגעפאַנגען דיסקוטירען און באַווייזען, וועלכע טובות חוואָלסאָן האָט געטאָן, און וועלכען נוצען ער האָט גע־בראַכט א. ז. וו. רבי חיים איז געבליבען ביי דאָס זייניגע:

— עס קען זיין אמת, אָבער אַ משומד בלייבט אַ משומד און מיט משומדים האָב איך ניט צו טאָן.

ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס רבי חיים האָט זיך פאַרהאַלטען גוט און מילד צו יעדען מענשען, קליין אָדער גרויס, פּראָסט אָדער געלע־רענט, האָט ער ניט געקענט דולדען ווען עם־הארצות האָט אויפגע־הויבען דעם קאָפּ. עס איז געווען ביי אַ געוויסען שידוך אין זיין פאַמיליע, ווען רבי חיים האָט געאַויסערט מיט ביטערקייט:

— דער שידוך וואָלט געווען נישקשה, אָבער דער מחותן איז אַן עם הארץ.

דאַרויף, פרעגענדיג, וואָס מאַכט דאָס אויס, ווייבאַלד ער איז אַן עהרליכער איד און ער ווייסט דאָך אַליין, אַז ער קען ניט לערנען, וועט ער דאָך מכבד זיין אַ תלמיד חכם, האָט רבי חיים געענטפערט:

— געוויס ווייסט ער, אַז ער איז אַן עם הארץ, ער מיינט אָבער, אַז דאָס איז אַ יחוס...

די מילדקייט פון געזיכט און די זיסקייט אין רעדען איז געקומען אַמשטאַרקסטען ווען רבי חיים האָט גערעדט מיט קליינע קינדער, אַפילו קינדער פון גאַס. מען שטעהט אַזוי, אין הויכען זומער, אין די „ניין טעג", ביי אַן אָפען פענסטער און מען שמועסט. לויפט אָן אַ קליין אינגעל, אַ בלאַסער, אַן אָפּגעריסענער, און בלייבענדיג אויפ׳ן גאַס, שרייט ער צו רבי חיים׳ען:

— מיין מאַמע האָט מיך געשיקט פרעגען אויב איך מעג עסען אַ שטיקעל פלייש אין די ניין טעג.

ענטפערט איהם רבי חיים:

— געה אַהיים און זאָג דער מאַמען, אַז זי זאָל דיר געבען פלייש און זי אַליין זאָל אויך עסען פלייש. דו הערסט? זאָג אַזוי דער מאַמען: דו זאָלסט עסען און זי זאָל אויך עסען פלייש.

און צו די, וועלכע שטעהען אַרום איהם, זאָגט רבי חיים:

— איהר זעהט ניט? אַ בלייכער אינגעלע, מסתמא איז זיין מאַמע אַ שוואַכע...